STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08309

SHPIL TSUM TSIL

Sem Liptsin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שפּיל־צום ציל



פון

סעם ליפּצין

הומאָרעסקעס, מאָנאָלאָגן, רעציטאַציעס
און קינדער־ליד־לאַך • פאַרווײַלונגס־
מאַטעריאַל פאַר אונטערנעמונגען

פאַרלאַג: „אַמכאָ"
ניו־יאָרק • 1949

AMCHO PUBLISHERS
2812 Bronx Park East
Bronx 67, N. Y.

ביכער און ביכלעך פון סעם ליפּצין (קוועקזילבער):

גוט־מאָרגן
אַ פריילעכס
קאַמפּלוסטיג
קריג און זיג
לאָמיר זינגען
ניטגעדאיגעט
אַ גוט־יאָנטעוו
הערט אַ מעשה
רויטע פּעפּערלעך
פאַר רויטע אָוונטן
לעבעדיג און לוסטיג
צע־לאַכ־עם די טרערן
מיט געזאַנג אין קאַמף
געקעמפּט און געלאַכט
אויף לייטיש געלעכטער
איך לאַך פון דער וועלט
קוועקזילבער׳ס פּענשטיפּעריען
„אין ספּאַיט אָוו טיערס״ (ענגליש)

שפּיל — צום ציל
SHPIL ZUM TZIL

Copyright, 1949, by
SAM LIPTZIN
New York, N. Y.

מיין דאַנק צו י. בוראַקאָוו, פאַר זיין אויפמערקזאַמקייט ביים זעצן דאָס בוך.

פּראָמפּט פּרעס, 113 — 4טע עוועניו, ניו־יאָרק 3, נ. י.

PRINTED IN U.S.A.

209

א י נ ה אַ ל ט :

הומאָרעסקעס און מאָנאָלאָגן

דער לעצטער קעניג (קינדער־מעשה׳לע) 7
מיין בלוט פאַר ישראל (מאָנאָלאָג) 11
לחיים פאַר אַ פורים אַ נייעם (הומאָרעסקע) 14
וואָס שווייגט איר? (מאָנאָלאָג פון אַ מלחמה־קרבן) 18
ביי טאַטע־מאַמע אויף ניי־יאָר (בילד) 22
ערזאַץ־מענטשן (פענשטע־פריי) 25
„דער אָלרייטניק"... (סאַטירע) 28
דער פעסט־רעדנער (הומאָרעסקע) 31
„סאַם־ספיקער" (הומאָרעסקע) 35
בוך־ווייטאָג און בויך־ווייטאָג (הומאָרעסקע) 38
ער וויל אַן אויטאָמאָביל (הומאָרעסקע) 41
אָפגעשפּילט אַ חתונה׳קע (הומאָרעסקע) 45
פאַרשפּילט אַ וואַקאַציע (הומאָרעסקע) 50
מ׳קאָן זיך ניט אויסבאַהאַלטן (הומאָרעסקע) 54
אַ שטילע וואַקאַציע (הומאָרעסקע) 57
„רומס" מיט „פּוירניטשור" (מאָנאָלאָג) 60
געסט . . . (הומאָרעסקע) 64
אויף חנוכה־לאַטקעס ביי דער מאַמען (בילד) 67
„קרעפּלעך זאָלסטו עסן" (מאָנאָלאָג) 70
היימי כאַפּ־לאַפּ (הומאָרעסקע) 73
אין שאַפּ „שטיבל" (פענשטע־פעריי) 75
אַ פאַרדונגענע סוכה (הומאָרעסקע) 78
ניטאָ קיין אַפּעטיט (הומאָרעסקע) 81
אַ קלאָג פון אַ שרייבער (הומאָרעסקע) 84
הערינג מיט קאַרטאָפל (הומאָרעסקע) 87
אַמעריטשקע גנב (פענשטע־פעריי) 90
אין לעיקוואוד ביים לעיק (הומאָרעסקע) 93
אַן אלמנה מיט דערפאַרונג (פּרויען־מאָנאָלאָג) 96
פרעגט ניט קיין עצות ביי אַ נאַר.. (אַ שפּאַס) 99

זי האָט „פאַרקויפט“ דעם מאַן (פענשטיפעריי) 101
אַ מיטל פאַר שיינקייט (הומאָרעסקע) 104
מיר פאַר דיר (פענשטיפעריי) 107
זיך איבערגעבעטן (פענשטיפעריי) 109
אַ בריוועלע דעם טאַטן (בילד) 111
זאָל דאָס גיין מיטן רויך... (פענשטיפעריי) 113
אַן אויסגערעכנטער מענטש (פענשטיפעריי) 115
צרות פון אַ שניפּס (הומאָרעסקע) 117

רעציטאַציעס און קינדער־ליד־לאַך

חי — פונדאָסניי (רעציטאַציע) 119
עס קאָן זיין 120
עס שטייגט (רעציטאַציע) 121
ווען איך וועל אַ גרויסער זיין (קינדער־ליד) 124
דו ביסט אַ קאָמוניסט (רעציטאַציע) 125
דער זייגער (קינדער־ליד) 127
ווען איך קאָן זאָגן (רעציטאַציע) 128
טעג און יאָרן 131
טעלעוויזשאָן (רעציטאַציע) 132
אין דאָלער־לאַנד (רעציטאַציע) 135
„לעיבאָר־דעי“ (רעציטאַציע) 137
מיין טאַטע איז אַ מייסטער (קינדער־ליד) 138
פאַר פרידן (רעציטאַציע) 139
יונג און אַלט 140
דער לערער (קינדער־ליד) 141
אַזאַ גולם (קינדער־ליד) 141

פאַדערבלאַט געצייכנט פון **זוני מאָוד**

פאַרלאַג „אמכא“ ניו־יאָרק, 1949

אַ מתנה מיין טייערער און ליבער מאַמע רחל
— צו איר 85טן געבוירנטאָג

שפּיל—צום ציל

פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער, וועלכע ווילן זיך באַנוצן מיטן מאַטעריאַל פונעם בוך „שפּיל—צום ציל״, דאַרפן זיך ווענדן צום מחבר פאַר אַ דערלויבעניש:
SAM LIPTZIN, 2812 Bronx Park East, Bronx 67, N. Y.

דער לעצטער קעניג

(אַ מעשה׳לע)

אַ לאַנגע צייט, בייטאָג און ביינאַכט, האָט ניט אויפגעהערט צו דונערן און בליצן. אַ בייזער שטורעם האָט געריסן טיר און פענצטער. כוואַליעס האָבן אַראָפּגעוואַשן אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אין וועג.

אין אַ צימער, איינגעשלאָסן פאַר זיך אַליין, איז געזעסן קעניג פּאַראַזיטוס דער לעצטער. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. די שטענדיגע מורא, אַז זיינע נאָענטע און פריינט ווילן אים אָפּראַמען פון וועג און איבער־נעמען זיין פירערשאַפט, האָט אים אַ מינוט ניט פרייגעלאָזט זיין געדאַנק. ער האָט אויך געוואוסט, אַז זיינע באַדינער פאַרשליסן פאַר אים דעם אמת, וואָס דאָס פאָלק דענקט וועגן אים און זיין קעניגלעכן הויף...

נאָך שעה׳ען פון אַנגסט און שרעק, האָט ער אַ רוף געטאָן צו זיך זיין שיך־פוצער און געגעבן אַ באַפעל:

— גיי אַרויס אין רעגן און שטורעם און ברענג מיר צוזאַמען אַלע צייטונ־גען. וואו דו וועסט קריגן צו קויפן אַ צייטונג, אַ נייע, אַן אַלטע, ברענגט דאָס דאַ־אַ אַהער.

דער שיך־פוצער, אַ צעשראָקענער, האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבערן שטאָט און אין אַ קורצער צייט איז דער קעניג פּאַראַזיטוס געווען איינגעשלאָסן ווי אין אַ פּאַפּירענער ראַם פון צייטונגען און זשורנאַלן.

ער האָט גענומען בלעטערן די צייטונגען און זיין אויג איז געפאַלן אויף שטיקלעך נייעס, וואָס האָבן דערציילט: דער קעניג פון דעם און דעם לאַנד איז געוואָרן אַן אַריינפירער פון די געסט אין אַ „קרעטשמע״; אַ צווייטער קעניג איז געוואָרן אַ ספּעציאַליסט צו בראָטן שאַשליק אין דעם רעסטאָראַן „קאַווקאַז״; אַ דריטער קעניג וואַשט די געשיר אין „ראַשען סקאַזקאַ״; אַ פערטער קעניג לערנט זיך צוגרייטן מאַמעליגע אין דעם רומענישן רעסטאָראַן „פּרעסאַרניע״.

דעם קעניג פּאַראַזיטוס איז אַדורך אַ סקרוך איבערן לייב. ער האָט געלייענט, געשלונגען און זיך געוואָרגן מיט יעדן וואָרט. אַ פראַגע־צייכן האָט זיך אים געשטעלט פאַר די אויגן: וואָס איז דאָס געוואָרן פון די קעניג־רייכן, דינאַסטיעס, קעניגלעכע פאַמיליעס און זייער האָב־און־גוטס?

צוזאַמען מיט די דונערן בליצן האָבן אים גענומען פליען פונקען פאַר די אויגן. ער האָט אַריינגערופן אימפּעריאַליוס'ן, איינעם פון זיינע ראַט־געבער, און מיט שרעק אָנגעוויזן אויף די נייעס אין די צייטונגען.

אימפּעריאַלוס האָט מיט אַ כיטרע שמייכעלע פּרובירט דעם קעניג באַרואיגן, אַז דאָס איז ניט קיין נייעס, נאָר — —אַ פאַרזעצונג פון אַ ראָמאַן, וואָס איינער האָט פאַרטראַכט, און אַז דער פאַרפאַסער העגנגט שוין אויף אַ בוים... ער האָט אויך גענומען דערציילן דעם קעניג פּאַראַזיטוס, ווי אַזוי צוועלף מענטשן האָט מען געשאָסן, געהאַנגען און דערטרונקען פאַר רעדן שלעכטס אויפן קעניג; אַנדערע האָט מען אָפּגעבראָטן, און נאָך אַנדערע — פאַרשיקט אין שטענדיגער פינצטערניש...

וואָס מער אימפּעריאַלוס האָט אים דערציילט פון גרוילן, אַלץ אַ גרעסערער גרויל האָט דעם קעניג דורכגענומען, ווייל ער, קעניג פּאַראַזיטוס, האָט אים ניט געגלויבט אַ וואָרט... ער האָט שוין דערפילט ווי אַזוי דאָס פאָלק האָט זיי אַלעמען פיינט...

אומרואיג האָט ער אַרומגעשפּאַנט פון טיר צו טיר, אַלע מאָל וואַרפנדיג אַ בליק אויף די צייטונגען, צו זען וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

אין אַ מאָמענט, ווען דער שלאָקס־רעגן און שטורעם האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט דער קעניג פּאַראַזיטוס דער לעצטער אַ כאַפּ געטאָן דעם שיך־פּוצער'ס מונדיר אויף זיך און זיך אַרויסגעכאַפּט פון שלאָס, רעדנדיג צו זיך אַליין:

— איך וויל אַליין מיט מיינע אייגענע אויגן פּרובירן זען וואָס עס טוט זיך אין גאַס.

ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין פערד און פייל־פון־בויגן איז ער פאַרשוואונדן אין אַרעמען געגנט פון שטאָט. ער האָט דעם פערד לויז־געלאָזט און אַליין זיך גענומען אַרומדרייען צווישן די שענקען און גאַסן־יונגען.

ווען ער איז מיד געוואָרן פון אַרומוואַנדערן איבער די גאַסן, איז ער אַריין צו אַ פויער און געבעטן נאַכטלעגער. דער פויער האָט אים געוויזן אַ פּלאַץ אין איינעם פון די שטאַלן.

ליגנדיג אין שטאַל אויף די היי און טראַכטנדיג פון דעם מאָרגנדיגן טאָג, האָט ער דערזען אין אַ צווייטן ווינקל שלאָפנדיג אַ פאַר'שיכור'טן בעטלער...

— הער זיך צו, — האָט קעניג פּאַראַזיטוס דער לעצטער גענומען צו רעדן. — באָרג מיר אויס דיינע בעטלער־קליידער און דו וועסט קריגן מיינע אָנצוטאָן; דערצו וועסטו קריגן פאַר דעם אַ טייסטער פול מיט גאָלד־שטיקלעך און נאָך אַ פלאַש בראַנפן דערצו.

דער פאַרשנאָשקעטער בעטלער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם אָנבאָט. ער האָט גלייך אויסגעטאָן זיין כאַלאַט מיט די לאַפּטשעס פון די פיס און איבער־געגעבן דאָס אַלץ צום קעניג פּאַראַזיטוס. אַליין האָט ער זיך אָנגעטאָן אין דעם שיך־פּוצער׳ס קליידער, וואָס דער קעניג האָט געטראָגן.

ווען דער קעניג פּאַראַזיטוס איז שוין געשטאַנען אין די בעטלער־קליידער, האָט ער זיך ווידער געווענדט צום שיכור׳ן בעטלער:

— איצט וויל איך נאָך אַ קלייניגקייט פון דיר: גיי אַרום אַ גאַנצן טאָג און אָוונט איבער די גאַסן און שיינקען, הער זיך איין וואָס פאַרשיידענע מענטשן רעדן צווישן זיך, וואָס עס זאָגן אַרבעטער, געשעפטסלייט, פּויערים, ניכטערע און שיכור׳ע, און מאָרגן, ווען איך וועל דיר טרעפן, זאָלסטו דאָס אַלץ מיר איבערגעבן וואָרט אין וואָרט. דערפאַר, — האָט דער קעניג פּאַראַזיטוס אים אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע, — וועסטו קריגן אַ פלאַש ווייַן פון די סאַמע בעסטע סאָרטן...

זייער צופרידן, איז דער בעטלער אַרויס איבערן שטאָט אין איין וועג. אויף אַ צווייטן וועג האָט זיך אַרויסגעלאָזט דער קעניג פּאַראַזיטוס אין דער ראָלע פון אַ בעטלער, צו שנאָרן איבער די גאַסן און הערן וואָס דאָס פאָלק רעדט צווישן זיך.

דער קעניג האָט געוואָנדערט גאַס־איין גאַס־אויס. אַנדערע האָבן געגעבן אַ נדבה און אַנדערע ניט, אָבער קללות האָבן אַלע געגעבן אויף די, וועלכע פירן שלעכט דאָס לאַנד; אויף די, וועלכע באַרויבן דאָס פאָלק און ברענגען צו בעטל־ברויט, צו אָרעמקייט און נויט.

אַ מידער און דערשלאָגענער איז אין אָוונט דער קעניג געקומען צו זיין געלעגער. ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט דעם בעטלער אין דעם שיך־פּוצער׳ס קליידער, האָט דער קעניג אַרויסגענומען אַ צאָל מטבעות פון די קעשענעס און דאָס איבערגעגעבן צו אים, באַמערקנדיג דערביי:

— דאָס האָב איך געקראָגן פון גוטע מענטשן, טראָגנדיג דיינע אָרעמע בעטלער־קליידער. דאָס, ברודערל, געהערט צו דיר.

ווען דער בעטלער האָט דערהערט אַזעלכע פריינטלעכע רייד פון דעם מענטשן, וואָס האָט אַזויפיל געלט, שנאַפּס, ווייַן, און אַזעלכע פיינע קליידער מיט זיך, האָט ער געקראָגן צוטרוי און גלויבן אין דעם מאָדנעם גאַסט, און דער בעטלער האָט אים געענטפערט:

— דו, מיין הער, האָסט מיר איבערגעגעבן דאָס, וואָס דו האָסט געקראָגן, טראָגנדיג מיינע קליידער, איצט וועל איך דיר איבערגעבן דאָס, וואָס איך האָב געקראָגן טראָגנדיג דיינע קליידער: „אַרויס, דו משרת פון קעניג!“ —

האָבן מענטשן צו מיר געזאָגט. — „ווער גע׳הרג׳עט מיט דיין קעניג צוזאַמען! אָפּגעמעקט זאָל ווערן דער קעניג מיט אַלע זיינע גענעראַלן! דער קעניג איז אַ הונט, און אַ הונט דאַרף קריגן אַ שטעקן... אַ בייזער סוף אויף דער גאַנצער קעניגלעכער דינאַסטיע!“

דער קעניג האָט געמאַכט אַן אַנשטעל ווי ער וואָלט גאָר ניט געוואוסט וואָס דער בעטלער זאָגט דאָ, און גיך זיך אַזוי אומשולדיג אַ פרעג:

— פאַרוואָס, ברודערל, שילט מען דאָס אַזוי שטאַרק דעם קעניג און זיינע גענעראַלן? וואָלסטו געוואָלט ווערן קעניג?

דער בעטלער האָט געווישט מיטן אַרבל די גאָלדענע קנעפּ אויפן מונדיר פון דעם שיך־פּוצער און שטיל, ווי צו זיך, גערעדט:

— ניין, קיינער וועט שוין מער קיין קעניג ניט זיין! קעניג פּאַראַזיטוס איז דער לעצטער קעניג. ניט נאָר זאָגן אַזוי אַלע אַרבעטער, און זיי מעג מען גלויבן, נאָר אַלע מענטשן זאָגן אַזוי: אַ פלוך אויף אַלע קעניגן!

— איז וואָס וועט פון דיר זיין? — פרעגט קעניג פּאַראַזיטוס מיט אַן אומשולדיג פּנים.

— יאָ, יאָ, — האָט דער בעטלער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — ווען עס וועט ניט זיין קיין קעניג, וועלן קיין בעטלער ניט זיין!...

מיין בלוט פאַר ישראל

(אַ מאָנאָלאָג)

צוויי טויזנט יאָר האָט מיין בלוט ניט גערוט. שונאים האָבן געצאַפּט מיין בלוט, פּאַראַזיטן האָבן געזויגן מיין בלוט, פּאָגראָמשטשיקעס האָבן פאַרגאָסן מיין בלוט, און דאָך האָבן די שונאי־ישראל שטענדיג געמאַכט אַ בלבול, אַז די אידן נוצן קריסטלעך בלוט...

די נאַציס און פאַשיסטן האָבן דערטרונקען זעקס מיליאָן אידן אין זייער אייגן בלוט. היטלער האָט באַשלאָסן אָפּצומעקן אַלע אידישע נעמען, וואָס האָבן אַזויפיל מוט און בלוט געגעבן צו דער וועלט. נאָר איין נאָמען האָט ער זיי געלאָזן — ישראל.

איצט האָט סאָוועטנלאַנד באַצאָלט אַ חוב צו ישראל פאַר די לידן אונטער די צאַרן, פאַר די לידן אונטער די פריצים און צאַרישע זשאַנדאַרן. דער רויטער שטערן איז געווען פון די ערשטע צו וואָרפן ליכטיגע שטראַלן צו ישראל, האָט אויסגעראָטן דעם אַנטיסעמיטיזם ביי זיך אין לאַנד און אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו מדינת־ישראל; האָט מעגלעך געמאַכט, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל טאַנצן אויף היטלערס קבר, און — אויף דעם וואַנדער־שטעקן אויפהענגען אַ אידישע פאָן.

און איך, איינער פון די וואַנדערער, גיב איצט מיין בלוט, — ניט צום פּאַראַזיט, ניט צום פּאָגראָמשטשיק, ניט צום שונא, נאָר — צו מיין פאָלק ישראל, פאַר די קעמפער פון מדינת־ישראל, פאַר אַ פריי ישראל.

יאָ, דאָקטאָר, איך בין געקומען געבן מיין בלוט פאַר די בראַווע קעמפער פון ישראל; פאַר דעם קליינעם דוד׳ל, וועלכער פירט אַ קאַמף געגן דעם גרויסן גלית־הפלישתי — בעווין.

מיין פאַמיליע האָבן די נאַציס פאַרברענט, מיין זון איז געפאַלן אין שלאַכט פאַר אַ פרייער וועלט, און איך, אַ פּראָגרעסיווער איד, בין געקומען געבן מיין בלוט צו מאַכן די וועלט געזונט און מיין פאָלק פריי.

ווען דער שונא באַליידיגט מיך, קאָסט מיר בלוט. ווען מ׳זעצט מיך אויף געטאָ־בענק, קאָסט מיך בלוט. ווען מ׳פירט איין פאַר מיר אַ פּראָצענט־נאָרמע, צאַפּט מען מיין בלוט. ווען מ׳לאַכט פון מיין אידישער נאָז, גיסט זיך מיין בלוט. ווען מ׳וואַרפט מיר צו פאַלשע פּראָטאָקאָלן, באָדט מען זיך אין

מיין בלוט. איצט, דאָקטאָר, האָב איך איך געבראַכט מיין בלוט מיטן גאַנצן הארצן פאַר אַ קינד פון ישראל.

פריער האָבן אַלטע לייט אין ארץ־ישראל געוואָרט צו שטאַרבן, איצט וויל די יוגנט דאָרט לעבן, בויען און שאַפן אַ פרידלעך לעבן מיט אַלע שכנים.

צוויי טויזנט יאָר ווי דער איד וואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאַט צו שטאַט, און שטענדיג היימלאָז מיט זיין שפּראַך, מיט זיין קולטור. אין איין לאַנד — „יודע", אין אַ צווייטן — „שיני", און אין אַ דריטן לאַנד בויגט מען אים אויף די קני, מ'דרייט אים אין אַפּראַגע־צייכן.

דאָ איז זיי ניט געפעלן מיין נאָז, און דאָרטן — מיינע אויגן. און אַז מ'האָט געוואָלט, האָט מען גלאַט געוואָרפן בלאָטע און שטיינער אויף אונזער נאָמען. אין איין לאַנד האָט מען אונז ניט אַריינגעלאָזט, פון אַ צווייטן — ניט אַרויסגעלאָזט. איין טאָג באַשולדיגט מען דעם איד אין זיין אַ קאָמוניסט, אַ צווייטן טאָג — אין זיין אַ באַנקיר.

איצט, דאָקטאָר בין איך איינער פון פאָלק ישראל, מיט אַלע מעלות און חסרונות פון אַלע פעלקער.

מיין ליוב צום סאָוועטנלאַנד, וועלכער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר מיר און פאַרוואַנדלט די געלע לאַטע אין אַן עמבלעם פאַר ישראל. מיין דאַנק צו די מיליאָנען אין אַמעריקע, ווי אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט, וועלכע האָבן דערהערט דעם אידנ'ס קרעכץ און דערלאָזן ניט, אַז ישראל זאָל פאַרטרונקען ווערן אין אויל...

נעמט, דאָקטאָר, מיין בלוט — אַ גוטע מאָס, און זאָל מיין בלוט טריפן אין אַ קעמפער, וואָס קעמפט פאַר פריינטשאַפט פון איד און אַראַבער, פאַר ליבשאַפט, צו פאַרזיכערן דעם קיום פון אידישן און העברייאישן וואָרט; פאַר אַ פּראָגרעסיווער וועלט, אַן עקספּלואַטאַציע, אַן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם.

נעמט נאָך, דאָקטאָר פון מיין בלוט. זאָל די אידישע בלוט־באַנק" ווערן רייך און באַשיצן די בראַווע העלדן פון ישראל.

גיי געזונט, מיין בלוט! ווער אַ תושב אין נייעם לאַנד. און וואו דו וועסט קומען, אין די נייע אַדערן, מאַך אים צו פילן, זאָל דאָס בלוט פון אים מאַנען: פרייהייט און גלייכהייט צו אַלע אידן ווי צו אַלע פעלקער.

זאָג אים, אַז דאָס איז שוין אין דיין בלוט צו קעמפן קעגן געמיינהייטן, קעגן נידערטרעכטיגקייטן, וואָס ווערן געטאָן פון מענטש צו מענטש.

זיי געזונט, מיין בלוט, און מאַך געזונט אַ צווייטן. און דאָס נייע בלוט, וואָס וועט מיר צוקומען, וועט ווידער מאַנען און פאָדערן: אָפּגעווישט זאָל ווערן דער נייער המן — בעווין! אָפּגעמעקט זאָל ווערן דער קליינער היטלער

— מופטי! אויסגעקאָרעניעט זאָלן ווערן די שונאי־ישראל!

פליס, מיין בלוט, אין די אָדערן פון אַ קעמפּער. מאַך קלאַפּן זיין האַרץ פאַרן קיום פון זיין פאָלק, ער זאָל ווידער לערנען, זינגען, שאַפן האָבן פרייד פון זיין אויפבוי, זען זיין פרוי און קינד. ער זאָל קאָנען פלאַנצן און זייען און שניידן מיט פרייד די פרוכט.

זיי, מיין בלוט, דער אַמבאַסאַדאָר אין ישראל, דער פאָרשטייער פון אַ אידן, וואָס וויל זען אַ פרייע וועלט, אַ פריי ישראל.

דאָקטאָר, מיט מיין בלוט איז איצט געבוירן אַ נייער מענטש! זאָל זיין נאָמען זיין ישראל, און — עם ישראל חי!

לחיים, פאַר אַ פּורים אַ נייעם!

דאָס אַלטע פּאָר פּאָלק שרה׳קע און שלמה מיכלין האָבן אַלע זייערע יאָרן געהערט זאָגן, אַז „פּורים איז ניט קיין יום־טוב און קדחת איז ניט קיין קרענק״ . . . נאָר זינט די קינדער און קינדס־קינדער קומען פּורים צו־גאַסט, ברענגען און קריגן שלח־מנות, פרעגן זיך נאָך ביי דער באָבען אויף המן־טאַשן און ביים זיידן אויף גראַגערס — איז פּורים אַ יום־טוב ווי אַלע יום־טובים — און ניט נאָר איז פּורים אַ יום־טוב, נאָר קדחת איז אויך אַ קרענק...

זינט זיי האָבן געהערט די נייעס און ווי די שכנים האָבן דערציילט, אַז ווען מ׳האָט געפירט דעם היינטצייטיגן המן מוסאָליני צו דער תליה, האָט אים געוואָרפן אַ קדחת; אַזוי אויך ווען היטלער האָט געהערט, אַז די „רויטע״ קומען אָן אין בערלין, האָט אים געוואָרפן אַ קדחת, אַזש דער דאַך האָט זיך געשאָקלט, — איז איצט קדחת ביי שרה׳קען און שלמה׳ן די בעסטע און טייערסטע קללה...

ווען די מיכלינס הערן איצט ווי מ׳רעדט פון נייע, פרישע און אַלטע אַנטיסעמיטן און פאַשיסטן, האָבן זיי איין וואָרט — אַ קדחת אויף זיי!

די באָבע שרה׳קע, כאָטש אַביסל טויבלעך, קאָן ניט פאַרטראָגן דעם מינדסטן טומל; זי קאָן ניט קוקן אויף אַ זייגער, ווען מ׳זאָגט איר, אַז ער קלאַפּט צו שטאַרק. קומט אָבער פּורים, בעט זי איר אַלטן שלמה׳ן צו באַזאָרגן די אייניקלעך מיט „דרייערס״, און נאָר גוטע — בעט זי — זיי זאָלן גראַגערן און רייסן די אויערן אַזוי שטאַרק ווי מעגלעך. נישקשה, טענה׳ט זי צו די שכנים, די המנס האָבן זיך דאָס כשר פאַרדינט... זאָלן זיי נאָר האָבן קורצע שטריק אויף די תליות... ווי זיי האָבן די אידן געקירצט די יאָרן.

פּורים גאַנץ פרי צעשטעלט זי זיך אין קיך אַ טוצן טעצלעך און הויבט אָן פוצן די שלח־מנות׳ן פאַר די קינדער און קליינוואַרג.

— שלמה, — גיט זי אַ רוף דעם מאַן, — גיב נאָר אַ צעצייל אויף די טעצלעך צו דריי ניס, צען ראָזשינקעס, צו צווי פלוימען, צוויי לאַנדערינקעס. די המן־טאַשן, אָדער זאָל זיין ווי דו זאָגסט, די היטלער־טאַשן, וועל איך שוין אַליין צעלייגן.

אַז די אַלע שלח־מנות׳ן זיינען צעלייגט אויף די טעצלעך און טעלער, באַדעקט זי זיי מיט ווייסע סערוועטקעס, דאַן פאַרשטעקט זי די ברעגן פון

דעם פיין־אויסגעניייטן פאַרטעכל אונטערן בענדל און זעצט זיך ביים פענצטער אַרויסקוקן אויף די געסט.

צו דער באָבע שרה׳קען און זיידן שלמה׳ן, ווי אַלע רופן זיי, קומען ניט נאָר פון דער נאָענטער פאַמיליע, נאָר ווען אַ יום־טוב יאָוועז זיך אַפילו ווייטע פריינט. זיי ווייסן שוין, אַז אירע היימישע געבעקסן און געקעכטסן זיינען מלא־טעם, בפרט נאָך פורים מיט די המן־טאַשן און טייגלעך.

וואָס זאָל מען לייקענען? אַפילו דער אַלטער שלמה פאַרלויבט זיין אַלטיטשקער׳ס געבעקס און לעקט די פינגער פון אירע מאכלים.

שוין אַ וואָך פאַר פורים, ווייקט זי די מאָן. דאַן צעקלאַפּט זי דאָס אין שטייסל אַ מאָן נאָך אַ מאָן, און ביי יעדן קלאַפּ גיט זי אַ קוק אין שטייסל אויפן מאָן און זינגט דערביי צו:

אוי, גאָטעניו, ביי אַלע אונזערע שונאים
זאָל אַזוי שוואַרץ זיין דאָס פּנים!
און ווי אַזוי איך וועל די מאָן צערייבן,
אַזוי זאָל פון די המנס בלייבן!...

פורים מוז ביי שרה׳קען שיינען די זון. נאָר אויב די זון כמורעט זיך, שיינען שרה׳קעס אויגן. זי צעעפנט ברייט די טירן פאַר די פורים־געסט, ווי פסח עפענען זיך די טירן פאַר אליהו הנביא.

דער זיידע שלמה נעמט אויף די גרויסע, די עלטערע; די באָבע שרה׳קע — די קינדער, דאָס קליינוואַרג.

אַלע קינדערלעך באַפאַלן זי, האַלזן און קושן. איבערהויפּט ווען זיי קריגן דעם שלח־מנות און דעקן־אויף די טעצלעך.

די באָבע רינגלט זיך אַרום מיט אירע אייניקלעך און גלאָט קינדער פון פאַמיליע און לאַנדסלייט.

נאָר ווי אויפן זיבעטן הימל האָט זי געפילט, ווען איינס פון די אייניקלעך האָט אַ פרעג געטאָן: — באָבע, פאַרוואָס באַקט מען „אָני־טאַשן"?

די באָבע שרה׳קע דערקלערט אים, אַז דאָס איז המן־טאַשן, און פאַר־טראַכט גלייך אַן ענטפער פאַר די קינדער. אַלע מאָל איז פאַראַן ביי איר עפּעס אַ נייער נוסח. זי צעזעצט די קינדערלעך, ווי אַ לערערין טוט דאָס אין אַ קלאַס, און גיט זיי צו פאַרשטיין:

— די מאָן, קינדערלעך, איז אַן אָנווייזונג, אַז אַלע וואָס ווילן שלעכטס טאָן אידן, וועלן דעריבער ווערן ווי מאָן און זיי וועלן אויפגעגעסן און פאַר־שלונגען ווערן ווי די המן־טאַשן.

— באָבע, באָבע, באָבע, — שפּרינגט אַרויס אַ צווייט אייניקל, פון וועמען די באָבע קוועלט אָן ווען ער דעקלאַמירט אַ לידעלע, וואָס ער לערנט־אויס אין דער יידישער שול וואו ער גייט, — באָבע, אָנו זאָג אונז פאַרוואָס האָט אַ המן־טאַש דריי שפּיצן?

— די שפּיצן? — פאַרטראַכט זי זיך. — יאָ, נו, דאָס איז צוליב די פיר בנים פון דער הגדה, וועלכע זיינען געפאָרן צוזאַמען אין אַ שטעטל אויף פסח, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט פּורים ביי אַ אידן אין הויז. איז ביי דעם אידן געלעגן אויפן טיש צוויי המן־טאַשן, האָבן דריי פון זיי אַ כאַפּ געטאָן אַ מעסער, איינעם צעשניטן אויף דריי טיילן, דאָס הייסט אויף דריי שפּיצן, און אויפגעגעסן.

— נו, און וואָס האָט געגעסן דער פערטער? — האָט נייגעריק אַ פרעג געטאָן איינער פון די אייניקלעך.

— דער פערטער, קינדערלעך, האָט געהאָט שכל, געווען דער חכם, האָט ער געוואַרט אויף דער באַלעבאָסטע, און ווען די באַלעבאָסטע איז אַריין אין שטוב און דערזען די דריי כאַפּערס, האָט זי דערלאַנגט דעם חכם דעם גאַנצן המן־טאַש.

די באָבע שרה׳קע האָט דערקענט, אַז די קינדערלעך זיינען עפּעס נישט צופרידן פון דער מעשה, האָט זי זיי גלייך געזאָגט, אַז עס איז אויך פאַראַן נאָך אַ מעשה וועגן דעם.

— מ׳דערציילט, אַז יעדער שפּיץ איז צו דערמאָנען אָן אַ רשע, וואָס האָט געוואָלט שלעכטס טאָן די אידן, אַזעלכע ווי המן, היטלער, בעווין, ניקאָלאַי־טשיק, מופטי.

— אָבע, באָבע, באָבע, — איז דער קליינער יאַנקעלע צוגעשטאַנען מיט אַ שפּאָגל־נייער קשיא.

אָבער דאָ איז אַ ביגלופינדיגער אַריינגעקומען דער זיידע שלמה מיט אַ פּאָר פון די גרויסע קינדער. ער טרינקט אויס נאָך אַ גלעזל פּורימדיגס און הויבט אָן צו דערציילן:

— איר הערט, קינדערלעך, ווי נאָר ס׳האָבן זיך מיר פאַרמאַכט די אויגן, האָב איך דערזען המנ׳ען מיט די בנים אויף דער תליה, לעבן אים שטייען די היינטיגע המנס אַרומגערינגלט און המן האַלט פאַר זיי אַ רעדע: „ברידער־לעך, זייט ניט געפאַלן. איך וועל אייך דערהויבן און גיב אייך אַוועק מיין פּלאַץ און דעם פּלאַץ פון מיינע קינדער. איר האָט געטאָן גוטע אַרבעט. זייט שטאַלץ, איר מעגט אַלע פאַרדרייסן די קעפּ . . .״

אינמיטן האָט זיך אַריינגעכאַפּט פון דרויסן דער קליינער קונדעסל מיט

א מאַסקע פון המנ׳ען אויפן פנים, און אַלע קינדער האָבן זיך צעשריען: המן, בעווין, היטלער, מופטי!

די באָבע שרה׳קע האָט גלייך געגעבן אַ באַפעל:

— קינדערלעך, וואָס שווייגט איר? וואו זיינען די דרייערס? גראַגערט די המנס!

דער אַלטער שלמה האָט ווידער אָנגעגאָסן אַ גלעזל און, דרייענדיג זיך אין אַ קאַראַהאָד מיט די קינדער און אייניקלעך, האָט ער זיך צעזונגען:

לחיים, אַ שנעפּסל לאָמיר מאַכן!
לחיים, דאָס וועט פריילעך מאַכן.
לחיים, לחיים, לחיים, לחיים,
הויבט די גלעזלעך — און רגלים,
לחיים, פאַר אַלע גוטע זאַכן!

לחיים, פאַר אַ וועלט אַ נייע,
לחיים, פאַר אַ וועלט אַ פרייע!
לחיים, לחיים, לחיים, לחיים,
הויבט די גלעזלעך — און רגלים,
לחיים, פאַר די אמת׳ע, געטרייע!

לחיים, פון צרות מער ניט וויסן,
לחיים, נאָר פון פרייד געניסן!
לחיים, לחיים, לחיים, לחיים,
הויבט די גלעזלעך — און רגלים,
לחיים, ווען מ׳וועט אָנגיסן!

וואָס שווייגט איר?

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ מלחמה־קרבן)

איך בין גערירט, זאָגט איר? נו, און איך וואָלט עס ניט גערירט? און אַ שטיין, יאָ אַ שטיין, וואָלט ניט גערירט געוואָרן? פּרובירט שפּאַלט־אָפּ אַ שטיקל פון אַ שטיין, און עס וועט בלייבן אַ שאַרף ווי אַ שניט־מעסער, מיט כעס אין זיין שטיינערנעם האַרץ... ער שרייט ניט, ער וויינט ניט, ער פאַר־באַהאַלט זיין געפיל פאַרשטיינערט אין זיך. ווען ער קאָן אייך אָבער פּלעטן דעם מוח, פאַלן אויף אייך ווי אַ שטיין, וואָלט ער דאָס געטאָן, ווייל איר האָט צעשפּאַלטן זיין לעבן...

האָט איר אַמאָל געזען ווי מען נעמט אַוועק ביי אַ קו איר יונג קעלבל צו דער שחיטה? די קו לויפט אַרום פאַרצווייפלט און שרייט: מו־מהו, מו־מו־ר־ו. גאַרניט ווי קיין קו, נאָר ווי אַ מאַמע, ווי אַ טאַטע, ביי וועמען מ׳נעמט אַוועק דאָס קינד.

— —

מ׳האָט ביי מיר צוגענומען מיין קינד פאַר אַ סאָלדאַט, און איך האָב זיי געגעבן מיין קינד. איך האָב אויך געגעבן מיין בלוט.

גע׳טענה׳ט האָט מען, אַז מיין זון און אייער זון און אַלע זין גייען קעמפן פאַר אַ ניי לעבן. מיר שטעלן־איין דאָס לעבן פאַר אַ בעסערן לעבן, פאַר אַ נייער וועלט. פאַרניכטן אַל־דאָס־בייז, אַזוי האָט מען גע׳טענה׳ט צו מיר, און איך האָב אַזוי גע׳טענה׳ט צו מיין שכן.

דרייסיג יאָר, ווי איך וואוין אין שכנות מיט דער פאַמיליע דזשעימס האָדסאָן. מיר האָבן זיך געקענט פון דער ווייטן. בלויז אַ מאָל פון געוואוינהייט־וועגן: „גוט־מאָרגן", „גוט־יאָר", „אַ שיינער וועטער היינט". דאָס איז געווען אונזער פאַרשטיין זיך, אונזער צוזאַמענלעבן זיך.

די פאַמיליע האָדסאָן — צוריקגעשטאַנענע, פרומע טשוירטשלייט, און איך — אַ איד, אַ פּראָגרעסיווער אַרבעטער. מיין זון האָט אין סקול שטודירט וויסנשאַפט, זייער זון — ספּאָרט. מיין זון האָט זיך געשפּילט מיט זון, מיט שטערן, מיט הימלען; זייער זון — מיט בעיז־באָל, בעסקעט־באָל און פוט־באָל.

די מלחמה האָט ביידע זין פאַראייניגט. זיי זיינען צוגענומען געוואָרן אין איין טאָג, אַוועק אין דעמזעלבן רעגימענט, צוזאַמען זיך געמושטירט,

צוזאַמען געלעבט ביי איין קעסל זופּ, אין איין לאַגער געשלאָפן און גע׳חלומ׳ט פון אַ זיג.

איך מיט די האַדסאָנס זיינען נעענטער געוואָרן. די מלחמה האָט אונז צונויפגעבונדן. עס איז געוואָרן מער ווי — „אַ שיינער וועטער היינט״. מיר האָבן שוין גערעדט וועגן אונזערע קינדער, אונזער מלחמה, אונזער לאַנד.

— אַ גרוס אייך פון מיין דזשעק׳ן!

— אַ גרוס אייך פון מיין דזשאַנ׳ען!

ביידע האָבן מיר זיך געוויזן די בילדער, וואָס מיר האָבן דערהאַלטן, די בריוו, די גרוסן. איך וויז די בריוו פון דזשעק׳ן; זיי וויזן מיר די בריוו פון דזשאַנ׳ען. דזשעק און דזשאַן שטייען אויפן בילד אַרומגענומען, ביידע לאַכן, ביידע האָפן און קעמפן פאַרן זיג. צוויי פּאַטריאָטן, צוויי קעמפער, צוויי לאַנדסלייט פון טעקסאַס, ווייט פאַרוואָרפן ביי די ברעגעס לעבן דייטשלאַנד.

איין טאָג איז אָנגעקומען טרויעריגע נייעס צו מיין שכן האַדסאָן: דער זון דזשאַן איז שטאַרק פאַרוואונדעט געוואָרן. נאָר, שרייבט ער, די גיכע הילף און בלוט, וואָס ער האָט געקראָגן פון מיין זון דזשעק, האָט געראַטעוועט זיין לעבן.

— אַ דאַנק צו גאָט! — האָט האַדסאָן אויפגעהויבן זיינע הענט צום הימל.

— גאָט זאָל בענטשן דיין זון פאַר זיין גוטהאַרציגקייט, — האָט די מיסעס האַדסאָן צוגעלייגט.

די צוויי פּאַמיליעס זיינען נאָך מער דערנעענטערט געוואָרן. מיט נייגיר האָבן מיר אַלע אינדערפרי געוואַרט אויפן בריוו־טרעגער.

— וואָס מאַכט דזשאַן? ווי פילט דזשאַן? וואָס שרייבט דזשאַן?

דזשאַן איז מיר געוואָרן נאָענט, ער איז מיר געוואָרן טייער, ווי מיין אייגן קינד, ווי מיין אייגן בלוט...

איין פרימאָרגן האָט מיך אויפגעוועקט אַ קלונג אין מיין טיר. נאָר אַנשטאָט אַ בריוו, האָט מען מיר דערלאַנגט אַ קאַלטבלוטיגע טעלעגראַמע, וואָס האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז מיין זון דזשעק — — — מיין זון דזשעק — איז טויט...

אַפילו אַ קו, ווען מ׳נעמט אַוועק איר קינד, שרייט זי, מוקעט זי, וויינט זי: מו־מו־, מו־מ־ו־ו... מ׳נעמט אַוועק ביי אַ קאַץ אירע קעצעלעך, וויינט זי, קלאַגט אויף איר בראַך: מע־ניו־אַ, מ־ע־נ־י־ו־אַ...

האָב איך געוויינט, געקלאָגט, זיך געריסן די האָר פונעם קאָפּ. איך בין אַוועקגעפאַלן קראַנק אין בעט.

אַזוי איז אַוועק אַ טאָג און אַ וואָך און צוויי וואָכן. מיינע שכנים האָבן

זיך ניט געוויזן. האָב איך געטראַכט, אַז זיי האָבן ניט קיין ווערטער מיך צו טרייסטן; זיי האָבן מיר ניט וואָס צו זאָגן. האָב איך פּרובירט זיך אַליין טרייסטן, אויסלעשן אַ טייל פונעם פייער אין מיין האַרצן.

מיין דזשעק איז געפאַלן, כדי די וועלט זאָל ווערן דערהויבן. מיט דעם בלוט פון מיין קינד איז פאַרפלאַנצט געוואָרן אַ בוים, אַ בוים, וואָס וועט געבן נייע פּרוכטן צום לעבן.

איך האָב געקוקט אויפן בילד פון די צוויי קעמפער, דזשעק און דזשאָן. איך האָב געקוקט אויף דזשאָנ׳ען און געזען אין אים מיין קינד, אַ פאַרזעצונג פון מיין בלוט... יאָ, ער טראָגט דאָך דזשעק׳ס בלוט אין זיינע אָדערן, און דאָס בלוט אַרבעט, באַוועגט, גיט אים מוט צו קעמפן געגן שונא, געגן די נאַציס, פאַשיסטן און אַנטיסעמיטן, געגן אַלץ וואָס טוט בייז דער וועלט.

איך האָב געוואַרט אויף דזשאָנ׳ס צוריקקומען, ווי אויף מיין אייגן קינד.

דזשאָן איז געקומען אַהיים. איך האָב אויסגעהאַנגען אַ גרויס שילד אויף דער טיר: „וועלקאַם האָום״. איך בין אים געפאַלן אויפן האַלז קושן: „מיין קינד, מיין קינד, מיין בלוט...

דזשאָן האָט מיר איבערגעגעבן אַ מתנה, אַ זכר פון מיין דזשעק׳ן: דריי מעדאַלן, וואָס זיינען געווען צוגעשפּיליעט צו זיין ברוסט. ער האָט מיר דערביי איבערגעגעבן דזשעק׳ס לעצטע ווערטער: „מיר וועלן האָבן אַ בעסערע וועלט! איר הערט? אַ בעסערע וועלט!״

באַלד נאָכדעם האָט מיר דזשאָן אַנגעוויזן אויף אַ מתנה, וואָס ער האָט געבראַכט צו זיין טאַטע־מאַמע: ער האָט מיר פאָרגעשטעלט אין דייטש אַ בלאָנדע „פרוילאַין״, וואָס איז געזעסן לעבן אים.

דאָס, זאָגט ער, איז מיין פרוי, מיט וועלכער איך האָב חתונה געהאַט אין דייטשלאַנד. זי קען שוין רעדן, זאָגט ער צו זיינע עלטערן, פּופּצן ווערטער אין ענגליש. איר הערט?

מיין מוח האָט זיך מיר דאַן אַנגעצונדן. עס האָט מיר גענומען האַמערן אין קאָפּ: מיין זונ׳ס בלוט האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ נאַציכע, מיט אַ מערדערין!...

איך בין געווירט? נו, און אייך וואָלט דאָס ניט געווירט? מיין קאָפּ קאָן דאָס ניט באַנעמען. אויס קאָפּ, אויס מענטש.

ווען איך האָב זיך אָפּגעקילט, האָב איך גענומען טראַכטן: אפשר בין איך ניט גערעכט? איך האָב דאָך אַלעמאָל געקוקט מאָדנע אויף דזשאָנ׳ען און זיין פאַמיליע, פאַרוואָס זיי קוקן אַזוי שלעכט אויף די „פרעמדע״, אויף די „פאַרעינערס״. אפשר איז פאַרגעקומען אַן איבערקערעניש אין זיין נשמה?

ער האָט אפשר דערזען, אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך, נאָר די אומשטענדן צעטיילן, צערייסן די מענטשן. ווער ווייסט — אפשר, אפשר?...

— —

אין אַ קורצער צייט אַרום לייען איך אין ציַיטונג, אַז דזשאָן האַדסאָן האָט זיך באַטייליגט אין אַ „לינטש־פּאַרטי" איבער אַ נעגער־מענטש. דזשאָן האָט געבראַכט אַהיים אַ נייעם סואווענירֿ: אַ שטיקל שטריק פון דער פּעטליע איבער דעם האַלז פון דעם נעגער־קרבן.

איך בין געוואָרן ווילד, איך בין אַריינגעלאָפן צו דער האַדסאָן־פאַמיליע און גענומען שרייען:

— דזשאָן, דזשאָן, וואָס האָסטו געטאָן מיטן בלוט פון מיין קינד? דו האָסט דאָך מיט שאַנד באַפלעקט די פאָן פון אונזער לאַנד. דו האָסט דאָך מיט דעם געשענדט דעם נאָמען פון אַ פּאַטריאָט, פון אַ העלד, פון אַ קעמפער פאַר פרייהייט. דאָס בלוט פון מיין זון דזשעק ווײנט דאָך אין דיר...

דזשאָן האָט מיר אַ וויַיז געטאָן די טיר און געזאָגט:

— רעד ניט קיין סך! מיר האָבן נאָך שטריק פאַר דיר אויך...

— —

איך בין געררירט, זאָגט איר? אַזוי זיינען אַלע טאַטעס און מאַמעס, וואָס טראָגן פון דער לעצטער מלחמה שוואַרצע לאַמפּאַסן אויפן אָרעם און רויטע וואונדן אין האַרצן...

אַפילו אַ קו שרייט דאָך ווען מ'קוילעט איר קינד: מו־ו, מ־ו־ו־ו... מיר זיינען דאָך מענטשן, טאָ ווי קאָנען מיר שוויַיגן? ווי קאָנען מיר?...

ביי טאַטע־מאַמע אויף ניי־יאָר

ניטאָ קיין בעסערע פרייד פאַר די אַלטע טאַטע־מאַמע מישקין, ווי צו זען זייערע קינדער און אייניקלעך אויף אַ באַזוך. גאָר גרויס איז אַלע מאָל זייער שמחה, ווען די קינדער קומען מיט די אייניקלעך, ספּעציעל אין אַ יום־טוב, אויסגעפּוצט אין די יום־טוב׳דיגע קליידער, און ווער שמועסט נאָך, אַז ווער פון די אייניקלעך קומט אַריין און גיט זיך אַזוי אַ זאָג אין דעם אמת־מאַמעשן אידיש: „גוט יום־טוב, זיידע־באָבע!" — ווערט דאָך אַוודאי ליכטיג אויף דער נשמה.

דערהערן די מישקינס אַ אידיש וואָרט פון די אייניקלעך, פילן זיי וואָס עס מיינט טעם גן־עדן. דער זיידע ליידיגט דאַן אויס אַלץ וואָס ער האָט קליינגעלט אין זיין בייטל, און די באָבע ענטפערט אויף דעם „גוט יום־טוב" שוין צו אַלע אייניקלעך מיט די בעסטע נאַשערייען וואָס זי האָט אין שטוב.

איינער פון די יום־טובים וואָס איז אָבער גאָר ניט באַליבט ביי די מישקינס, און זיי זיינען גאָר ניט גערן אים צו פייערן, איז ניי־יאָר. ניט, חלילה, ווייל זיי האָבן עפּעס געגן אַ ניי־יאָר. פאַרקערט, זיי האַלטן אין איין ווינטשן זיך און אַנדערע צו דערלעבן איבעראַיאָר און ווידער זיך פרייען.

דער ניי־יאָר איז אָבער ניט ווייט פון חנוכה, און חנוכה איז זייער אַ שווערער יום־טוב פאַר די מישקינס. אַכט טעג דאַרף די מאַמע מאַכן לאַטקעס און אַכט טעג דאַרף דער טאַטע לערנען די קינדער ווי מ׳פלעגט שפּילן אַמאָל „אָקע", דריידל און אַנדערע ספּעציעלע שפּילערייען סיי מיט די קינדער, סיי מיט די אייניקלעך, דערצו נאָך אַרומפירן דאָס קליינוואַרג מיטן שליטל און זיך וואַרפן מיט שניי־קנייידלעך.

איבערהויפּט איז שווער פאַר די מישקינס צו באַזאָרגן דעם זון מיט דער שנור און דריי אייניקלעך, וועלכע קומען פאַר די לעצטע פאָר יאָר צו פאָרן פון דער ווייטער וועסט אויף חנוכה און פאַרבלייבן שוין ביז איבער ניי־יאָר ביי זיי אין דער היים.

דערפאַר ווען ניי־יאָר קומט שוין, זיינען זיי שוין אויסגעשעפּט, מיד פון שווערער אַרבעט, און דאָ ווילן טאַטע־מאַמע צופרידנשטעלן די קינדער, עס איז דאָך עפּעס איינמאָל אַ יאָר אַ מיטנאַכט־וועטשערע! היינט די פרייד, וואָס עס צעגיסט זיך אין הויז ווען די אייניקלעך נעמען שרייען אַ „העפּי ניו־איר"! איינס גראַגערט, אַ צווייטס פייפט, אַ דריטס טרובעט, און דאָס פּיצעלע אין

וויגל הערט ווי אַלע שרייען, פּרובירט עס נאָך אַלעמען אַריבערשרייען... מיט איין וואָרט — די געבורט־ווייען פון דעם נייעם יאָר פאַרגייען די מישקינס אין זיבעטן ריף...

פאַרגעסט אויך ניט, אַז דאָס איז ניט גלאַט אַ וועטשערע. די קינדער און פריינט קומען ווי געוויינלעך פאַרנאַכט, איז אַ גאַנצן אָוונט טעפּל־אַרויף און טעפּל־אַראָפּ. פליישיגס פאַר די גרויסע, מילכיגס פאַר די קליינע. איין זון האָט ליב דער מאַמעס אַ באָרשט, אַ צווייטער — דער מאַמעס געפילטע פיש, און אַ דריטער זון איז גאָר אַ וועגעטאַריער און די מאַמע גרייט אים צו, ווי זי זאָגט, „אַ ציבעלע גאָרטן"... נו, און פאַר איין טאָכטער מוז זי מאַכן בלינצעס און פאַר דער צווייטער קנידלעך, פאַר עטלעכע פון די אייניקלעך שאָקאָלאַד־„פּודינג", פאַר אַנדערע „מאָלטעד" און פאַר די גאָר קליינינקע — פלעשעלעך, און די באָבע דאַרף זיך דאָ דערמאָנען ווי זי פלעגט דאָס טאָן — וואַרעמען און קילן פאַר אירע קינדער ווען זיי זיינען קליין געווען.

אַזוי שטייט די מאַמע מישקין מיט אַ פאַרטוך ביים אויוון, מישט און קאָכט, און בראָט זיך ביים פייער. דער טאַטע מישקין שטייט ביים „סינק", מיט אַ האַנטיכל אויפן אַקסל, וואַשט און ווישט דאָס געפעס, וואַרפנדיג דערביי אַ בליק אין „פראָנט־רום", צו זען ווען ס'פעלט אַ גאָפּל, ווען אַ לעפל און ווען אַ מעסער. ער גיט דערביי גוטמוטיג אַ שמייכל צו זיין וויב ביים אויוון: מיר האָבן, קיין עין־הרע ניט, אַ גאַנץ פיינעם „עסטאַראַן"...

נאָך צוועלף אַזייגער, ווען מען האָט שוין גוט אָנגעפּייפט דאָס אַלטע יאָר און עס שטעלט זיך אויף די פיס דאָס נייע יאָר, זאָגט די מאַמע מישקין אין גוטן מוט:

— אַ וואונדער, קינדערלעך, וואָס מיר האָבן שוין ניט קיין כוח? — מיר זיינען דאָך אָט־איצט־אָ געוואָרן מיט אַ יאָר עלטער . . .

ערשט פאַרטאָג נעמט טאַטע־מאַמע פּאַקן פּעקלעך פאַר די קינדער און אייניקלעך אויפן וועג עפּעס מיטצונעמען אַהיים. וועמען טאָרט און וועמען אַ קריגעלע פעטס, דעם זון אַ פּולקעלע און יענעם זון אַ לעבערל, פאַר איין אייניקל — מאַנדל־ברויט, פאַר אַ צווייטן — ניסלעך, און פאַר אַ דריטן — דער באָבעס צוקערלעקעך.

ווען די קינדער מיט די אייניקלעך צעזעגענען זיך מיט די מישקינס, גיבן זיך די אַלטע טאַטע־מאַמע אַ זעץ אַוועק אין קיך. זי וואַשט זיך אָפּ דעם שווייס פון פּנים מיט איר פאַרטוך און ער ווישט זיך אָפּ די הענט מיט דעם האַנטיכל, וואָס ליגט נאָך ביי אים אויפן אַקסל, און אין אַ יום־טוב'דיגער שטימונג זאָגט ער:

— מאַמעלע, ס'איז געווען אַ פיינער יום־טוב. מיר זאָלן דערלעבן איבער־אַיאָר און ווידער האָבן דעם קלאָפּאָט.

— הלוואי, טאַטעלע! — שאָקלט זי מיטן קאָפּ. — אַ פיינער יום־טוב, אַ פייערלעכער יום־טוב, נאָר אַ ניי־יאָר פּאַרטי וואָלט באַדאַרפט זיין איינמאָל אין אַ יובל... צו שנעל לויפן די יאָרעלעך...

ערזאַץ־מענטשן

די צוויי ווילדע אַנטיסעמיטן, אייזלקאָפּ און כאַזערפּוס, האָבן שטענדיג פאַרטראַכט נייע פּלענער, ווי אַזוי די אידן ווי צו טאָן און זיי, די אַנטיסעמיטן, זאָל קאָנען דערפון עפּעס מאַכן — אויסשלאָגן פאַר זיך קאַפּיטאַל.

זיינען די צוויי געקומען אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, וויט ביי די ברעגן פונעם לאַנד, מיט דעם צוועק צו „באַלייכטן" זייערע פינצטערע מעשים קעגן אידן, פאַרשפּרייטן ראַסן־האַס און העצעס.

אין דעם גאַנצן שטעטל האָט זיך ניט געפונען קיין איין איד אויף אַ רפואה פאַר זיי... זיי האָבן געוואָלט האָבן כאָטש עטלעכע נעמען, אויף וועמען צו קאָנען וואַרפן זייער שמוץ, מאַכן די בילבולים, וואָס זיי האָבן פאַרטראַכט.

פאַר אייזלקאָפּ און כאַזערפּוס איז אָבער קיין זאַך ניט צו שווער. זיי האָבן באַשלאָסן צו קויפן זיך „אידן" — מאַכן אַזאַ „ערזאַץ", וואָס זאָל זיי קאָנען דינען פאַר זייער צוועק...

געהאַט האָבן זיי אויך איינזינען, אַז די „ערזאַץ־אידן" וועלן זיי אויך העלפן פאַרשפּרייטן זייער ערזאַץ־געלט, וואָס זיי האָבן צוגעגרייט פאַר זייערע פינצטערע מעשים.

זיי האָבן צונויפגעקליבן די אַלע ערזאַץ־מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען ביים אָפּפאַל־ברעג פון שטאָט, וואו ס'איז נאָר געווען אַ באָם, אַ טרעמפּ, אַ לומפּן־פּראָלעטאַריער, און גלאַט זשוליקעס, קאַדעטן און גענגסטערס. זיי האָבן זיי צוזאַמענגענומען און אָרגאַניזירט פאַר דער אַרבעט. יעדער קעין איז געוואָרן קאָהען, יעדער סמיט — סאַמעט, יעדער רוזוועלט — ראָזענפעלד, און יעדער מעקליווי — משה ליוואי.

אייזלקאָפּ און כאַזערפּוס האָבן גלייך צעשיקט די ערזאַץ־מענטשן איבערן שטאָט, צו אַלע קרעמער, כלומרשט איינצוקויפן נויטיגע סחורה... דער צוועק איז אָבער געווען צו פאַרשפּרייטן איבערן שטאָט זייער פאַלש־געלט... זיינען די חברה־לייט אַריינגעקומען צו אַ קרעמער, זיך אָנגעקליבן אַ ריי זאַכן — זאָקן, העמדער, שיך, שפּייז, געשיר, זילבער — און באַצאָלט מיט זייער געלט... גענומען די רעשטע צוזאַמען מיט דער סחורה און אַוועק.

אַזוי האָבן זיי באַזוכט וואו נאָר ס'איז געווען אַ קרעמער, און אומעטום געגעבן צו לייזן...

אין אַ קורצער צייט האָבן שוין אייזלקאָפּ און כאַזערפּוס פאַרמאָגט ניט

נאָר שווערע טויזנטער אין גוט געלט, נאָר אויך סקלאַדן מיט סחורה. דאָס שטעטל, ווידער, איז אָנגעפילט געוואָרן מיט ערזאַץ־געלט.

די צוויי „קעפּ״, אייזלקאָפּ און כאַזערפוס, האָבן ווידער גענומען טראַכטן וואָס ווייטער צו טאָן.

— הער אויס, — האָט אייזלקאָפּ אַ קלאַפּ געטאָן כאַזערפוס'ן אין קאַרק, קוועלנדיג דערביי פון זיין נייעם איינפאַל, — לאָמיר עפענען אַ „באַרגעין־סטאָר״, מיט אַ גרויסער שילד פון פאָרנט אויף די נעמען פון צוויי אידן. מיר'ן דאָס רופן: „די קאָהען און ראָזענפעלד באַרגעין־סטאָר״.

— טאָ וואָס וועט זיין? — פאַרשטייט ניט כאַזערפוס דעם ציל.

— וואָס הייסט, וואָס וועט זיין? — גיט אייזלקאָפּ אַ וואונק מיטן אויג און אַ קנאַק מיט די פינגער. — עס וועט זיין אַ געשעפט... ערשטנס, וועלן מענטשן קומען קויפן „באַרגעינס״, וועלן מיר אַריינקריגן נאָך געלט. צווייטנס, און דאָס איז די הויפּט־זאַך — די ביזנעסלייט וועלן ווערן אין כעס אויף די אידן, פאַרוואָס זיי קאָנקורירן מיט די פרייזן. דאַן ערשט וועלן מיר קומען צו די ביזנעסלייט דורך אונזערע מענטשן און אָרגאַניזירן זיי אין אַ קאַמף קעגן דעם פאַראייניגטן קאַפּיטאַל פון די אידן...

— הער כאַזערפוס האָט דעם הער אייזלקאָפּ אַ טערעבענץ געטאָן איבער דער פּלייצע:

— דיין קאָפּ, ברודערל, אַרבעט! דו וואַקסט אַ „פירער״...

מיט גרויס טאַראַראַם האָבן די ערזאַץ־אידן, „קאָהען״ און „ראָזענפעלד״, דערעפנט זייער „באַרגעין־סטאָר״. דאָס שטעטל איז אַוועק אויף רעדלעך. די געשעפטלייט האָבן זיך געקאָכט אויף די „אידן״, דערפאַר אָבער זיינען די איינוואוינער געווען זייער צופרידן פון דעם ניי־געעפנטן געשעפט. זיי, די איינוואוינער, האָבן געהאַט פאַר זיך אַ באַזונדער חשבון. גערעכנט האָבן זיי, אַז ניט נאָר וועלן זיי קויפן מציאות אין דער נייער קראָם, נאָר די הויפּט־זאַך — אפשר אין דער נייער קראָם וועלן זיי קאָנען פּטור ווערן פון דעם ערזאַץ־געלט, וואָס איז אַריינגעפאַלן צו יעדערן אין הויז און האָט פאַרפּלייצט דאָס שטעטל ווי אַן עפּידעמיע.

ווי גיך די קראָם האָט זיך געעפנט, האָבן די איינוואוינער באַלאַגערט די גאַנצע געגנט אַרום דער „באַרגעין־סטאָר״. די „רעדזשיסטערס״ האָבן גע־קלונגען, די „בילס״ האָבן זיך געלייגט איינע אויף די אַנדערע. די פּעקלעך מיטן ערזאַץ־געלט זיינען געוואַקסן.

אויף מאָרגן, ווען אייזלקאָפּ און כאַזערפוס זיינען געגאַנגען מאַכן זייער ערשטן „דעפּאַזיט״ אין דער באַנק אַריין, האָבן זיי מיט שטאָלץ גערעדט איינער

צום צווייטן, ווי אַזוי די נאַציס, פאַשיסטן און אַנטיסעמיטן וועלן איצט אַרויפקוקן צו זיי און אפשר גאָר אָנערקענען זיי פאַר די נייע „פּירער", און געוויס וועט מען באַוואונדערן זייער ביזנעס־פיאיגקייט.

אַזוי האָבן זיך אייזלקאָפּ און כאַזערפוס איינגעטיילט מיט דער פּירער־שאַפט: איך, באַשטימט אייזלקאָפּ, וועל זיין דער מעיאָר פון שטאָט, און דו, כאַזערפוס, וועסט ווערן דער הויפּט פון דער פּאָליציי.

ווען זיי האָבן זיך דערנעענטערט צום פענצטערל פון דער באַנק און אַרויסגעלייגט זייערע פּעקלעך מיטן געלט פאַרן קאַסירער, האָט אַ שווערע האַנט פון אַ פּאָליסמאַן זיי דערלאַנגט אַ „שלום־עליכם" און דערביי דערקלערט:

— מיר וואַרטן שוין אַ לאַנגע צייט אויף דעם „דעפּאָזיט"...

מ'האָט אַריינגעפּאַקט אין אַ פּאַטרול־וואָגן די צוויי ערזאַץ־„אידן" מיטן ערזאַץ־געלט און געגומען פירן אין חד־גדיא אַריין.

אייזלקאָפּ און כאַזערפוס זיינען געבליבן זיצן פאַרטשמעליעט פון דעם „ברוך־הבא", וואָס זיי האָבן געקראָגן.

פאַרנדיק, רופט זיך אָן כאַזערקאָפּ:

— נו, און וואָס זאָגסטו איצט?

— איצט, — האָט אייזלקאָפּ אַרויסגעבורטשעט, — זאָלסטו געדענקען: אויב מ'וועט דיך פרעגן דיין נאָמען, ווער דו ביסט, — דאַרף זיין איין ענטפער: דו ביסט אַ יודע און דיין נאָמען איז ראָזענפעלד, און איך בין אַ יודע און מיין נאָמען איז קאָהען...

— וואָס הייסט? — האָט אים כאַזערפוס אָנגעקוקט קרום. — איך, אַ ריינער אַריער, אַן אַנטיסעמיט, זאָל זיך רופן מיט אַ אידישן נאָמען, און נאָך רופן זיך יודע?!

— יאָ, האָט אייזלקאָפּ באַטאָנט, — דאַרפסט פאַרשטיין, דו דומער קערל, אויב זיין אַרעסטירט פאַר שווינדל, פאַלש־מינצעריי און פאַרראַט, דאַן זאָל דאָס זיין די אַרבעט פון אידן. און אויב מ'וועט אונז שלאָגן, וועט דאָס זיין פאַר אונז ערזאַץ־קלעפּ, ווייל שלאָגן וועט מען ניט אונז די אַריער, נאָר — די יודן. פאַרשטייסט?...

— איך פאַרשטיי, — האָט כאַזערפוס מיט שרעק געענטפערט, — איך וויל אָבער ניט זיין קיין יודע. ווער ווייסט, מענטשן קאָנען נאָך דאָ מאַכן אַ פּאָגראָם אויף אונז... מער ווי דאָס פעלט אונז ניט!...

„דער אָלרייטניק״...

(געווידמעט דעם מאַרשאַל־פּלאַן)

איר קענט נאָך ניט מיין שווער, מיסטער שמיליק פּעטערמאַן, ווייל איך טאַקע, אַז איר זאָלט אים קענען. דאָס איז אַ מענטש, וואָס טראָגט דעם קאַפּעליוש פּאַרריסן, ווייל ער וויל דורכאויס מ׳זאָל זען די גאָלדענע פּענסנע אויף זיין נאָז. דאָס זילבערנע טאַבאַק־פּושקעלע טראָגט ער אייך שטענדיג אָנטקעגן, און איז גרייט אייך צו טראַקטירן מיט אַ שמעק טאַבאַק... נאָר אַזוי גיך ווי די אַרומיגע הויבן־אָן צו ניסן, נעמט מיין שווער געניסן, ווייל אַלע מוזן אים זאָגן: „צו געזונט!״ — און קויפן ביי אים נאָז־טיכלעך...

מיין שווער איז ניט גלאַט אַ מענטש, וואָס לעבט אָן חשבון. פּאַרקערט, יעדע זאַך איז ביי אים אויסגערעכנט; אַפּילו ווען עס שטימט ניט, איז פאַראַן אַ חשבון דערביי...

אויף אַלץ האָט מיין שווער אַ פּלאַן, און איינעם פון זיינע פּלענער האָב איך אַליין געמוזט דורכפירן אין לעבן. דערפאַר טאַקע איז ער איצט מיין שווער... און ס׳איז שווערלעך.

ער האָט געהאַט אויסצוגעבן אַ טאָכטער, האָט מען מיר גערעדט דעם שידוך. ווען דער שדכן האָט מיך געבראַכט אין דער רייכער היים, האָט מיך געוואונדערט פאַרוואָס ברענען אַזויפיל קאָלירטע לעמפּלעך — גרינע, בלויע און געלע, און פון אַלע לעמפּלעך האָט מיר געשווינדלט אין די אויגן. און אַז איך האָב געפרעגט דעם שווער־לעבן: פאַרוואָס אַזאַ טונקלקייט אין הויז? — האָט ער געענטפערט: אַטמאָספערע... ער האָט ליב שיינקייט.

אַ צווייטן מאָל בין איך געקומען און געטראָפן די טאָכטער אַליין. האָט זי ווידער פינצטער געמאַכט. ווען איך האָב זי געפרעגט: פאַרוואָס אַזאַ פינצטערניש? — האָט זי געענטפערט: „אין דער פינצטער וועט אונז זיין ליכטיג אין די אויגן...״

אָט אַזוי האָבן מיר „אָפּגעפינצטערט״ עטלעכע וואָכן, ביי אַלע זייערע וועטשערעס און פּאַרטיס, ביז — מיר האָבן חתונה געהאַט.

אויף מאָרגן נאָך דער חתונה, ווען איך האָב אָנגעצונדן ליכט ביי מיר אין הויז, איז מיר ערשט פינצטער געוואָרן אין די אויגן: מיין „באַשערטע״

איז געפינטלט, זי האָט אַ בראָדעווקע אויף דער נאָז, אַ בעלמע אויפן אויג און אַ „גאָלדן מויל" — פערצן פאַלשע ציין...

איך האָב באַלד געזען, אַז מיין שוועריס פלענער אַרבעטן...

מיין שווער האָט אויך געבויט הייזער, נאָר מיט אַ פּלאַן, און געטאָן האָט ער עס, ווי ער האָט פאַרזיכערט די שכנים, בלויז צוליב איין זאַך: העלפן די אָרעמע, זיי זאָלן האָבן וואו דעם קאָפּ אָוועקצולייגן... נאָר אַזוי גיך ווי איינער האָט זיך געוואָלט אַריינקלייבן צו אים אין די הייזער, האָט ער געבעטן איין זאַך: אונטערצושרייבן אַ פּאַפּירל, און דאָס איז אַלץ וואָס ער וויל פאַר זיין גוטסקייט: מען מוז דורך אים דינגען דעם וואָגן, וואָס ברענגט די מעבל אין הויז, און אויך מוז מען דינגען זיין וואָגן, וואָס פירט אַריבער די מעבל אין אַ צווייטער דירה. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג געהעכערט דירה־געלט; אויב עמיצער האָט זיך געוואָלט אַרויסקלייבן, האָט ער געמוזט אַזויפיל באַצאָלן פאַרן וואָגן, אַז עס האָט זיך שוין ניט געלוינט דעם טענאַנט, האָט דער טענאַנט געמוזט צאָלן דעם פּרייז אָדער אָפּשטעלן די מעבל מיט האָב־און־גוטס ביי מיין שווער אין די צימערן.

מיין שווער גיט אויך הלוואות צו העלפן אָרעמע געשעפטסלייט, און ווידער מיט אַ פּלאַן. ער גלויבט, זאָגט ער, אין העלפן מענטשן זיך אַרויפצואַרבעטן. זאָגט ער איינמאָל צו פּעסיע דער אלמנה:

— דיר איז געבליבן אַ ירושה אַ גרויסע סטאָר, נאָר זי איז אָן סחורה. וועל איך דיר געבן סחורה, אויספּוצן די פּענצטער, דיר געבן די נויטיגע פּובליסיטי, נאָר איך וויל בלויז פאַרזיכערן דעם קרן. דאָס אַלץ וואָס איך בין אויסן.

— איז מיין פּלאַן אַזוי, — זאָגט דער שווער. — איינער פון מיינע זין איז זייער אַ פייאיגער מענטש, וועל איך אים אַריינשטעלן פאַרן מענעדזשער — דאָס אַלץ. נאָר אַזוי ווי ער איז דאָך מיין זון, פּאַסט דאָך ניט פאַר אים צו אַרבעטן פאַר יענעם, וועסטו אַזוי גוט זיין און איבערשרייבן די קראָם אויף זיין נאָמען...

און וואָס זאָל איך אייך זאָגן? פּעסיע די אלמנה, זאָל זי רוען אין גן־עדן, איז גאָר גיך געהאָלפן געוואָרן פון מיין שוועריס פּלאַן...

געוויס, געוויס, אויב איר קענט מיין שווער, דאַרפט איר אויך קענען מיין שוויגער. דעם אמת געזאָגט, האָט די שוויגער ווינציג־וואָס צו זאָגן: זי באַמקעט בלויז צו צו אַלע פּלענער, וואָס מיין שווער מאַכט. נאָר טאָמער דאַרף ער אַמאָל עפּעס דורכפירן, וואָס עס שטייט אים ניט אָן, בעט ער די שוויגער און זי צעטראָגט שוין דעם „שלח־מנות" איבערן שטאָט אַזוי פיין,

אַז מענטשן לעקן שוין די פינגער נאָך איידער זיי וויסן וואָס אונטערן טיכל געפינט זיך...

אָט האָט מיין שוועגער אַ לייבלעכע קוזינע, ערגעץ אין פראַנקרייך, מאַדאַם בלומקי הייסט זי. האָט זי אויך אַ זון, איז דאָס דער ריכטיגער פאַרשוין. לאַנג ווי אַ שטעקן, און בייז ווי אַ טייוול. וויל דער שוועגער ניט אַנדערש, ווי אים צונויפפאָרן מיט דער עגונה פרענציס, וועלכע איז פאַרראַטן געוואָרן פון איר פריערדיגן מאַן.

וואָס, מיינט איר, טוט מיין שוויגער? זי פירט דורך מיין שוועגער׳ס פּלאַן, לאָזט זיך אַרויס קלאַפּן אין טיר און טויער, און לאָזט וויסן, אַז דער לאַנגער דראַנג, דער פראַנץ, דער בייזער טייוול, וועט זיין דער בעסטער טאַטע צו די קינדער פון פרענסיס די עגונה... און מיין שוועגער קעמט שוין דאָס בערדל און פוצט זיך ווי דער אמת׳ער מחותן, ער גרייט זיך שוין אַפילו צו טאַנצן אויף דער חתונה...

אַז מיין שוועגער איז אַ גרויסער בעל־צדקה, דאָס ווייסט איר. אויב ער אַרבעט מיט אַ פּלאַן, איז דאָס ניט פאַר זיך, נאָר פאַר דער וועלט. און אויב מיין שוועגער פּרובירט עמיצן געבן אַ שטול אין מזרח־וואַנט און אַ צווייטן הינטערן באַלעמער, זאָלט איר וויסן, אַז דאָס איז ניט ווייל מיין שוועגער איז עפּעס אויסן. ניין, דאָס איז בלויז דערפאַר, ווייל מיין שוועגער אַרבעט מיט אַ פּלאַן...

נאָר טאָמער פאַלט אייך איין אים ניט צו פאָלגן, בין איך אייך ניט מקנא. ער גיט אַ רוק אַרויף זיין צילינדער אויפן קאָפּ און דערלאַנגט אַ שטורכע מיטן שטעקן:

— העי, חברה קבצנים! רעספּעקט פאַרן פעטער שמיליק מיט דער גאָלדענער קייט!...

דער פעסט־רעדנער...

ברייט און ווייט האָט דער זעלבסטבילדונג־קלוב, וואָס האָט זיך בקיצור גערופן „זעביק", געלאָזט וויסן, אַז זי איז געלונגען צו קריגן דעם וועלט־באַרימטן לעקטאָר מיכל יעדאַבער פאַר דעם פעסט־רעדנער צו זייער יערלעכן באַנקעט.

זיי האָבן פאַרגעסן צו אָנאָנסירן, אַז עס ווערט צוגעגרייט אַ זיבן־גאַרנדיגע וועטשערע; אַפילו די הויפט־זאַך, אַז דאָס איז דער 25־יאָריגער יובילײ, ווי דער „זעביק" האָט זיך אָרגאַניזירט, איז ווי אָוועקגעמאַכט געוואָרן מיט דער האַנט. די גאַנצע פּובליסיטי איז געבויט געוואָרן אויף דעם פעסט־רעדנער — מיכל יעדאַבער!

מיכל יעדאַבער איז, דעם אמת געזאָגט, אַ פיינער רעדנער. ווען ער זאָגט אַרויס אַ טיפן געדאַנק און פאַרוואָרפט דערביי זיין גריווע, וועלכע הענגט אַראָפּ איבער דעם לינקן אויער, קוקן די צוהערער אַרויפצו צום סופית, ווי זיי וואָלטן ממש געזען פליענדיג זיינע געדאַנקען. און ווען מיכל יעדאַבער זאָגט אַרויס אַ שטאַרקע פראַזע און שטרעקט דערביי אויס זיין צייג־פינגער, גיבן זיך די צוהערער אינסטינקטיוו אַ דריי־אָפּ אָן אַ זייט, ווייל עס דאַכט זיך זיי, אַז אַ קאַנאָן האָט אויסגעשאָסן, און אָט לויפט די קויל צו דעם צוהערער גלייך אין שפּיץ נאָז אַריין...

דערפאַר איז טאַקע קיין וואונדער ניט געווען, וואָס די בילעטן האָבן זיך פאַרקויפט ווי צו אַ בייז־וואונדער...

דער גרעסטער וואונדער איז אָבער געווען, וואָס דער עולם, אַנשטאָט קומען מיט אַ שעה שפּעטער, לויט דער שטענדיגער געוואוינהייט, איז דאָס מאָל געקומען מיט אַ שעה פריער. יעדער איינער האָט געהאָט אינזינען צו קריגן אַ גוטן פּלאַץ, ניט נאָר דעם באַרימטן רעדנער צו הערן, נאָר טאַקע אים זען, אַריינקוקן אין זיינע ברענענדיגע אויגן און אַרויסנעמען דעם טייטש פון יעדן וואָרט, וואָס קומט אַרויס פון זיין מויל.

דער פאָרזיצער האָט ניט געלאָזט דעם עולם לאַנג וואַרטן. ער האָט דער־עפנט דעם אָוונט און גלייך באַטאָנט:

— מיר ווייסן, אַז איר זיינט דאָס מאָל ניט געקומען צוליב די געהאַקטע לעבער מיט דער געפילטער קאַטשקע. מיר ווייסן, מיר פאַרשטייען, אַז די הויפּט־קאַטשקע איז ביי אייך היינט אָוונט מיכל יעדאַבער... הער יעדאַבער

איז שוין פאַראַן, ער זיצט דאָ אין וואַרט־צימער. נאָר אײדער מיר וועלן האָבן דעם גרויסן כבוד צו הערן דעם פעסט־רעדנער פון אָוונט, וועלן מיר גלייך נאָך די געהאַקטע לעבער הערן אַ וואָרט פון אונזער גוטן טוער יונה קינבאַק.

אין דער צייט וואָס יונה קינבאַק האָט גערעדט, האָט דער פאָרזיצער צו־געפירט דעם פעסט־רעדנער, מיכל יעדאָבער, צו זיין שטול ביים טיש, וואו ס'האָט געוואַרט אויף אים זיין פאָרציע געהקאַטע לעבער.

— איר הערט, פריינט יעדאָבער, — האָט דער פאָרזיצער אים אַריינ־געשושקעט אין אויער, —— איר מעגט זיך גוט אָנעסן, ווייל איר וועט דאַרפן היינט רעדן כאָטש אַרום אַ שעה צייט, ווייל לאַנג, לאַנג האָבן מיר געוואַרט אויף דעם כבוד איך צו האָבן מיט, אונז.

יונה קינבאַק האָט פאַרענדיגט און דער פאָרזיצער האָט פאַרגעזעצט:

— לכבוד אונזער ליבן גאַסט האָבן מיר אַ ריי געסט היינט אָוונט. און איצט, נאָך דער זופּ, וועט איר הערן אַ קורצע באַגריסונג פון דר. צילבערעט.

דר. צילבערעט האָט, ווי פּערל אויף אַ שנירל, געגומען ציילן זיינע ווערטער:

— פריינט, איך וויס, אַז איר וואַרט אַלע מיט אומגעדולד צו הערן אַ וואָרט פון אונזער פעסט־רעדנער, דערפאַר וועל איך דאָס מאַכן בקיצור. איך וועל דעם רעפעראַט, וואָס איך האָב צוגעגרייט אויף היינט, שניידן אין העלפט, אַזוי אַז דאָס וועט ניט נעמען מער ווי 35 מינוט מיט 10 סעקונדן...

ווען דר. צילבערעט האָט פאַרענדיגט רעדן, האָט דער פאָרזיצער בייז אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און ווי צו זיך אַ זאָג געטאָן: „מ'מוז שניידן די צייט, ס'איז שוין שפּעט." ער האָט אָבער ניט פאַרפעלט צו זען ווי דער פעסט־רעדנער האָט אויפגענומען זיין באַמערקונג, האָט ער דאָס איבערגעקייעט נאָך אַמאָל: „שוין שפּעט, מען וועט מוזן שניידן די צייט!" ער האָט זיך דערביי געווענדט צו מיכל יעדאָבער און אים אַ זאָג געטאָן אויפן אויער: „איר וועט שוין מער ווי דריי פערטל שעה ניט קאָנען רעדן."

איינער פון דער קאָמיטע איז צוגעלאָפן צום פאָרזיצער מיט אַ רציחה פון אַ גזלן:

— איר דער'הרג'עט דאָך דעם באַנקעט! אָט איז שוין די קאַטשקע, און נאָך דער קאַטשקע איז גוד־באַי דער אַפּיל מיט דעם פעסט־רעדנער, דער עולם שטעלט זיך גלייך אויף די פיס.

ווי פאַרצווייפלט, האָט דער פאָרזיצער גענומען שטאַמלען: „אָט שוין, אָט באַלד קומט דער אַפּיל.

יאָ, ער איז צוגעלאָפן צום טישל, אַ קלאַפּ געטאָן, עס זאָל ווערן שטיל.

— איך וועל אייך איצט פאָרשטעלן, איידער איך שטעל פאָר דעם פעסט־

רעדנער, אונזער ליבן טוער, וועמען מיר שאַצן־אָפּ פאַר זיין גוט האַרץ — מיסטער יונה לופטער. יונה לופטער וועט אייך לאַנג ניט נודיען, ער האָט פיינט די זאַכן. נאָר פאַר דער צייט וואָס די וועיטערס טראָגן די קאַטשקע, וועט ער אייך איבערגעבן די געשיכטע פון „זעביק״, ווי אַזוי דער „זעלבסט־בילדונג־קלוב״ האָט זיך אָרגאַניזירט, ווי ער פירט זיינע ביזנעס און פאַרוואָס איר דאַרפט זיך אָנשליסן. פאַרגעסט ניט, אַז דער פעסט־רעדנער גרייט זיך און איר מעגט זיך אויך גרייטן.

יונה לופטער האָט אַרויסגענומען אַ בוך פון אַ צוויי הונדערט זייטן, און גענומען דערקלערן:

— שוועסטער און ברידער פון „זעביק״, זייט וויסן, אַז איך וועל אייך ניט לייענען די אַלע צוויי הונדערט זייטן. איך וויים, אַז איר וואַרט אויפן פעסט־רעדנער, דערפאַר וועל איך דאָס מאַכן בקיצור, און איך וועל אָנהויבן פון יאָר ניינצן־צען, ווען איך בין געוואָרן אַ מיטגליד. איך וועל אייך אויך ניט דערציילן די גאַנצע מעשה, נאָר אין קורצן, ווי פון אַ טאָג־בוך.

די קאָמיטעטלייט האָבן פון אַלע זייטן גענומען אונטערטראָגן צעטעלעך סיי צום פאַרזיצער און סיי צו יונה לופטער׳ן גלייך אויפן טיש.

דער פאַרזיצער איז שוין געוואָרן אַזוי צעטומלט, אַז אָנשטאָט אַ זאָג טאָן צום רעדנער, יונה׳ן, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום פעסט־רעדנער, מיכל יעדאַבער: „איר האָט בלויז 10 מינוט און ניט מער.״

דער פאַרזיצער האָט שוין יונה׳ן ניט דערלאָזט צו פאַרענדיקן זיין געשיכטע. ער האָט אים איבערגעריסן אין דער מיט און אויסגערופן צום עולם:

— אַזוי ווי דאָס איז אַ מעשה ווי אַ ראָמאַן, וועט ברודער יונה לופטער דאָס לייענען אין פאַרזעצונגען. צום נעקסטן באַנקעט וועלן מיר האָבן אַ „פאַרזעצונג פאָלגט״ . . .

— איצט, — האָט דער פאַרזיצער זיך אָנגעבלאָזן, —— איצט, ברידער־לעך, קומט דאָס רעכטע געדיכטע פון אָוונט, דער קאָמפּאָט, די אמת׳ע קאַטשקע. עס וועט רעדן פאַר אונז דער פעסט־רעדנער פון אָוונט, מיכל יעדאַבער.

דער פאַרזיצער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט איבער דער פלייצע פון מיכל יעדאַבער און ווידער אָנגעהויבן:

— נאָר איידער אונזער פעסט־רעדנער נעמט רעדן, וועל איך זאָגן נאָר איין וואָרט, דאָס הייסט, ווי מ׳רופט דאָס אָן, אַן אַפּיל. ס׳איז אמת, ווי מען זאָגט, אַז דער זאַטער גלויבט ניט דעם הונגעריקן, און נאָך אייער עסן די קאַטשקע, קענט איר ניט מיטפילן. ווייל געוויס איז אייער האַרץ פאַרגאָסן

מיט „גרעיווי“... אָבער — געדענקט! איר דאַרפט העלפן די יתומים, ווייל קיינער ווייסט ניט וועמענס מאַרגן ס׳איז.

— איצט, — זאָגט ווייטער דער פאָרזיצער, — ווען דער קאָמיטעט וועט אַרומגיין און קאָלעקטן די צענערלעך, פינפערלעך און דאָלערס, וועט דער גרויסער און וועלט־באַרימטער רעדנער האַלטן פאַר אונז די פעסט־רעדע פון אָוונט.

ווען מיכל יעדאַבער האָט גענומען רעדן און פּרובירט אַריבערשרייען דעם קאָמיטעט איבערן זאַל, מ׳זאָל אים הערן אַ וואָרט, האָבן זיך גענומען לעשן די לעמפּלעך איבער דער בינע. דאָס האָט דער אייגנטימער פון זאַל געלאָזט וויסן, אַז מ׳דאַרף שוין שליסן דעם אָוונט.

מיכל יעדאַבער האָט נאָך אָבער באַוויזן אַריינצוכאַפּן אַ פּאָר ווערטער:

— פריינט, געקומען בין איך אַהער אַלס פעסט־רעדנער, איצט דאַרף איך רעדן פעסט . . . צו קאָנען איך זאָגן אין צייט, איידער איך גיי אַוועק — אַ גוטע נאַכט...

„סאַם ספּיקער!״...

די לעידיס אָקזילערי האָט באַשלאָסן דורכצופירן אַ „קאַלטשורעל איווי־נינג״. די פראַגע איז געווען, ווער עס זאָל זיין דער רעדנער? אָבער ווי גיך די פאָרזיצערין האָט דערקלערט, אַז דר. לאָוב איז דער בעסטער רעדנער, ער איז אַ „וואָנדערפול מען״ מיט „פּוירסאָנאַליטי״, האָבן גלייך אַלע צוגעשטימט.

איז אויפגעשפּרונגען אַ צווייטע פראַגע: ווי אַזוי צו ברענגען אַן עולם? און דאָ זיינען געפאַלן אַ סך פאָרשלאָגן.

די סעקרעטאַרשע האָט געמאַכט אַ פאָרשלאָג צו אַראַנזשירן אַ באַנקעט. ביי אַ באַנקעט, האָט זי אַנגעוויזן, איז מען אַלע מאָל זיכער מיט אַ „סוקסעס״. „לעקטשורס״ קאָנען ניט אַלע „דאַידזשעסטן״, אָבער עסן, האָט זי גע׳טענה׳ט, און נאָך דערצו אַ גוטן קנאַבלס, אַ קניש, אַ לאָקשן־פּודינג — פאַר דעם ווערן אַלע מענער די כפרה, און פרויען האָבן דאָס אויך ניט פיינט.

די פינאַנץ־סעקרעטאַרשע איז אויפגעשפּרונגען און גענומען שרייען: „אַי דאָנט לאַיק בענקעטס״. עס קאָסט מיך געלט און איך האָב ניט קיין „פּלעזשור״. מיין מאַן „סאַפּערט״ פון אַלסערס, ניט פאַר אייך געדאַכט, פעלט אים נאָך קנישעס מיט „פּודינגס״! איך מאַך אַן אַמענדמענט, מיר זאָלן אַראַנ־זשירן אַ „דענס״. „וואָרי־באַדי לאַיקס טו דענס״.

— גייט שוין גייט, איר רעדט נאַרישקייטן! — האָט די פאָרזיצערין זי גענומען דערקלערן. — היינטיגע ציטן, אויב מ׳וויל „דראָען אַ קראַוד״, איז די „בעסט טינג״ צו אַראַנזשירן אַ „קאָרט־פּאַרטי״. צו אַ „קאָרט־פּאַרטי״ זייט איר „שור״, אַז עס וועלן קומען אַלע. פריער וועלן זיי האָבן אַביסל „פאַן״, און דערנאָך וועלן זיי „ענדזשאָיען״ אַ „לעקטשור״.

— איך מאַך אַ „סאָבסטיטוט״, — האָבן זיך דערהערט שטימען פון אַלע זייטן.

ווען די פאָרזיצערין האָט געפרעגט, ווער איז אין „פעיוואָר״? — האָבן אַלע הענט זיך אַ הייב געטאָן דערפאַר.

• • •

אַזוי האָט זיך שוין פון 3 בייטאָג אַרויסגעוויזן, אַז דער אָוונט וועט זיין אַ דערפאָלג... עטלעכע טישלעך, מיט גרופּעס אַרום זיי, זיינען גלייך פאַרנומען געוואָרן, דאָס הייסט נאָך בייטאָג, ווען מ׳האָט געשפּילט אַלערליי „געימס״. אין אָוונט זיינען אונטערגעקומען די מענער, זיינען ווידער אָרגאַניזירט געוואָרן

נייע גרופּעס: וואו אַ חברה־פּויקער, און וואו אַ חברה־פּינאָקל...

אַרום אַכט אַזייגער איז שוין דער זאַל געווען געפּאַקט מיט מענער, פרויען און קינדער. יעדער איינער האָט זיך אויסגעקליבן זיין קאָמפּאַניע, זיין טיש און זיין „געים״.

האַלב נאָך אַכט, ווען דער לעקטאָר, דר. לאָוב, איז אַריינגעקומען אין זאַל, האָט אַ שפּילער, ניט־וויסנדיג ווער דאָס איז, אים זייטיג אַ וואָרף געטאָן אַ וואָרט:

— מיסטער, איר זייט געקומען צו־שפּעט, אַלע טישלעך זיינען שוין פאַרנומען...

— איך בין דער לעקטאָר, — האָט דר. לאָוב געענטפערט מיט אַ פּאַר־לאָרענער שטימע.

— אָה, דאָס איז דער מאַן פאַר דעם „קאַלטשורעל פּאַרט״! — האָט אַ פרוי אויסגערופן.

אַ צווייטע האָט גלייך אַ געשריי געטאָן צו דער פּאַרזיצערין פון דער לעידיס אַקזילערי, מיסעס קאַטקין:

— דער מאַן מיט די „קאַלטשורעל״ איז דאָ!

די מיסעס קאַטקין איז גלייך צוגעלאָפן צו דר. לאָוב, צוגענומען זיין פּאַרטפעל, אונטערגערוקט אים אַ שטול און גענומען דערקלערן:

— „יו סי״, כדי צו האָבן אַ גרויסן „קראַוד״, האָבן מיר אַראַנזשירט אַ קאַרט־פּאַרטי, און ווי גיך ס׳וועט אַריינקומען די מיסעס גאָלד, „יו סי״, די מיסעס גאָלד האָט אַ „ביוטי־פּאַרלאָר״, פאַרמאַכט זי די „ביזנעס״ 10 אַזייגער, און אַן איר פירן מיר קיינמאָל ניט דורך די „קאַלטשורעל פּאַרט״.

די פּאַרזיצערין, מיסעס קאַטקין, האָט אַ וואָרף געטאָן איר אויג צום טישל, צו זען וואָס דאָרט טוט זיך . . . און דערביי אַ פרעג געטאָן דעם דר. לאָוב, וואָס פאַר אַ „געים״ ער שפּילט.

— איר קאָנט דערווייל נעמען אַ „האַנט״, ביז די מיסעס גאָלד וועט אַריינקומען.

דר. לאָוב האָט אַ שמייכל געטאָן:

— איך האָב אַ סך זאַכן שטודירט, נאָר קאַרטן שפּילן, דאָס קאָן מיין קאָפּ ניט באַנעמען...

דר. לאָוב האָט אַרויסגענומען פון קעשענע זיין צייטונג צום לייענען און די מיסעס קאַטקין האָט זיך אַנטשולדיגט און איז אַוועק צום טישל איבער־נעמען איר „האַנט״...

זיצנדיג ביים טישל האָט די מיסעס דוואָרקין געוואָרפן אירע אויגן צו

דעם דר. לאָוב און מיט באַדויערן געקוקט ווי ער זיצט איינזאַם אַליין. זי האָט זיך ענדלעך אָנגענומען מיט מוט און אַ זאָג געטאָן צו דער פאַרזיצערין, מיסעס קאַטקין:

— איר האָט געדאַרפט „אינוואַיטן“ דעם דאָקטאָר צו אונזער טיש. מיר קאָנען דאָ מאַכן פּלאַץ פאַר אַ זעקסטע „האַנט“...

— יעס, פאַרזיכערט איר די מיסעס קאַטקין, — איך בין אַזוי „סמאַרט“ ווי איר. איך האָב אים געבעטן, „באַט“, איר מיינט אַז מ'איז שוין אַ דאָקטאָר קאָן מען אַלץ? קאָן ער גראַדע ניט נעמען אַ קאָרט אין האַנט, און טוט אים עפּעס!

— „סאַם ספּיקער!“ — האָט די מיסעס דוואָרקין אַרויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

און די מיסעס לאַפּידוס האָט גלייך איבערגעזעצט:

— אויך מיר אַ רעדנער!...

בוך־וויטאָג און בויך־וויטאָג

מיט דער אייגענער באַגייסטערונג, וואָס חנא לערמאַן האָט געלערנט מיט די קינדער אין דער שול, האָט ער אויך געשריבן זיינע דערציילונגען און לידער.

ער האָט ליב דאָס מאַמע־לשון ווי דער מאַמען אַליין. דערשיינט אַ אידיש בוך, עפנט זיך אַ נייע קינדער־שולע — פילט ער, אַז זיין פאָלק האָט צו־געקראָגן נאָך אַ שטיץ־פונקט, נאָך אַ פאַרטיידיגער פאַרן אידישן קיום...

היינט שטעלט אייך פאָר די פרייד וואָס חנא לערמאַן האָט געהאַט, אַז ער האָט דערלעבט דעם טאָג, ווען עס איז דערשינען זיין אייגענער ערשטער בוך לידער און דערציילונגען!

נו, חנא לערמאַן האָט געהאָפט, און מיט רעכט, אַז דער לייען־קרייז, וואו ער איז גוט באַקאַנט, די טויער אַרום די שולן, זיין אַלטע באַקאַנטשאַפט מיט די אַרבעטער פון זיין אַמאָליגן פאַך, — דאָס אַלץ וועט אים געבן אַ מעגלעכקייט צו באַצאָלן פאַרן דרוקן און בינדן זיין בוך. ער האָט אָבער ניט געוואָרט, אַז די לייענער זאָלן קומען אין בוך־געשעפט אָדער צו אים אַליין קויפן זיין בוך. ער איז געגאַנגען מיט זיין בוך צו זיי.

וואו אַ לאַנדסמאַן, אַ באַקאַנטער, אַ פריינט, ווען אַ יום־טוב, אַ יובל, אַ פיקניק, איז חנא לערמאַן געווען מיט זיין ווערק.

ביי איין לאַנדסמאַן האָט מען אים פאָרגעשלאָגן ער זאָל זיך נעמען פאַר־קויפן זאָקן, וועלן זיי נעמען צוויי טוצן. ביי אַ צווייטן לאַנדסמאַן האָט מען אים געפרעגט, צי ער וועט אויך קומען דאָס בוך לייענען פאַר זיי... אין איין סאָסייעטי, וואו ער האָט גראָד געטראָפן אַ גרופע פאַרנומען מיט אַ קערטל, האָט מען אים געפרעגט, צי האָט ער צווישן זיינע ספרים אויך „תהילים׳לעך״ (ס׳הייסט, טעשלעך קאָרטן...).

איינער האָט כלומרשט יאָ אַ פרעג געטאָן דעם פרייז פון אַ בוך, און ווען דער מחבר האָט געענטפערט, אַז דאָס בוך קאָסט צוויי דאָלער אַ קאָפּיע, האָט אים דער לאַנדסמאַן אַזוי אַ מאָס געגעבן מיט די אויגן:

— וואָס, צוויי דאָלער? איך קריג דאָך פאַר אַ דאָלער אַ בוך פון שלום עליכמ׳ען, פון פרצ׳ן.

— יאָ, — ענטפערט ער מיט אַ שפּאַס, — אָבער זיי זיינען שוין פיזיש טויט און איך לעב און דאַרף מאַכן אַ לעבן.

— אויב אַזוי, — זאָגט דער לאַנדסמאַן, — וועל איך וואַרטן...

חנא לערמאַן האָט אָבער זיין מוט און גלויבן ניט פאַרלאָרן. ער האָט באַשלאָסן אַרויסצושיקן זיין בוך אין דער פּראָווינץ. דאָרט, האָט ער געטראַכט, האָבן די אידן ניט קיין נאַרישע שטונדן אויף דער ראַדיאָ, קיין שונד־טעאַטער. אידן, אַמאָליגע אידן, וועלכע האָבן ליב געהאַט צו לייענען אַ אידיש וואָרט, — זיי וועלן אָפּשאַצן, זיי וועלן אויפנעמען זיין בוך.

אַזוי האָט לערמאַן צעשיקט עטלעכע הונדערט פון זיינע ביכער איבער דער פּראָווינץ, צו זיינע באַקאַנטע און צו וועמען אַ פריינט האָט אים נאָר געגעבן אַן אַדרעס.

דער ערשטער ענטפער, וואָס ער האָט געקראָגן, האָט זיך געלייענט אַזוי: „איך האָב אַלע מיינע אידישע ביכער אַוועקגעשיקט קיין אייראָפּע, וויל איך ניט, אַז איין בוך זאָל ביי מיר לעבן ווי אַ ממזר. אויב איר ווילט, לאָזט מיר וויסן, וועל איך אייך דעם בוך צוריקשיקן; אויב ניט, שיק איך אים אויך אַוועק קיין אייראָפּע.“

אַ צווייטער האָט געענטפערט, אַז ער האָט שוין אפשר פערציג יאָר אַ גאַנצן שראַנק מיט ביכער, אין וועלכע ער האָט נאָך ניט אַריינגעקוקט. די ביכער זיינען געבונדן אין טייערן לעדער, מיט גאָלדענער שריפט אויף די רוקנס — וועט לערמאַנ׳ס ביכל זיך ניט אַריינפּאַסן צווישן זיי...

די אַנדערע האָבן אַפילו ניט געענטפערט אויף די בריוו, וואָס חנא לערמאַן האָט זיי געשריבן און געבעטן זיך ביי זיי מיט טרערן אין די אויגן: האָט רחמנות און שיקט מיר צוריק מיין בוך. אַנדערע האָט ער אַפילו געשיקט פּאָסט־מאַרקעס אויף צוריקשיקן אים זיין בוך, און עס האָט ניט געהאָלפן!

איין פרימאָרגן אָבער האָט אַ שיין געטאָן די זון פאַר חנא לערמאַן. דער בריוו־טרעגער האָט אים געבראַכט אַ בריוו מיט אַ טשעק אויף גאַנצע דריי דאָלער.

ער האָט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם גענומען לייענען דעם בריוו, וואָס האָט געקלונגען אין זיינע אויערן ווי אַ ראָמאַנטיש לידל.

דער בעל־דבר פון טשעק שרייבט אים:

„ווי איר ווייסט, איז מיט ביכער אַזוי ווי מיט קוילן: אָדער זיי ליגן אין קעלער, אָדער אין אויוון... אָבער אויף אייער מזל האָב איך זיך אין מיין גראָסערי פאַרקרענקט אויף אַן אַפּענדיקס און זיך אַוועקגעלייגט ווי אַ קימ־פּעטאָרין אויף אַ פּאָר וואָכן אין בעט. קראַנקערהייט איז מיר איינגעפאַלן אַ קוק צו טאָן אין אייער בוך. וואָס טוט ניט אַ מענטש פון היץ?... איצט מוז איך אייך שרייבן, אַז אייער בוך לידער און מעשה׳לעך האָט מיך געראַטעוועט,

דערקוויקט, אויפגעלעבט. איך האָב די בלעטלעך געשלונגען ווי די אַספּירינס... גאָט זאָל איך נאָר געבן לאַנגע יאָרן מיט אַ גאָלדענער פאָונטעינפּען.

„די גאַנצענע טעג, וואָס איך בין געלעגן אין בעט, — שרייבט וויטער דער קראַנקער, — זיינט איר געלעגן ביי מיין זייט ווי אַ וואַרעמער קאָמפּרעס. איך האָף נאָר, אַז דאָס בוך זאָל זיך אַזוי פאַפּראַוועט ביי איך, ווי איך האָב זיך פאַפּראַוועט אַרום אייער בוך...״

חנא לערמאַן איז דערנאָך אַרומגעגאַנגען צווישן זיינע פריינט שרייבער און מיטן בריוו אין האַנט געוויזן זיי ווי אַזוי בוך־וויטאָג איז אַ מיטל פאַר בוך־וויטאָג.

ער וויל אַן אויטאָמאָביל

אַ לעבן לאַנג האָט מיסטער ברוידאָ געאַרבעט אויף מאַשינען. אָנגעהויבן האָט ער צו אַרבעטן אַלס אַן אָפּערייטאָר אויף אַ באַיסיקל־מאַשין, אַריבער אין אַ צווייטן שאַפּ און זיך אויסגעלערנט צו אַרבעטן מיט אַ „שאַרער"־מאַשין, און ווידער געביטן דעם שאַפּ, וואו ס'זיינען שוין געווען מאַשינען מיט די טרעטערס, און צום סוף — געוואָרן דער אמת'ער אָפּערייטאָר ביי אַ מאַשין, געטריבן מיט דעם כח פון עלעקטריק.

די אַלע מאַשינען האָבן ביי ברוידאָ'ן אַרויסגענומען דעם קליאָק פון די ביינער, און ווען ער נעמט זיך אויפשטעלן אין שאַפּ, נאָך אַ טאָג אַרבעט ביי דער מאַשין, פילט ער, אַז דאָס זיינען שוין מער ניט קיין פיס, נאָר — קלעצער.

איצט, אויף די עלטערע יאָרן, האָט ברוידאָ באַשלאָסן צו קויפן זיך אַן אויטאָמאָביל, אַן אייגענע מאַשין. אויב, זאָגט ער, איך האָב אַ מאַשין אין שאַפּ אויף צו זיצן ביי איר אין געהאַקטע וואונדן, מעג איך האָבן אַ מאַשין, וואָס זאָל מיר אונטערפירן מיינע קלעצער... און אַוודאי וועט דאָס אויך גוט זיין פאַר מיין „סאַיאַטיקע" און פאַרן ווייטאָג אין די קריזשעס, ווען איך וועל זיך וויניגער דאַרפן אַרומשלעפּן אין די באַנען, קלעטערן טרעפּ־אַרויף און טרעפּ־אַראָפּ.

ווען מיסטער ברוידאָ האָט באַשלאָסן צו קויפן אַ מאַשין, האָט ער דעם באַשלוס פאַרשלאָסן ביי זיך אין קאָפּ. געטראַכט האָט ער צו מאַכן אַ סורפּרייז זיין ווייב, זיינע קינדער, און דער עיקר — די אייניקלעך.

אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער שוין אַפילו אַלעמען צעזעצט אין דער מאַשין: ער מיט זיין ווייב — אין פאָרנט, ביים רעדל; ער האָט זייער ליב זיין ראָזעלי, טאָ זאָל זי זיצן לעבן אים, ער וועט טיילן מיט איר דעם גרויסן פאַרגעניגן. נאָר פונדעסטוועגן, גיט ער אַ טראַכט, ראָזעלי האָט אַ טבע צו פירן דאָס רעדל... זי איז פון די, וואָס טראָגן די הויזן... וועט ער וועלן פאָרן רעכטס, וועט זי זאָגן לינקס; וועט ער פאָרן דורכן פּאַרק, וועט זי וועלן דורכן „דראַיוו". באַשטימט ער: יאָ, זאָל זי זיצן מיט אים אין פאָרנט, נאָר — דאָס אייניקל הערשעלע צווישן זייביידן. איך האָב פיינט, רעדט ער צו זיך, די זייטיגע און די הינטערשטע אונטערשמייסער, וואָס פאָרן־מיט אויף אַ מאַשין און זאָגן דעות ווי אַזוי צו קערעווען...

אויך אויף די הינטערשטע פּלעצער פון דער מאַשין סאָרטירט ער אויס די פאַמיליע: די דריי טעכטער מיטן קליינוואַרג אויף די הענט — אויף דעם דיוואַן; צוויי איידעמס אויף די פאַרענטשעס, און דעם דריטן? נו, איינער פון זיי וועט דאָך געוויס אַלע מאָל ניט וועלן פאָרן... וועט ער בלייבן אין דערהיים.

ווען ברוידאַ האָט שוין אַלעמען באַזאָרגט מיט אַ זיץ־פּלאַץ אין זיין אויטאָ, איז פאַר אים געשטאַנען די פראַגע וואָס פאַר אַן אויטאָמאָביל צו קויפן. אַ „פאָרד״ דערמאָנט עפּעס אָן אַ פערד, און אַ „ביואיק״ — קאָן מען נאָך מיינען, אַז ער פאָרט מיט אַ ביק. און אַ „קאַיזער־פרעיזער״, קלינגט עפּעס ווי — גראַם־שטראַם, מאַך מיר אַ לידל...

טאַקע באַלד איז ער אַוועק מיט זיינע קלישאַווע פּיס אין אַן אָפיס פון אַן אויטאָמאָביל־קאָמפּאַני און זיך באַשטעלט אַ מאַשין.

ווען דער אַגענט האָט אים אַ וואונק געטאָן, צי וויל ער אַ מאַשין מיט פּוטער, צי אָן פּוטער?... — האָט אים גענומען אַ היבשע צייט צו צעקייען, וואָס דאָס מיינט. נאָר ווען ער האָט שוין עס שוין צעקייט, האָט ער גע־וואוסט, אַז מיט פּוטער מיינט — אונטערגעשמירט... און אַז מ׳שמירט, פאָרט מען....

מיסטער ברוידאַ האָט אָבער גלייך געלאָזט וויסן, אַז ער איז אַ גוטער יוניאָן־מאַן, און ער האַלט ניט פון שמירן... און אַז דערפאַר, וואָס ער באַ־קעמפט די „גרעפט־ביזנעס״ פון די ביוראָקראַטן אין זיין יוניאָן, קאָן ער אויך דאָרטן ווייט ניט פאָרן...

דער אַגענט האָט אים, ווי אָפּצו׳פּטר׳ן, געגעבן אַזאַ קליין ביכעלע, מיט די אַלע נויטיגע אָנווייזונגען, צו לערנען זיך די אַלע געזעצן און רעגולאַציעס אין פאַרבינדונג מיט טרייבן אַן אויטאָמאָביל. דערביי מיט אַ גנב׳יש וואונק אים געזאָגט, אַז מ׳וועט אים שוין לאָזן וויסן דורך אַ בריוו ווי גיך די מאַשין וועט זיין פאַרטיג פאַר אים.

מיסטער ברוידאַ האָט זיך ערנסט אַ נעם געטאָן צום לערנען זיך. אויב טרייבן אַן איטאָמאָביל, און דערצו נאָך מיט ווייב און קינדער, וויל ער קענען אַלץ וואָס האָט אַ שייכות דערמיט, אָפּהיטן די געזעצן און אויך דאָס לעבן... ער האָט געהאַט דאָס ביכעלע אין שאָפּ, ביי דער אַרבעט, מיטאָג־צייט, און אַזוי אויך פאַרנדיק פון דער אַרבעט, האָט ער שטודירט, איבערהויפּט ווען ער איז געקומען אין הויז. אַנשטאָט, ווי אַלע מאָל, זיך נעמען העלפן אויסוואַשן די כלים, פאַרברענגען מיט דער פאַמיליע, האָט מיסטער ברוידאַ זיך אַוועק־

געזעצט אין אַ ווינקעלע מיטן ביכל אין האַנט און זיך געגריבלט, געמאַכט עקספּערימענטן, איבונגען, אַ דריי די האַנט, אַ האַנט אַרויס, אַ דריק מיט דער רעכטער פוס, אַ דריק מיט דער לינקער פוס, אַ הייב זיך פון שטול, אַ פינגער אַרויף, אַ פינגער צו זיך, אַ שטופּ, אַ מאַך, אַ פּאַר...

עס זיינען אַזוי אַוועק עטלעכע אָוונטן. די פאַמיליע האָט זיך געכאַפּט, אַז עפּעס איז ניט גלאַט מיט אים. ווען ער איז געווען פאַרטיפט אין זיינע איבונגען און געהאַלטן אין איין רעדן צו זיך, פלעגט זי, זיין ווייב ראָזעלי, מיט די קינדער זיך פאַרשטעקן אין קיך הינטערן קלאָזעט, און מיט דער־שראָקענע אויגן נאָכפאָלגן זיינע שטיק.

— ער איז עפּעס ניט מיט אַלעמען! — האָט ענדלעך זיין געטרייע ראָזעלי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און זיך באַקלאָגט פאַר אַ שכנה.

די שכנה האָט זי באַרואיגט:

— זייט ניט קיין נאַר! כאַפּט נאָר אַ קוק אין ביכל, און איר זאָלט גאָר ניט איבערראַשט ווערן, ווען אויף די עלטערע יאָרן האָט ער אָנגעהויבן אַריינ־צוקוקן אין אַ ראָמאַנטיש ביכעלע... אויף די מענער קאָנט איר אַלץ גלויבן, — האָט די שכנה מיט זיכערקייט אַ זאָג געטאָן. — איך אַליין האָב דאָס געהאַט מיט מיין מאַן...

אַזוי זיינען אַוועק וואָכן און וואָכן. ווי גיך ער האָט זיך אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק איין טייל פונעם ביכל, האָט ער פאַרגעסן אַ צווייטן טייל, און וויפיל ער האָט געקלאַפּט אין די טירן פון זיין אַגענט צו קריגן די קאַר, האָט גאַרניט געהאָלפן. מ'האָט אים אָפּגעלייגט פון איין טאָג אויפן צווייטן.

מיסטער ברוידאַ'ן האָט זייער פאַרדראָסן, וואָס ער דאַרף האַלטן אין איין לערנען זיך און מוז אַלע טאָג דאָס איבער'חזר'ן, אַזוי אַז ס'איז שוין געוואָרן באַלד זיין צווייטע נאַטור צו מאַכן די איבונגען און רעדן צו זיך...

איין פאַרנאַכט, ווען ער איז געקומען מיד פון דער אַרבעט און האָט זיך צוגעלייגט שלאָפן, האָט ער אין שלאָף גענומען קערעווען די מאַשין, דרייען מיט די הענט און זיך בריקען מיט די פיס, אַזוי אַז די פאַמיליע איז געבליבן טויט־דערשראָקן.

אַ פאַרציטערטע האָט ראָזעלי אויסגערופן צו איינעם פון די קינדער:

— גיכער, רוף אַן אַמבולאַנס, ברענג אַ דאָקטאָר!...

אין אַ וויילע אַרום איז דורכגעלאָפן אַ ציטער איבערן הויז. עס האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער געקלאַנג פון דעם לויפנדיקן שפּיטאָל־וואָגן און אַ פּלוצימדיגער אָפּשטעל ביי דער טיר פונעם הויז.

מיסטער ברוידאַ האָט זיך אַ צעטומלטער אַ כאַפּ געטאָן מיט דעם שלאָף

אויף די אויגן, צוגעלאָפן צום פענצטער. ער האָט דערזען אַ גרויסע גלאַנצנ־דיגע מאַשין פאַר דער טיר.

— קינדער! — האָט ער אַ געשריי געטאָן. — גיכער, נעמט דער מאַמען און קומט. איך האָב שוין די מאַשין, איך וועל אייך געבן דעם ערשטן אַרויס־פאָר!...

אָפּגעשפּילט אַ חתונה׳קע...

די פּערלינס האָבן געשפּאָרט אַ סענט צו אַ סענט,ביידע האָבן געפּראַצע־וועט און זיך געקאַרגט דעם ביסן אין מויל. אינזינען האָבן זיי געהאַט זייער בת־יחידה, דאָס איינציג קינד אין הויז — פריידעלע.

אַז פריידעלע האָט גענומען אַרומגיין מיט אַ בחור, איז פאַר די פּערלינס ערשט קלאָר געוואָרן ווי גוט ס׳איז וואָס זיי האָבן געשפּאָרט יעדן סענט, וואָרים וואָס נאָך קאָן זיין פאַר זיי אַ גרעסער גליק ווי דאָס גליק פון זייער קינד?

געטראַכט האָט דער טאַטע, וויסנדיג די שווערע צייט אין וועלכער מיר לעבן, אַז מיט דעם געלט וועט דאָס יונגע פּאָרל זיך קאָנען איינאָרדענען אַ היים, קויפן פוירניטשור און אַלץ וואָס איז נויטיג, און די איבעריגע פּאָר דאָלער אָוועקלייגן אין דער באַנק אויף אַ רעגנדיגן טאָג...

אין דער זעלבער צייט האָט די מאַמע געטראַכט, אַז מיט דעם געלט וועט מען קאָנען פּראַווען אַ שיינע חתונה אין אַ גרויסן „טעמפּל״, מיט די אמת־פיינע מוזיקאַנטן, מיט דער רייכער וועטשערע, וואָס ווערט סערווירט אין גאָלדענע טעלער. איבערן זאַל דרייען זיך אַרום ווייסע שלעפּעס מיט שוואַרצע צילינדערס. אַלע קושן זיך מיט די מחותנים. דער „מזל־טוב״ קלינגט איבער דער גאַנצער גאַס. פאָטאָגראַפערס „שיסן״ בילדער. און על־כולם, זאָל טאַקע די מיסעס פּלושקע אַביסל אַ פּלאַץ טאָן! וואָרים ווען זי האָט חתונה געמאַכט איר טאָכטער, האָט זי געזאָגט, אַז אַזאַ חתונה ווי ביי איר טאָכטער איז נאָך ניט געווען און עס וועט אין ערגעץ ניט זיין... סיידן ביי אַ פּרינצעסין אָדער פון די „פיר הונדערט״...

ווען די פאַמיליע האָט שוין טאַקע אָנגעהויבן צו רעדן פון דער חתונה, איז דער ענין אַרויסגעקומען אויף דער טאָג־אָרדענונג ביי די פּערלינס, און ביי דעם ערשטן שמועס איז געוואָרן אַ קאַמף. ס׳הייסט, מ׳האָט זיך, חלילה, ניט געשלאָגן, נאָר די דיסקוסיעס זיינען געווען גאָר וואַרעמע און אָפט טאַקע הייסע...

מיסטער פּערלין האָט גע׳טענה׳ט:

— איך האָב ניט געהאָרעוועט אויף דעם אַלע מיינע יאָרן, אַריינצובראָקן דרייסיג יאָר אַרבעט, דריי טויזנט בלוטיגע דאָלאַרן אין איין וועטשערע... מ׳וועט זיך אָנעסן, אָנטרינקען און דערנאָך קאָנען פיין באַרעדן אונז, אַז מיר

זיינען געווען קאַרג, ניט געווען געניג בראַנפן, ניט גענוג קישקע, דער מחותן האָט אויסגעזען ווי אַ באַלעגאָלע און די מחתונת׳טע ווי אַ קושעניערקע...

דאָ איז שוין מיסעס פּערלין פאַרלאָפן דעם וועג:

— נו, טאַקע! מענטשן גיבן שיינע מתנות, דרשה־געשאַנק, פאַרוואָס זאָל טאַקע ניט זיין פון אַלץ און גענוג? וואָס איז, אונזער טאָכטער וועט עפּעס אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג חתונה האָבן? דאָס איז דאָך איין מאָל אין לעבן, טאָ זאָל זי, איר מאַן און אַזוי פריינט וויסן, אַז דאָס איז שוין איינמאָל געווען אַ חתונה! נו, און די מחותנים, אויב זיי ווילן ניט מ׳זאָל פון זיי לאַכן, דאַרפן זיך טאַקע אָנטאָן ווי מענטשן. וואָס איז, מ׳קריגט ניט קיין פרינץ־אַלבערטס, צילינדערס, חתונה־קליידער מיט זילבערנע און גילדערנע שיך? הערסט, — ווערט זי באַגייסטערט פון אירע אייגענע רייד, — אַפילו אַ ראַזעווון ברויט אַז מ׳באַשמירט מיט אַ כאַרמושקע, הויבט ער אויך אָן גלאַנצן...

מיסטער פּערלין קאָן שוין מער צום וואָרט ניט קומען, ווייל אויך דאָס טעכטערל פריידעלע איז איינשטימיג מיט דער מאַמען. דאָס טעכטערל זאָגט שוין אַפילו אין וועלכן „טעמפּל" די חתונה זאָל זיין, ווי דער „סאַפּער" וועט געקאָכט ווערן, וואָס פאַר אַ רינג זי וועט זיך קויפן, ווי די צערעמאָניע וועט געפירט ווערן און וואו זיי דענקען צו פאָרן פאַרן „האָני־מון".

מיסטער פּערלין בלייבט זיצן ווי אַ פאַרלאָרענער. ער האָט ניט מער קיין ווערטער. ער קאָן זיך ניט קריגן מיטן קינד און ער ווייס אויך, אַז דער מאַמען וועט ער שוין ניט איבערשפּאַרן...

די מיסעס פּערלין און די טאָכטער ווילן אָבער ניט בלויז אים האָבן פאַר־מאַכט דאָס מויל, נאָר זיי ווילן, אַז ער זאָל צושטימען, זיין צופרידן, און מיט ליבשאַפט אַרויסנעמען זיינע אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַרן פון דער באַנק אַרויס... הויבן זיי אָן צו רעכענען, וויפיל „פּראָפיט" זיי וועלן גאָר מאַכן פון די מתנות, וואָס זיי וועלן קריגן.

די מיסעס פּערלין מאַכט אַ חשבון, אַז דער אָנקל פון דעטראָיט איז אין די מעבל־געשעפטן און איז זייער רייך. פריידעלע העלפט איר אַרויס:

— ער וועט זיכער מיר שיקן אַ סעט פורניטשור, וואָס קיינע פון מיינע פריינדינס האָט נאָך אַזוינס ניט געזען. איך בין זיכער, — גיט זי צו מיט באַגייסטערונג, — אַז טאַנטע ראָוז וועט שיקן פון איר סטאָר אַ סעט אַלומינום אָדער אַ סעט זילבער.

— נו, — זאָגט ווייטער די מיסעס פּערלין, — און אייזיק וועט עפּעס אָפּשניידן טרוקן? ווען דו ביסט געווען קליין, פלעגט ער דיר דאָך אויסקושן יעדער גליד; אָן אַ שטיק שאָקאָלאַד פלעגט ער דאָך קיינמאָל אין הויז ניט

אַריין. איך בין זיכער, אַז ער וועט דיר געבן אַ קאַרפּעט, אַ „וועקיום־קלינער״, און אפשר גאָר פינף־הונדערט דאָלער קעש. ער איז דאָך אַלע זיינע יאָרן אַ אַ מענטש אַ ספּאָרט!

פריידעלע כאַפּט ווידער אונטער:

— און וואָס דענקסטו, פּאַפּאַ, וועט דער קאַזין דזשוליוס געבן? איך בין גרייט צו וועטן זיך אין פופציג קושן, אַז דער קאַזין דזשוליוס וועט געבן אַ ראַדיאָ, טעלעוויזשאָן, אָדער טאַקע אַ פרידזשידעיר... און איך דענק טאַקע, אַז איך וועל נעמען דעם פרידזשידעיר גיכער פון אַלץ, — גיט זי גלייך צו.

מיסטער פּערלין איז נאָך אַלץ געזעסן מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי צו זיך גערעדט: „זיי מאַכן אַ חשבון אויפן שניי...״

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט מען זיך גענומען גרייטן צו דער חתונה, טאַקע ווי די מיסעס פּערלין און די טאָכטער פריידעלע האָבן אויסגעפּלאַנירט.

די חתונה איז געווען גאָר אַ שיינע, מ׳קאָן זאָגן — אַ געראָטענע. די מחותנים האָבן געשיינט. דאָס עסן האָט געשמעקט. געטאַנצט האָט מען אויף די אייגענע פיס און אויף יענעמס, ווייל אַלע האָבן זיך געפילט בגילופינדיג, אַפילו מיסטער פּערלין אַליין האָט באַשלאָסן צו פאַרטרינקען זיין פאַרדרוס, ער האָט געטרונקען און געטאַנצט...

ביי דער וועטשערע האָט מען געזונגען, געראויכערט די גאָר פיינע ציגאַרן, אָנגעצונדן מיט די שוועבעלעך, אויף וועלכע עס האָבן אַראָפּגעשיינט די גאָלד־גדרוקטע נעמען פון פריידעלע און איר חתן זעליג גאָלדסמיט.

זייער וואַרעם זיינען פון די געסט אויפגענומען געוואָרן די טעלעגראַמעס, וואָס זיינען אָנגעקומען פונעם פעטער פון דעטראָיט, פון דער מומע ראָזע, פון דעם קאַזין דזשוליוס, פון אייזיק׳ן, און נאָך אַנדערע.

פריידעלע האָט געקוקט אויף די טעלעגראַמעס. די מיסעס פּערלין האָט איר געגעבן נאָכאַמאָל איבערצעכענען די אַלע נעמען, וועלכע האָבן געשיקט טעלעגראַמעס אָנשטאָט אַליין קומען צו דער חתונה.

מיסטער פּערלין האָט, זייענדיג שוין אַביסל פאַרשנאַשקעט, געהאַלטן די טעלעגראַמעס און פאַר זיך אַליין גערעכנט: „די טעלעגראַמע — פּוירניטשור... די — אַ זילבער־סעט... די — אַ ראַדיאָ...״ ער האָט די טעלעגראַמעס גוט צונויפגעלייגט און דערלאַנגט דער טאָכטער, זאָגנדיג האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט:

— האַלט, טאָכטער, טייער די טעלעגראַמעס! דו וועסט דערפון דאַרפן צוזאַמענשטעלן דיין צוקונפטיגע היים...

— —

ווען פרײדעלע און איר מאַן זײַנען צוריקגעקומען פון זײער „האָני־מון", זײַנען זײ שוין פאַרפאַרן אין זײער צוגעגרײטער הײם פון פיר צימערן.

אויף דעם נײעם אַדרעס, האָבן זײ געפונען אַ בריוו פון דעם דעטראָיטער פעטער, וואו ער דערקלערט, אַז צוליב דעם וואָס ער איז אַוועקגעפאָרן אויף זײַן וואַקאַציע, האָט ער ניט געקאָנט זײַן צו דער חתונה. אָבער זײַן דרשה־געשאַנק, אַ טיש־לאָמפּ, שיקט ער גלײַך אַרויס...

אַ צווײטער בריוו איז געווען פון דער מומע ראָזע, אַ וואַרעמער וואונטש דערבײַ, אַז דעם „טאָוסטער", וואָס זי האָט אַרויסגעשיקט אַ חתונה־מתנה, זאָל מען נוצן געזונטערהײד...

פון דעם קאָזין דזשוליוס איז אָנגעקומען אַ טשעק פון צען דאָלער, מיט אַ קאַרטעלע צוגעשפּיליעט, אַז צום ברית וועט ער שוין זיכער קומען און קויפן עפּעס אַזוינס ווי אַזעלכעס... פון אײַזיק׳ן איז אָנגעקומען אַ גרויס שאַכטל מיט צוקערקעס...

פון אײנער אין דער משפּחה איז אָנגעקומען אַ פינף דאָלער ביל. אויף דעם מאָמענט האָט מען זיך ניט געקאָנט כאַפּן פון וועמען דאָס איז, אָבער די מיסעס פּערלין האָט זיך גלײַך דערמאָנט, אַז דאָס איז פון דער לאַנדספרוי, וועלכע האָט אויף דער חתונה געגעסן פאַר דרײַ, און בײַם אַוועקגײן האָט זי זיך אָנגעלײגט אין אַ „בעפּקין" פּעטשאַ, געפילטע קישקע, שטיקער טאָרט, און דאָס אַלץ אַרײַנגעפּאַקט צו זיך אין גרויסן טײַסטער אַרײַן...

דער יונגער באַלעבעסל האָט געקראָגן פון זײַנעם אַ פרײַנט אַ ליולקע, און איצט ווילט זיך אים צוליב דעם אָנהײבן צו רויכערן...

ווײַטער האָבן זײ שוין געפונען אין הויז אַ רײ זאַכן, וואָס דאָס האָט אָדער געפײַפט ווי דער טשײַניק, אָדער געקלונגען ווי דער וועק־זײגער, נאָר ניט אין דער ריכטיגער צײַט... אָדער אַ בעט, אַן אַנטיק... וואָס האָט געסקריפּעט...

מילא, די פײַפערס און די קלאַפּערס האָט מען אַרײַנגעשטעלט אין שאַפּקע, אָבער דאָס בעט האָט מען געמוזט האָבן צום שלאָפן. פאַרשטײט זיך, אַז גע־שלאָפן איז מען ניט. חוץ וואָס די אַלטע בעט האָט געסקריפּעט, האָט זי נאָך געהאַט אַ סך לעבן אין זיך, וואָס האָט ניט געלאָזט לעבן...

די אײנציקע גוטע זאַך, וואָס דאָס יונגע פּאָרל האָט אָפּגעשאַצט, ווען זײ האָבן געפונען צווישן דעם גאַנצן „דזשאַנק", וואָס מ׳האָט זײ געבראַכט, איז געווען אַ „קען־אָפּענער".

אַזוי דרײט זיך שוין אַרום עטלעכע וואָכן די יונגע באַלעבאָסטע איבער די פיר צימערן, מיט דעם „קען־אָפּענער" אין האַנט, און וואַרט... זי וואַרט,

אַז איר לעבנס־באַגלייטער זאָל שוין ברענגען אין הויז פּאַר וועטשערע אַ „קען״ סעמאָן, סאַרדינס, אָדער אַ פּאַרטיגן זופּ...

מיסטער פּערלין, אַז ער קומט צו־גאַסט, זאָגט ער בלויז איין זאַך:

— קינדערלעך, איר האָט אָפּגעשפּילט די ריכטיגע חתונה! אַ צווייטן מאָל, האָף איך, וועט איר דאָס שוין ניט טאָן...

פאַרשפילט אַ וואַקאַציע

דעם גאַנצן ווינטער־סעזאָן האָט פיניע פלוט זיך געגרייט פאַר וואַקאַציע. ווי גיך זיין ווייב טעסי פלעגט מיט באַדויערן אים אָנווייזן, ווי איינגעדאַרט ער איז, טאַקע נאָר אַ „זעקל ביינער“, ווי די אַרבעטער אין שאַפּ האָבן אים גערופן, פלעגט ער גלייך פּרובירן זי באַרואיגן:

— זאָל נאָר קומען דער זומער, אַ וואָך וואַקאַציע וועל איך קריגן דורך דער יוניאָן און אַ וואָך וועל איך אַליין נעמען, און אַזוי צוויי זייענדיג וואָכן אין די בערג, וועסטו זען, אַז איך וועל נאָך אַליין ווערן אויסגעפּאַשעט ווי אַ באַרג.

ווי גיך די ערשטע שוואַלבן פונעם זומער האָבן זיך גענומען באַווייזן, האָט טעסי זיך גענומען צוגרייטן די וואַקאַציע פאַר איר מאַן. זי האָט איינגעקויפט אַ טשעמאָדאַן, אונטערוועש, אַ סוועטערל, אַ פּאָר קורצע הויזקעס, אַ באַד־קאָסטיום. מיט איין וואָרט, איר פיניע זאָל זיך ניט פאַרשעמען פאַר די אַנדערע אַרבעטער, מיט וועמען ער האָט זיך געקליבן צוזאַמען צו פאָרן אויף וואַקאַציע.

דאָס „זעקל ביינער“ האָט ליב אַ קערטל. טיילן ליפלעטס, גיין צו אַ מיטינג, צו אַ לעקציע — דאָס לאָזט ער איבער צו אַנדערע. ס׳איז, זאָגט ער, ניט פאַר זיין כח. ער איז צופרידן, אַז ער קאָן נאָך אַן אָוונט שפּילן אין קאָרטן, אויפהויבן אין דער פרי זיין זעקל ביינער און גיין אין שאַפּ אַריין.

דערפאַר אָבער האָט פיניע פלוט זיך געהאַלטן אין איין שווערן, אַז וואָס־וואָס, נאָר אין קאַנטרי וועט ער ניט נעמען אַ קאָרט אין האַנט אַריין. ער פאָרט אין קאַנטרי זיך „פּאָפּראַווען“, זיך גוט אויסרוען. ער מוז, זאָגט ער, דאָס מאָל זיך אַפילו אויסלערנען שווימען, כאָטש ביז איצט האָט ער מורא געהאַט פאַר וואַסער ווי פאַר פייער.

געקומען דער חודש יולי, האָט מען אין שאַפּ גערעדט וועגן וואַקאַציע און פאַר די אויגן האָבן געמאַניעט בערג און טאָלן, בלומען און פייגל. די בערג מיט אַרבעט האָבן אויסגעזען ווי סנאָפּעס זאַנגען, די רייען מאַשינען — ווי אַזערעס, און די שפּולן מיט די קאָלירטע זיידן און פאָדעם — ווי בלומען.

פרייטאָג נאָכמיטאָג, ווען מ׳האָט געקראָגן די טשעקלעך וואַקאַציע־געלט, האָט מען זיך צערעדט וואו מען וועט פאָרן. פיניע פלוט האָט אָפּגעמאַכט צו

פֿאָרן מיט מאַקס׳ן. מאַקס וועט שוין העלפֿן דעם „זעקלביינער“ צו טראָגן זיין טשעמאָדאַן מיט דער זומערדיקער גאַרדעראָבע.

פֿאַרנאַכט איז מאַקס אַרויפֿגעקומען צו פּיניע׳ן אין הויז, גענומען דעם טשעמאָדאַן מיט טעסי׳ס גוטע וואונטשן, אַז איר מאַן זאָל האָבן אַ גוטע וואַקאַציע און למען־השם צוקריגן כאָטש אַ פֿופֿצן־צוואַנציק פֿונט.

פּונקט זעקס אין אָוונט האָט די באַן זיך גענומען שלענגען דורך בערג און טייכן צו דעם קעצקיל־האָטעל.

דער פֿאַרנאַכטיקער אומעט און די פֿאַרגייענדיקע זון האָבן דעם „זעקל ביינער“ נאָכמער איינגעקאַרטשעט. ער האָט אויסגעזען ווי אַן אָפּגעשלאָגענע הושענה...

מיט אַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ פֿלעמעלע אין זיינע אויגן און זיי האָבן אויפֿגעשיינט. ער איז עפּעס אינגאַנצן פֿאַרשפּיצט געוואָרן צו דער ריכטונג פֿון דעם צווייטן ברעג באַן.

ביי יענעם ברעג האָבן חברה אַריבערגעוואָרפֿן דאָס ווענטל פֿון די זיץ־פּלעצער און זיך געמאַכט באַקוועם צו זיצן איינע אַנטקעגן די אַנדערע. אויפֿן שויס האָט מען אַרויפֿגעלייגט אַ טשעמאָדאַן און — ס׳האָט זיך צעברענט אַ קאָרטן־שפּיל. דאָס „זעקל ביינער“ האָט זיך אַ הויב געטאָן פֿון זיין פּלאַץ, צוגעלאָפֿן צום קאָרטן־טיש...

חברה האָבן זיך צונויפֿגערוקט, געמאַכט פּלאַץ פֿאַרן „זעקל ביינער“. נאָר איידער פּיניע האָט צעעפֿנט זיין טייסטער, האָט ער באַטאָנט: „איך שפּיל בלויז דאָ אויף דער באַן, אָבער אויב איר וועט מיך זען אין קאַנטרי האָלטן אַ קאָרט אין האַנט, דאַן זאָלן דעם פֿאַרמער׳ס הינט גריזשען מיינע ביינער...“

פֿיר שעה האָט גענומען דאָס פֿאָרן, נאָר אין די פֿיר שעה האָט מען פּיניע פֿלוט׳ן אַזוי אַרומגעפּליקט, ווי אַ הינדל נאָך דער שחיטה... יעדער איינער האָט פֿון אים אָפּגעלעקט אַ ביינדל... פֿון די הונדערט מיט צוואַנציק דאָלער, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך, איז אים קוים געבליבן אַרום אַכצן דאָלער מיט קליינגעלט.

ווען פּיניע פֿלוט איז אַרויס פֿון דער באַן, איז ער שטיין געבליבן ווי אַ הון ביים טייך, ווען די קאַטשקעס שווימען אַוועק — אַן אַ קריי און אַן אַ קוואַקע...

נאָך עטלעכע מינוט אַזוי שטיין און טראַכטן, האָט ער ענדלעך אַ זאָג געטאָן צו מאַקס׳ן און די אַנדערע מיטפֿאָרער:

— איר פֿאָרט אַלע אין האָטעל, און איך וועל פֿון דאַנען פֿריער צופֿאָרן באַזוכן מיין ברודער אין אַלבאַני.

דער פּאַרמער האָט אויף זיין מאַשינקע אַרויפגענומען די נייע געסט און צוזאַמען מיט זיי אויך די טשעקס און קעש, וואָס פּיניע האָט פאַרלאָרן צו זיי. פּיניע איז געבליבן שטיין אויף דער סטאַנציע, איינגעװוּרעט דאָס זעקל מיט ביינער אין אַ ווינקל, און געוואַרט אויף דער נעקסטער באַן צו אַלבאַני.

פּיניע איז געקומען צום ברודער, ניט דערציילנדיג וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, און נאָך דעם זעלביגן טאָג האָט ער ווידער פּרובירט זיין מזל. גע־וואָלט האָט ער אָפּמאַכן דאָס פאַרלאָרענע געלט, נאָר אַנשטאָט אָפּמאַכן, האָט ער שוין דאָ אינגאַנצן פאַרשפּילט זיין וואַקאַציע...

די ווייב טעסי איז געווען זייער אומרואיג, וואָס זי קריגט ניט קיין בריוו פון איר פּיניע׳ן. זי האָט זיך אָבער פּרובירט אַליין טרייסטן מיט דעם, וויסנדיג אַז אַליין שרייבן אַ בריוו איז אים שווער און אָנקומען אין קאַנטרי צו יענעם איז אויך ניט אַזוי גרינג, ווייל ווער וויל זיך דאָס זעצן אין די היצן און שרייבן פאַר יענעם, ווען מ׳פילט זיך צו שרייבן אַפילו פאַר זיך אַליין? האָט זי שוין געוואַרט מיט אומגעדולד ווען פּיניע וועט שוין אַהיים קומען.

אין איר פאַנטאַזיע האָט טעסי זיך פאַרגעשטעלט, ווי איר פּיניע קומט אַריין גראָב, פעט, אויסגעפּאַשעט, מיט אַ ברוינעם פּנים און אויסגערוטע אויגן, מיט איין וואָרט — אַ מאַן מיט מענטשן גלייך...

פּונקט צו צוויי וואָכן האָט פּיניע פּלוט אַריינגעשפּאַנט אין הויז. דעם טשעמאָדאַן, ניט קיין געעפנטן אַפילו, האָט ער געלאָזט אויף דער באַן־סטאַנ־ציע. ער האָט פאַרמאַכט זיינע אויגן און צעשפּרייט די הענט, אַרומצוכאַפּן זיין טעסי׳ן. נאָר טעסי האָט אירע אויגן צעעפנט און פאַרבראָכן אירע הענט, דערזעענדיג ווי אַזוי איר דאַר „זעקל ביינער" איז איינגעשרומפּן געוואָרן. מיט טרערן אין די אויגן, האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז געשען? ביסטו קראַנק געווען? האָט מען דיר ניט געגעבן קיין עסן?

— מ׳האָט געגעבן, נאָר מיין אַפּעטיט, ניט פאַר דיר געדאַכט, האָט ניט געאַרבעט.

— טאָ פאַרוואָס האָסטו זיך ניט געבאָדן, ניט געמאַכט עקסערסאַיז?

— דאָס וואַסער איז געווען אויסגעטריקנט, — האָט ער פּרובירט דער־קלערן, — נאָר עקסערסאַיז האָב איך געמאַכט שוין צופיל, זעסט דאָך, אַז איך האָב פאַרלאָרן נאָך זעקס פונט.

— און פאַרוואָס ביסטו אַזוי בלאַס? — האָט זי ניט געקאָנט פאַרשטיין. — האָסטו זיך ניט געקאָנט אַביסל אָפּברענען אויף דער זון? עס איז דאָך אַ שאַנדע פאַר די שכנים, קומען פון וואַקאַציע מיט אַזאַ פּנים!

— אָבער וואו האָב איך געקאָנט זיך ברענגען אויף דער זון, אַז די גאַנצע צוויי וואָכן איז מיר געווען כמורנע און קאַלעמוטנע.

— וואָס רעדסטו, וואָס? — האָט זי אים אָנגעקוקט ווי משוגע. — דאָ אין שטאָט האָט דאָך די זון געשיינט יעדן טאָג!

— אָט אַזוי איז דאָס, — האָט ער איר שוין פּרובירט „וויסנשאַפטלעך" דערקלערן, — אויב די זון שיינט אין שטאָט, איז זי ניטאָ אין קאַנטרי...

מיט גרויס באַדויערן האָט ער אָפּגעזיפצט:

— צוליב די פּאַסקודנע טעג האָב איך פאַרשפּילט אַ גוטע וואַקאַציע...

מ׳קאָן זיך ניט אויסבאַהאַלטן!

דער איד האָט אין איילעניש געקויפט אַ צייטונג, איינגענורעט זיין קאָפּ הינטערן קאָלנער און געלאָפן צום ערשטן וואַגאָן. עס איז געווען צו דערקענען, אַז ער וויל זיך אויסבאַהאַלטן פון נודניקעס, ער וויל לייענען זיין צייטונג און ניט געשטערט ווערן.

נייעס איז פאַראַן אַ סך. מאַשטשעט ער זיך איין אין אַ ווינקל מיט דער צייטונג אין האַנט.

מ׳קאָן לייענען אויף זיין פּנים, אַז ער איז זייער צופרידן, ווי אַ פויגל, וואָס האָט זיך באַזעצט אין אַ נעסט, באַשיצט פון ווינט און שטורעם... ער נעמט בלעטערן די צייטונג, צו באַשטימען פאַר זיך וואָס פריער אַריינצוכאַפּן איידער די באַן וועט אים אויסשפּייען אין פאַבריק אַריין.

לענג־אויס די וואַגאָנען טראָגט זיך אַ צווייטער איד, צעפּראַלט אין טיר נאָך דער צווייטער און לויפט. ער לויפט און זוכט אַ באַקאַנטן. קיין צייטונג האָט ער ניט, וויל ער דער׳הרג׳ענען די שעה פאָרן, מיט אַ צווייטן פּאַסאַזשיר. ער וויל הערן נייעס, וויל שמועסן פּאָליטיק, ביז — ער שפּאַרט אָן אין דעם ערשטן וואַגאָן.

— העלאָו, היימי! — גיט ער אַ פּאַר מיט זיין האַנט איבער דער צייטונג פון דעם איינגענורעטן אידן.

אין אָנהויב וויל דער מאַן מיט דער צייטונג זיך מאַכן ניט־וויסנדיג. ער האַלט איינגעגראָבן די אויגן אין די שורות און מאַכט זיך ווי ער וואָלט אים ניט געקענט.

דער שטייענדיגער מאַכט זיך פּלאָץ לעבן אידן מיט דער צייטונג און זאָגט אַרויס וואָוליונגעריש:

— וואָס איז, היימי, ציילסט דאָס גרויסע געווינס, וואָס דו ביסט אַזוי פאַרטיפט?

דער איד, וואָס איז אַ ווײַלע צוריק געווען אַזוי צופרידן מיט זיין וואַרעמען ווינקל, גיט אַ בורטשע, ווי אונטער דער נאָז:

— אַ מענטש דאַרף דאָך עפּעס לייענען, וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

— איז וואָס הערט זיך טאַקע?

— דאָס וואָס דו זעסט! — זאָגט אַרויס דער איד, ניט אויפהויבנדיג די

אויגן פון דער צייטונג. — אַ סך נייעס, הערי, נאָר גאָרניט קיין פריילעכע.

— אַזוי, אַזוי, — זאָגט שוין הערי מיט באַדויערן, און נעמט אַרויס די צייטונג פון היימי'ס האַנט.

ער לויפט דורך מיטן אויג איבער די „קעפּלעך", ווי ער וואָלט מיט איין קוק אַלץ פאַרשלונגען; לייגט צונויף די צייטונג ביי זיך אויפן שויס און הויבט אָן צו רעדן:

— אָבער וואָס הערט זיך ביי דיר אין שאָפּ? נאָך פאַראַן באַנדלעך? ביי מיר אין שאָפּ איז שוין די קו געוואָרן אַ יאַלעווע. ס'הייסט, פאַרן באָס איז נאָך פאַראַן מילך און פּוטער, נאָר מיר קריגן שוין וואַסער אויף קאַשע.

היימי זוכט אַ וועג ווי אַרויסצוקריגן צוריק די צייטונג און דערביי ניט באַליידיגן זיין שכן הערי. אָבער הערי האַלט די צייטונג פאַרדריקט אין שויס, און שיסט מיט פראַגן:

— וואָס ווערט טאָקע זיין מיט „רומס"? ביי מיר אין הויז איז איצט געוואָרן אַ רעגולערער קאָנצענטראַציע־לאַגער. די טאָכטער האָט חתונה געהאַט, האָט זי זיך אַריינגעקליבן מיטן מאַן צו מיר. דער זון איז געקומען פון דער מלחמה, האָט ער זיך אויפן וועג געהאַט באַקאַנט מיט אַ מיידל פון טעקסאַס, האָט ער געבראַכט דאָס מיידל צו זיך, דאָס הייסט, צו מיר, און דאָס מיידל האָט אַ מאַמע, האָט די מאַמע זי ניט געוואָלט לאָזן אַליין אין דער גרויסער ניו־יאָרק, האָט זי, דאָס מיידל, געבראַכט די מוטער אויך צו מיר... איצט, דאַנקען גאָט, זיינען שוין פאַראַן אייניקלעך, און מיינע, זאָל לעבן, וויל ווייזן, אַז זי איז נאָך אויך ניט קיין „סטאַרע באַבע", איז זי מיט עטלעכע וואָכן צוריק אויך געלעגן געוואָרן. איצט קומט מיר אויס אַ גאַנצע נאַכט מאַכן פּלעשלעך און שלאָפן בייטאָג ביים פּרעס־אייזן...

די אַרומיגע, וועלכע הערן זיך צו צו זיין דערציילן, שיסן אַרויס אַ געלעכטער. היימי בלייבט אָבער זיצן מיט אַ פאַרפרוירענעם מויל. עס ווייזט אויס, אַז ער הערט ניט אויף זיין רעכטן אויער.

הערי גיט אים אַ טורקע מיטן עלנבויגן אין דער זייט:

— דו ביסט מיך מקנא, אַ? און דאָס איז נאָך גאָרניט. גאַנץ אָפט פאַרבייט איך גאָר די יוצרות. עס ווייַנט איינע און איך גיב עסן אַ צווייטער. דער סוף איז: איינע בלייבט הונגעריק, און די צווייטע קריגט קראַמפּן...

ווען דער עולם אַרום לאַכט, זיצט היימי מיט צאָרנדיגע בליקן און צילעווועט זיך ווי צו קאָנען צוריקקריגן זיין צייטונג. אָבער הערי פאַרפאַרט גלייך מיט אַן אַנדער פראַגע:

— נו, וואָס זאָגן עפּעס די צייטונגען וועגן העכערן די קאַר־פעיר? גיי,

גיב זיי נאָך געלט פאַר די גרויסע באַקוועמלעכקייטן, וואָס מיר האָבן דאָ!...
מ'פאַקט אונז אָן ווי די סאַרדינס אין אַ פעסל, און זיי ווילן נאָך מיר זאָלן זיך באַגיסן מיט אַביסל עסיג און באַבראָקן זיך מיט ציבעלעס...

אַז היימי האָט זיך רואיג, ווי ער וואָלט גאָרנישט ניט געהערט, שרייט אים הערי אַריין אין אויער:

— גיט זיי נאָך מער קאַר־פעיר, און זיי אַליין זאָלן זיך פאָרן אין די פיינע לימוזינקעס!...

היימי גיט אַ וואָרף זיין אויג אויף דער אָנקומענדיגער סטאַנציע און שרייט אויס:

— זאָל זיין אַכט, צען, אַפילו צוואַנציג סענט קאַר־פעיר, אָבער זאָל מען מאַכן פּריוואַטע ביידלעך, אַזוי ווי פאַר טעלעפאָנען, מ'זאָל זיין באַוואָרנט פון אָנשיקענישן, מ'זאָל אַ מענטשן לאָזן לייענען, שלאָפן אָדער רוען.

ווען ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין ווינקל און דערביי אַ כאַפּ געטאָן די צייטונג, צו בייטן די באַן, האָט אַ דריטער זיך אַריינגעמישט:

— איר קאָנט מיטן טעלעפאָן־ביידל אויך ניט זיין באַוואָרנט. אָט האָב איך אַנומלטן אָפּגערופן אַ דאָקטאָר, איז געקומען צו מיר אַן אָנדערטעיקער, און אַז איך האָב אים געפרעגט: „ווי קומט איר אַהער?", האָט ער מיר געענטפערט קורץ און גוט: „פון אַן אָנערטעיקער און אַ נודניק קאָן מען זיך אין ערגעץ ניט באַהאַלטן."

הערי איז געווען זייער צופרידן פון דעם דריטנס אַריינמישן זיך. ער האָט זיך צוגערוקט צו אים און זיך גלייך צו אים גענומען...

אויב איר האָט געלייענט אין די צייטונגען פון אַ פאַר'חלש'טן מאַן אין סאָבוועי, זאָלט איר וויסן, אַז ער איז ניט פאַרטשאַדעט געוואָרן פון דער געדריקטער לופט און רויך, נאָר איז פאַרנודיעט געוואָרן פון איינעם, וואָס לייענט אַליין ניט און לאָזט אַנדערע ניט לייענען.

אַ שטילע וואַקאַציע...

שאַיע שיבעש איז אַ פּרעסער ביים פאַך. אַ גאַנצן טאָג הוידעט ער זיך אויף דער פּרעס־מאַשין, און די פּרעס־מאַשין קלאַפּט, פייפט, פאַרשקעט די פּאַרע אים אין נאָז אַריין.

לעבן אים שטייט לייבל קאַדיש, אַ צווייטער פּרעסער, וואָס האָט ליב צו זינגען. אָבער זינגען קאָן ער ניט, שרייט ער, קוויטשעט ער, ווי מ'וואָלט געסקראָבעט די דעק פון אַ קופּערנער פאַן מיט אַ ריבאייזן.

אַנטקעגן אים זיצט ביי אַ טישל דער פינישער, יונה צו־געזונט. פאַר־וואָס רופט מען אים יונה צו־געזונט? ווייל יונה ליידט פון אַ כראָנישן בראָנכיט; גיט ער אַלע ווײלע אַ הוסט מיט אַ פּייף און פאַרענדיגט מיט אַ נאָס. רופן אים די אַרבעטער: יונה צו־געזונט...

איבערן שאָפּ הערט זיך דער שטענדיקער בראַזגען פון דער „באָטנהאָל״־מאַשין. זי גיט אַ דזשיג־דזשיג־דזשיג און פאַרענדיגט מיט אַ זעץ. אָט אַזוי ווערט אַ לאָך אין ראָק, און אַ לאָך ביי שאַיע שיבעש'ן אין קאָפּ...

ווען שאַיע איז שוין ענדלעך פאַרטיג מיט זיין טאָג אַרבעט, דאַרף ער אָפּקלאַפּן די צייט אויפן זייגער. דאַן וואַרפט ער אַריין אַ ניקל אין סאָבוועי און די באַן נעמט קלאַפּן און רוישן און וואַרפן, כאָטש נעם מיט זיך אַ פּלעשל מילך, עס זאָל זיך אויסשלאָגן פּוטער...

און אַז שאַיע שיבעש קומט אַריין אין הויז, הויבן זיך ערשט אָן די ריכטיגע צרות. די ווייב האַקט אייער מיט ציבעלעס, פיש, אָדער — גלאַט אַ טשייניק. די שוויגער, ווידער, איז טויב ווי די וואַנט, רעדט זי זייער הויך, ווייל זי מיינט, אַז קיינער הערט ניט, און זי וויל מ'זאָל צו איר רעדן הויך, ווייל זי וויל אויך הערן, און טאָמער ניט, שרייט זי — פאַרוואָס מ'שרייט ניט העכער.

גייט אַרויס שאַיע שיבעש אין גאַס, איז נישט אויסצוהאַלטן. דער דזשעניטאָר שרייט אויף די קינדער און קלאַפּט מיט די מיסט־פּעסלעך. די צייטונגס־אינגלעך שרייען און רופן־אויס זייערע צייטונגען, און די פּייער־וועגענער מיט די אַמבולאַנסן, די פּושקאַרט־פּעדלער מיט זייער סחורה לאָזן זיך הערן פאַר מיילן ווייט...

איצט קאָנט איר זיך פאַרשטעלן, ווי אַזוי עס פילט שוין שאַיע שיבעש, ווען ער גייט אַרויף צו זיך שלאָפן, אַז די בעט סקריפּעט, דער ווינט קלאַפּט

אין די פענצטער און אַלע האַלבע שעה קומט אַרויף אַ קינד וואָס איז ערגעץ „אויסגעגאַנגען" און מ'דערלאַנגט אַ זעץ מיט דער טיר, אַ שאָס מיטן אייז־באָקס און דערנאָך — שטעלט מען אָן די ראַדיאָ צו הערן די „נאַיט־קלאַב"־מוזיק... און איידער עס נעמען בראַזגען די מילך־וועגענער איבער די גאַסן, צעקלינגט זיך שוין דער זייער דינג־דינגדינג — שטיי־אויף!...

דערפאַר, אַז עס זיינען אונטערגעקומען די צווי וואָכן וואַקאַציע פאַר שאַיע שיבעש, האָט ער פריי אָפּגעאָטעמט, ווי איינער וואָס ווערט באַפרייט פון אַ קאַנצענטראַציע־לאַגער.

דאָס מאָל האָט שאַיע שיבעש אַנגעזאָגט דער פאַמיליע אין הויז, די אַרבעטער אין שאַפּ:

— איך פאָר היי־יאָר אין אַ קאַנטרי, מעג אַפילו דונערן, בליצן אָדער שנייען! איינמאָל פאַר אַלעמאָל, איך מוז אַוועקפאָרן פון שטאָט, איך וויל האָבן אַביסל רו, אַ שטילע וואַקאַציע.

שאַיע שיבעש איז אַוועקגעפאָרן אין די בערג צו משה צוואַראַך אין עסנוויל, לויט דעם אַנאָנס: „אַ שטילער, שיינער און באַקוועמער האָטעל".

אַזוי גיך ווי שאַיע שיבעש איז אַרונטער פון טראָקל, אין וועלכן דער פאַרמער האָט אים געבראַכט פון דער באַן צום האָטעל, איז ער באַגעגנט געוואָרן מיט אַ האַוקען פון דעם גרויסן הונט, פּיטער, און פון אַ קלינגעריי פון דעם הויפּט־וועיטער, וועלכער איז געשטאַנען אין דער טיר און געקלונגען מיט אַ גרויסן גלאָק. דאָס האָט מען גערופן עסן וועטשערע.

דערהערט וועטשערע, האָט שאַיע שיבעש געלאָזט שטיין זיין באַגאַזש אין קאָרידאָר און זיך צוגעכאַפּט צום טיש, וואו די מאכלים האָבן טאַקע גלייך אַ ריס געטאָן די נאָז־לעכער. אָבער נאָך איידער שאַיע שיבעש האָט זיך גענומען עסן ווי געהעריג, האָט זיך געיאָוועט ווי פון אונטער דער ערד אַ קאַפּעליע מוזיקאַנטן און קודם־כל אַ שפּיל געטאָן דעם אַמעריקאַנער הימן. אַלע האָבן זיך אַ שטעל־אויף געטאָן, שטעלט זיך אויך אויף מיסטער שיבעש. געענדיגט דאָס שפּילן, און ווי מ'זעצט זיך און ער נעמט אַ ביסן אין מויל — ווידער אַ טרעוואָגע, מ'שטעלט זיך ווידער אויף. די מוזיקאַנטן האָבן גענומען שפּילן התקוה. שטעלט זיך שוין מיסטער שיבעש ווידער אויף.

אַ מינוט איז געוואָרן שטיל, אַלע האָבן זיך גענומען צום פאַרשפּייז, נאָר מיטאַמאָל האָבן די מוזיקאַנטן גענומען דערלאַנגען די ריכטיגע סחורה: „ביי מיר ביסטו שיין", „אָטשי טשאָרניאַ" און נאָך, און נאָך. דער קעסל־פּויק קלאַפּט, העגט אַפּלאָדירן, די „באַס־באַיעס" נעמען אַרונטער מיט אַ בראַזג די ליידיגע טעלער, און — אינמיטנדערינען גיט אַ שפּאַן־אַרויס אַ זעכציג־יאָריגע

בלאָנדינקע, װעלכע שפּילט אין דער קאַפּעליע, און צעזינגט זיך: „איך װיל זיך שפּילן"...

דאָ איז שוין שאַיע שיבעש אַרויס פון די כלים:

— דו, אַזאַ און אַזאַ! װילסט זיך שפּילן, דאַרפן דאָס אַלע װיסן? גיי שפּיל זיך מיטן מלאך־המות, אָבער לאָז מיר עסן. איך האָב באַצאָלט פאַר צוויי וואָכן רו, פאַר עסן און שלאָפן.

אין אָוונט איז מיסטער שיבעש ניט אַריין אין קאַסינאָ. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף זיין געלעגער, אַרויסגעקוקט צו דער לבנה דורכן פענצטער און געמורמלט צו זיך:

— ענדלעך, ענדלעך, װעל איך האָבן אַ רואיגע נאַכט! ניט קיין טיר־קלאַפּעניש, ניט קיין אייז־באָקס בראַזגעניש, קיין מילך־װעגענער, קיין װעק־זייגער — רו, רו, רו...

אָבער גלייך האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַצניאָמער אין קאַסינאָ. דער דזשעז־בענד האָט געריסן די הימלען, די שיך מיט די קנאַפּל האָבן געריסן די ברעטער און שאַיע שיבעש האָט זיך געריסן אויף די גלייכע װענט:

— צוויי און זעכציג דאָלער אַ װאָך... אַ בראָך איז מיר, אַ בראָך! מ'קאָן דאָך משוגע װערן...

צוויי פאַרטאָג איז ענדלעך שטיל געוואָרן. ס'איז אַרויפגעקומען זיין שותף אין צימער צו שלאָפן. שיבעש האָט צוגעמאַכט זיינע מידע, פאַר־שלאָפענע אויגן. אָבער באַלד האָט דער שותף זיך צעהוסט און צעסאָפּעט, און װען ער איז ענדלעך איינגעשלאָפן, האָט ער זיך פאַרנומען מיט אַ כראָפּען, װאָס האָט געקאָנט אויפרייסן בערג װי אַן אַטאָמישע באָמבע.

פאַרטאָג איז שוין שאַיע געװען פריטשמעליעט. ער איז געלעגן װי אין אַ הינער־פּלעט. מיטאָמאָל האָבן זיך צעזונגען די פייגל אויף די ביימער, די הענער האָבן גענומען קריייען און די קי — מרוקען. דערצו האָט דער גלאָק זיך איינמאָל צעקלונגען אַז די װעיטערס זאָלן אויפשטיין צו דער אַרבעט, אַ צווייטן מאָל, אַז די געסט זאָלן אויפשטיין, און אַ דריטן מאָל, מ'זאָל גיין עסן.

שאַיע שיבעש איז אויפגעשטאַנען קוים אַ לעבעדיגער. מיט פאַרמאַכטע אויגן איז ער צוגעגאַנגען צום טיש, אָפּגעגעסן דעם פרישטיק און איז װי אין אָנמאַכט אַװעקגעפאַלן אין װיג־שטול אויף דער װעראַנדע.

— —

אין געשמאַקן שלאָף האָט ער זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן: קומענדיגן יאָר, זאָל שוין די װייב מיט די קינדער פאָרן אין קאַנטרי, איך — איך װעל שוין דאַן האָבן די אמת'ע װאַקאַציע אין דער היים...

„רומס“ מיט „פוירניטשור“

(אַ מאָנאָלאָג)

וואָס הער איך, איר רעדט אויך וועגן „רומס“? ווי איר זעט מיך לעבן, איך האָב אויך געזאָלט חתונה מאַכן מיין זון נאָך מיט דריי יאָר צוריק, נאָר איבער „רומס“ האָט ער געמוזט וואַרטן.

שייך צו זאָגן, צי ער איז געגאַנגען מיט מיידלעך. מיידלעך, פאַרשטייט איר מיך, קאָן מען קריגן צען פאַר איינער, אָבער „רומס“ — ניט איינס פאַר צען.

ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך אויסגעמאָסטן צענדליגער גאַסן און „פלאָרס“ און אומעטום האָב איך געטאַפּט אַ וואַנט, און ניט געקראָגן קיין „רומס“.

איצט וועט איר קאָנען פאַרשטיין, ווי גליקלעך איך האָב זיך דערפילט, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז אויף אונזער גאַס פּאַרט אָפּ אַ פאַמיליע אין אַ צווייטער שטאָט. איך האָב גלייך צוגעזאָגט דעם, וואָס האָט עס מיר נאָראַיעט, אַז איך וועל אים שוין קויפן די ריכטיגע מתנה, און געבעטן אים דאָס צו האַלטן אַ סוד, ווי די באָמבע־מאַכער האַלטן אַ סוד די אַטאָמישע באָמבע. גלייך האָב איך גענומען אונטערהאַנדלען מיטן דזשעניטאָר און געסעטלט מיט אים פאַר אַ פופציגער שליסל־געלט צו קריגן די רומס.

נאָר ווען איך בין ענדלעך אַריין אָנקוקן די צימערן, איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. איך האָב קוים דערטאַפּט וואו ס'איז אַ פענצטער און וואו ס'איז אַ טיר... די פּרוי פון דעם אַרפּאַטמענט האָט מיר אָבער גלייך געלאָזט וויסן: איר מוזט דאָס נעמען ווי עס שטייט און גייט, מיט די „פויר־ניטשור“, קאַרפּעטס, מיטן אייז־באָקס און אַפילו מיט די פּאַשיסטלעך, דאָס הייסט מיט די „קאָקערוטשעס“. דער פאַרגעניגן, זאָגט זי מיר, וועט איך דאַרפן קאָסטן פינף הונדערט מיט פופציג דאָלער אָפּטרעט־געלט.

טראַכט איך מיר: זאָל אויסגיין צום געלט, אַבי זען אַ קינד פאַרהייראַט אין אַ היים פאַר זיך.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? ווי גיך איך האָב געסעטלט מיט דער אידענע און געפירט דעם זון צו דער חופה, בין איך אַוועק און געקויפט אַ נייעם סעט

„פּוירניטשור״ מיט אַלץ מיט אַנאַנדער, פון אַ וואַש־ברעטל ביז אַ ריבאײַזן, און כּדי פּטור צו ווערן פונעם חמץ אין הויז האָב איך אַרויפגערופן אַ מאַן, וואָס קויפט־אויף אַלטע זאַכן. געטראַכט האָב איך: וואָס ער וועט געבן, וועט זײַן ווי געפונען, אַבי עס זאָל זיך אויסליידיגן דער אַפּאַרטמענט פאַר די נײַע „פּוירניטשור״.

קומט אַרויף דער מאַן, וואַרפט אַ קרום קוקעלע און זאָגט מיר: אײַערע „פּוירניטשור״ טויג שוין אַפילו ניט אויפן פײַער, ווײַל צעפּוילטע זאַכן ברענען ניט, עס קאָן בלויז אָנמאַכן אַ רויך.

טראַכט איך זיך: איך מוז דאָך אָבער פּטור ווערן פון די טראַנטעס, די קינדער מוזן דאָך האָבן אַ היים! זאָג איך אים: ווײַסט איר גאָר וואָס, מילא, נעמט דאָס אײַך געזונטערהייט. ברענגט אײַערע מענטשן און טראָגט דאָס אַרויס.

זאָגט מיר דער מאַן: וואָס מיינט איר ברענגען מענטשן? מענטשן, ווען זיי שלעפּן „פּוירניטשור״, ווילן זיי קריגן באַצאָלט. עס וועט אײַך קאָסטן פיר און צוואַנציק דאָלער.

באַשליס איך: נו, אַז מ׳הענגט שוין אויפן שטריק, קאָן מען זיך שוין דערלויבן אַרויסשטעקן אַ צונג... און איך זאָג אים: מיסטער, ברענגט די מענטשן און נעמט זיך צו דער אַרבעט.

איז אַרויפגעקומען דער מאַן מיט פיר טרעגער און אין איין שעה צייט איז שוין דער פּגר געלעגן אין „בעיסמענט״.

איך האָב באַצאָלט די עטלעכע דאָלער און אַרויפגערופן דעם דזשעניטאָר צו זיך און אים געזאָגט: איר קאָנט שוין זיך נעמען צו „פּעינטן״ די „רומס״. מאַכט מיר, ווײַז איך אים אָן, די קיך גרין, די פראָנט־רום ווײַס און די בעד־רום „טען״.

קוקט ער מיך אָן און צעלאַכט זיך: וואָס דאַרפט איר מיר זאָגן וועלכע קאָלירן איר האָט ליב? דאָס איז דאָך אײַער געלט, קלײַבט אײַך אויס וואָס אײַך געפעלט און מאַכט אײַך וואָס איר ווילט.

בקיצור, מיר האָבן ווידער אַליין באַשטעלט „פּעינטערס״ און אין צוויי טעג האָבן מיר אויסגעווײַסט די רומס. נאָר ווען איך האָב דערזען דעם ביל, איז מיר ווידער אַלץ שוואַרץ געוואָרן אין די אויגן. מיר האָבן זיי באַצאָלט אַכט און זיבעציק דאָלער, אַחוץ וואָס זיי האָבן אַליין גענומען אַ גאַנץ פײַנעם כּיבוד, וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. וואָס דאַרפט איר מער? אַפילו דער גאַלאָן שנאַפּס, וואָס איז געשטאַנען אָנגעגרייט פאַר דעם חנוכּת־הבית, איז נעלם געוואָרן איידער מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט. פאַרבליבן פון דעם איז

נאָר אַ גוטער תירוץ: זיי האָבן געמיינט, טענה׳ט איינער פון זיי, אַז דאָס איז בענזין, האָבן זיי אַריינגעגאָסן דעם גאַלאָן שנאַפּס אין „פעינט״ אַריין. איצט, ווען די „פעינט״ וועט נעמען פאַלן פון די ווענט, וועט אויסקומען ניט אַנדערש, אַז דאָס הויז איז שיכור...

נאָר שפּאַס אָן אַ זייט, הערט דעם סוף פון דער טרויעריגער מעשה.

ווי גיך מ׳האָט אַריינגעבראַכט דאָס נייע מעבל אין די צימערן, קומט אַריין דער דזשעניטאָר און דערקלערט אונז, אַז אין קעלער איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר די אַלטע „פּוירניטשור״, ווייל דער לענדלאָרד גייט אויספּוצן דעם קעלער און וועט אים פאַרדינגען צו וואוינען. וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איך האָב געפילט ווי אַוועקצו׳חלש׳ן. נאָר אַז גאָט האָט געגעבן אַ מענטשן אַ מוח, איז דאָך ניט שייך. פאַלט מיר איין צו נעמען עטלעכע „באָיטשיקעס״, געבן זיי צו קוואָדער און בעטן זיי אַרויסשלעפּן די „פּוירניטשור״ אויף דער גאַס. איך דאַרף אייך געוויס ניט דערציילן, אַז פאַר זיי, פאַר די יונגאַטשעס, איז דאָס געוואָרן אַ פּיקניק. זיי האָבן גענומען ברעכן, שטעכן און שלעפּן ווי די אמת׳ע „עקספּרעסלייט״. עס האָט ניט גענומען לאַנג און אַלץ, וואָס איז געלעגן אין קעלער, האָבן די חברה׳ניקעס אַרויסגעשלעפּט אין דער גאַס אַרויס.

ווי מיר פרייען זיך אַזוי, וואָס ס׳איז ווידער אַרונטער אַ יאָך פון קאָפּ, ערשט מ׳קלאַפּט אונז אָן אין טיר. איך עפן אויף און דערזע אַ פּאָליסמאַן, און אָן שום קונצן גיט ער אַ וואָרענונג, אַז מיר מוזן די „פּוירניטשור״ גלייך אַריינגעמען צוריק אין הויז אַריין. ער גיט זיך אַ דריי דעם „קלאָב״ אויפן רימענדל, ווי ער וואָלט זיין דער „באָס״ פון שטאָט, און זאָגט קלאָרע דיבורים: אויב ביז מאָרגן פרי וועט ניט ריין ווערן די גאַס, וועלן מיר אַלע קריגן נייע „רומס״ — אין פּריזאָן.

הכלל, איך בין ווידער אַרונטערגעלאָפן אין גאַס, אויפגעזוכט די זעלביקע יונגאַטשעס, געגעבן זיי פון דאָס ניי צו קוואָדערס, אונטערגערוקט זיי אַ פּעקל מיט שוועבעלעך און זאָג זיי אָן: פאַרברענט מיר דעם חמץ, ווי דאָס שטייט און גייט.

די חברה האָט אַ כאַפּ געטאָן די קוואָדערס מיט די שוועבעלעך און איידער איך האָב באַוויזן אַריבערצוגיין די גאַס, איז שוין די גאַנצע גאַס געווען איינגעוויקלט אין וואָלקנס פון רויך. אַ דיק־שוואַרצער רויך האָט זיך געצויגן צו די הימלען, וואָס האָט געמאַכט צו גלויבן, אַז אונטן איז דער גיהנום.

אין אַ מינוט אַרום האָב איך שוין געהערט קלינגען און פייפן די פייער־וועגענער און איך האָב זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין. און די שרעק איז ניט געווען קיין אומזיסטע. ווי איר קוקט מיך אָן, דאַרף איך איצט גיין אין געריכט

און באַוויַיזן, אַז איך בין ניט קיין פּייער־מאַכער און איך האָב ניט געוואָלט פאַרברענען די שטאָט.

אין די קראָמען ברענען די פּרייזן, ביי די לענדלאָרדס ברענט די רציחה, וואָס זיי קאָנען ניט אַראָפּציען זיבן הויטן, און איך — איך ווער ביי זיי אַ פּייער־מאַכער. ווען איך האָב ניט קיין מורא פאַר אַ נייער קלאָגע, וואָלט איך געזאָגט: אַ פּייער אויף די פינצטערע „רומס" מיט די אַנדערע „באַרגעינס" מיינע — וואָלט מיר אפשר אַ ביסעלע געוואָרן ליכטיגער אין די אויגן...

געסט...

באַקלאָגט זיך ניט, וואָס איר וואוינט אויפן פינפטן שטאָק. ס'איז אמת, אַז דער סעלצערמאַן, דער גראָסערימאַן און דער בוטשער ווילן אייך ניט טראָגן די „אָרדערס" אין דער הויך, און אייך אַליין פאַרכאַפּט אויך דער אָטעם, ווען איר דאַרפט שפּאַנען „צום הימל אַרויף". דאָס האַרץ קלאַפּט ווי אַ פּויק, אָבער ס'איז גאָרניט — אין פאַרגלייך מיט אַנדערע צרות...

איר וואָלט געמעגט הערן, וואָס די מרס. בערסאָן האָט צו זאָגן, — אָט די, וואָס וואוינט גראָד אויפן ערשטן שטאָק. אויב זי וועט ניט אָוועקפאַלן יונג, וועט דאָס זיין בלויז אַדאַנק דעם, וואָס זי האָט שוין אַריבערגעשפּאַנט די ערשטע פיר צענערליעך, און טאָמער האָט זי נאָך אַביסל כוחות, איז דאָס אויך פון די יונגע יאָרן...

וואוינען וואוינט די מרס. בערסאָן מיט איר מאַן און קינדער אין פיר צימערן. נאָר טאַקע דערפאַר איז איר היים אַ גאַנצע אכסניה. די בערסאָנס זיינען בטבע ליבע מענטשן, האָבן ליב קאָמפּאַניע, אויפנעמען געסט, זיך טרעפן מיט שכנים, און אין אַלגעמיין, ווער ס'האָט אַ שווער האַרץ און וויל זיך עפּעס אַראָפּרעדן, כאַפּט זיך אַריין צו זיי, צו די בערסאָנס, אויפן ערשטן שטאָק.

גלייך אינדערפרי, ווי די בערסאָנס שטעלן־אָן די ראַדיאָ צו הערן די נייעס פון דעם וועטערמאַן, טראָגט זיך אַריין ווי אַ ווינט דער מיסטער לאַכמאַן פון פינפטן שטאָק. צוגלייך גיט ער שוין אַ קלינג־אָן אין די טירן פון די ראָזענבלומס און די לובינס. ער האָט אויך ליב קאָמפּאַניע... ער וויל עס זאָל זיין פריילעכער, רופט ער זיי אַלע אַריין צו די בערסאָנס אין הויז.

— איר פאַרשטייט, פאַרענטפערט ער זיך, — איך בין־אַליין אַ מענטש אין הויז, און אויפן פינפטן פלאָר ,איז פאַלג מיך אַ גאַנג. גיין אין גראָסערי איינקויפן, דערנאָך אַרויפטראָגן, און צום סוף מאַכן פאַר זיך אַליין אַ טעפּל קאַווע, לוינט זיך ניט. און טאַקע, וואָס פאַר אַ טעם האָט דאָס, זיך זעצן מיט זיך אַליין און טרינקען קאַווע. זעט איר, אין קאָמפּאַני איז דאָס גאָר עפּעס אַנדערש. אין קאָמפּאַני מאַכט מען מער ווי איין טעפּל, און ס'טרינקט זיך דאַן גאָר איינגאַנצן מיט אַן אַנדער חשק. און ווער רעדט נאָך ווען עס פאַרזוכט זיך אַ שטיקעלע פון דער מיסעס לובינ'ס פיש, אָדער פון דער מיסעס ראָזענבלומ'ס געמאַרענירטן הערינג!...

אַז די מיסעס בערסאָן גיט אים דאַן אַ פרעג וועגן אַ דריטן טעפּל קאַווע, ענטפערט ער מיט זיין שטענדיגן שפּאַס: „איך האָב דען געזאָגט ניין?...״

אין אָוונט, זעט איר, איז שוין ביי די בערסאָנס גאַר־גאַר פריילעך אין הויז. דאַן קומט צו גיין מיסטער שיין אַ שמועס טאָן וועגן קונסט און מוזיק; מיסטער קופרין כאַפּט זיך אַריין, ווייל זיין ווייבל וויל שטילקייט ביי זיך אין הויז צו קענען הערן „די אידישע שטונדע״, און מיסטער פינטשוק, דער אַלמן, קומט גלייך אַריין דער׳הרג׳ענען אַ פּאָר שעה, ווייל ער האָט זיך ניט וואו אַהינצוטאָן.

די אַרומיגע שכנים ווייסן שוין אויך, אַז ביי די בערסאָנס אין הויז איז אַלעמאָל פריילעך, פאַראַן קאָמפּאַני, מ׳הערט אַ וויץ; דערצו איז טאַקע דער שטרודל, וואָס די מיסעס בערסאָן מאַכט, און איר בירּאָבידזשאַנקעס, אַזוינע האָניג־טייגלעך, אַ מחיה אין מויל צו נעמען. כאַפּן זיך טאַקע אַריין מיסטער און מיסעס באַרני, אַרונטערגייענדיג פון די טרעפּ, מיסטער און מיסעס גרעבער פון דעם צווייטן הויז, און מיט זיי קומען שוין די גורעוויטשעס, און שרייערמאַן, און — ווער טאַקע ניט?

פאַלט אַמאָל איין דעם מיסטער בערסאָן צו זאָגן, אַז ער וויל גיין זען אַ מאָווי, ווערט באַלד אַ דיסקוסיע וועגן דער מואווי: גוט, שלעכט. מען רעדט, מען דיסקוטירט אַזוי לאַנג, ביז עס ווערט אויס מואווי, אויס טעאַטער. דער אָוונט פאַרענדיגט זיך מיט אַ פאָרשלאַג פון מיסטער לאַכמאַן צו מאַכן אַ פריש קענדל קאַווע...

פאַרשטייט זיך, אַז מיט דער קאַווע קומט שוין אַרויף אויפן טיש אַלץ, וואָס ס׳געפינט זיך אין אייז־קאַסטן, און מיט דעם אַביסל לויב־געזאַנגען פון די געסט. דער שטרודל, זאָגט פינטשוק, האָט טעם גן־עדן, און מיסטער שיין פּאַסמאַקעוועט זיך מיט די געהאַקטע לעבער, און מיסטער שרייערמאַן איז אַזוי פאַרטיפט אין שלינגען דעם וועגעטאַרישן סאַלאַד, אַז ער האָט ניט די מעגלעכקייט עפּעס צו זאָגן, אָבער זיינע אויגן רעדן שוין פאַר זיך, ווי איינער זאָגט: „זאָלן איר נאָר דינען די הענט.״ דער סוף איז אָבער, אַז אינדערפרי, ווען מר. בערסאָן שטייט־אויף צו דער אַרבעט און וויל מיטנעמען עפּעס פאַר מיטאָג אין שאַפּ אַריין, געפינט ער דעם אייז־קאַסטן פּוסט ווי אַן אויס־געבלאָזענע איי...

דאָס שענסטע איז אָבער, ווען מר. בערסאָן שטעלט־אָן זיי ראַדיאָ אויף עפּעס אַ גוטן קלאַסישן נומער. נאָך איידער ער כאַפּט דעם טאָן, וואָס עס שפּילט זיך, קלאַפּט אָן אין טיר איינער פון די שטענדיגע געסט. צום אַלעם ערשטן נעמט זיך דער גאַסט און פאַרדרייט די ראַדיאָ, און ער האָט נאָך אַ

טענה דערביי: „איך אַנטלויף פון הויז, ווייל מיינע חברה מאַכן מיך נערוועז מיט זייערע משוגעים אויף דער ראַדיאָ, קום איך אַריין אַהער צו אייך, איז דאָ, די עלטערע מענטשן, מאַכן זיך אויך נאַריש מיט ראַדיאָ ווי די קינדער...“

דערצו, פאַרגעסט ניט, איז גלאַט גוט אויפן ערשטן שטאָק. ס׳איז אַ גוטע סטאַנציע פאַר די שכנים פון די אויבערשטע שטאָקן. איינע דאַרף אָנ־וואַרעמען אַ פלעשל מילך פאַרן קינד, קומט מען אַריין צו די בערסאָנס. אַ צווייטע פרוי טראָגט אַ זאַק מיט געוואַשענע וועש פונעם קעלער, נאָר אינמיטן כאַפּט זי זיך, אַז איר פעלט נאָך עפּעס פון גראָסערי, שטעלט זי אָפּ דעם זאַק אויף אַ ווייל ביי די בערסאָנס. אַזוי האָט שוין איינמאָל פּאַסירט, אַז אַ יונג ווייבל האָט געוומען גיין צו קינד און האָט ניט באַוויזן אַרויפצוקריכן אויפן פערטן שטאָק, איז זי געלעגן געוואָרן ביי די בערסאָנס...

אַנומלטן באַקלאָגט זיך מר. לאַכמאַן: גיי איך זיך אַזוי צו די בערסאָנס, און ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן דערזעענדיג אַ שטאָק־פינצטערניש אין אַלע פענצטער פון זייער היים. איך האָב זיך באמת דערשראָקן: ווער ווייס? אפשר אַוועקגעפאָרן אין קאַנטרי, אָדער חלילה זיך אַריינגעכאַפּט צו אַ שכן אויף אַ צווייטן שטאָק? אָבער דאָס האָט ניט פּאַסירט. נאָך מיין קלינגען אָן אָן אויפהער, האָט מיסטער בערסאָן ענדלעך געעפנט די טיר:

— איר וועט אונז אַנטשולדיגן, — האָט ער זיך ווי פאַרנויגט, געגומען דערקלערן, — מיר האָבן אויף אַ ווילע געמאַכט אַ „בלעקאַוט“. מיר האָבן געוואָלט אַריינכאַפּן אַ מינוט צו הערן אויף דער ראַדיאָ וויפיל ס׳איז דער זייגער.

— יאָ, ס׳איז געוועזן אַ וואונדער, — האָט די מיסעס בערסאָן צוגעלייגט.

— ס׳איז שוין באַלד ניין אַזייגער, און מיר זעען נאָך קיינעם ניט פון די שטענדיגע געסט...

אויף חנוכה־לאַטקעס ביי דער מאַמען

די אַלטע מאַמע רחל האָט שטאַרק ליב אירע אַכט קינדער. דאָס אייגענע האָבן די אַכט קינדער ליב דער מאַמען.

ביי דער מאַמע רחל איז עס די גרעסטע פרייד, ווען זי נעמט אויס־רעכענען פאַר די שכנים, און אַ סך מאָל ווי פאַר זיך אַליין, די נעמען פון די קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך. זי הויבט אָן אויסרעכענען די נעמען צו זען, אויב זי האָט זיי פאַר די אויגן. די קינדער קאָנען צו־אָפט ניט קומען זען דער מאַמען; פאַרנומען מיט דאגות פרנסה, דערצו דער ווייטער שטח, אַזוי אויך דאָס פּראָבלעם מיט ברענגען די אור־אייניקלעך אויף די קינדער־װעגעלעך.

פירט די מאַמע רחל דורך אַ מין „ראָל־קאָל״. זי רופט אַליין אויס און ענטפערט אַליין: חיים האָט ניט איינס, ניט צוויי, ניט דריי. דאַן דערמאָנט זי די אַנדערע קינדער און זייער „פּאַרמעגנס״, און ווידער דאָס אייגענע: ניט איינס, ניט צוויי, ניט דריי. די מאַמע פירט דאַן דורך אַ סך־הכל, וויפיל קינדער, וויפיל אייניקלעך און וויפיל אור־אייניקלעך, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען עס קומט אַריין צו איר איינע פון די אייניקלעך, וועלכע געפינען זיך נאָענט אין דער געגנט אַרום דער באָבען, גיט די באָבע איר גלייך אַ פרעג: אַלטעלע, אַ געזונט אויף דיר, רעכן מיר נאָר אויס ווי אַלט וועל איך זיין ווען דיין טעכטערל קערי וועט חתונה האָבן אין דעם זעלבן עלטער ווי דו?...

און אַז די באָבע רחל קריגט אַן ענטפער פונעם אייניקל, אַז צו הונדערט און דריי יאָר וועט זי האָבן אַן אור־אור־אייניקל, גיט זי אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף זיכער: ניט קיין סך, איך האָף דאָס צו דערלעבן און פטור ווערן פון חיבוט הקבר...

די מאַמע רחל איז אַ פרומע אידענע. זי האָט ליב אַלע אידישע יום־טובים. נאָר דער שענסטער און בעסטער יום־טוב איז ביי איר חנוכה, ווייל חנוכה איז דער יום־טוב ניט נאָר ביי איר אַליין, נאָר אויך ביי די קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך.

שוין וואָכן פריער גרייט זי זיך פאַר די אַכט טעג חנוכה. זי זעט שוין עס זאָל זיין אין הויז חוץ דעם חנוכה־לעמפּל אויך גענזן־שמאַלץ צום פּרעגלען, עס זאָל זיין גריוון און פעטס, דערצו זאָל זיך געפינען אין הויז גענוג בולבעס

און מעל, אַ שאַרפער רייב־אייזן און אַ גרויסע סקאָוואָראָדע. זי גרייט שוין אָן אַפילו אַ צאָל מטבעות אויף אויסצוטיילן חנוכּה־געלט צו די אייניקלעך, צו די אור־אייניקלעך. זי צעטיילט זיי דאָס חנוכּה־געלט לויט זייער עלטער מיט ליבשאַפט, באַגלייט מיט קושן.

אויך די קינדער וואַרטן אַ גאַנץ יאָר אויף חנוכּה. אין די טעג ווייסן זיי, אַז זיי וועלן טרעפן פאַמיליע ביי דער מאַמען, און אַפילו לאַנדסלייט כאַפּן זיך צו, צו פאַרזוכן רחל׳ס אַ לאַטקע.

קומען די קינדער צו דער מאַמען אויף לאַטקעס. זיי ווייסן שוין ווער און וועלכן טאָג וועט אַלץ זיין: צום ערשטן ליכטל איז דער עלטסטער זון חיים, צום צווייטן ליכטל איז כאַיטשע, צום דריטן — מנוחה, צום פערטן ליכטל איז שעפסל, צום פינפטן — ביילע, צום זעקסטן — שלמה, צום זיבעטן — מאיר, און צום אַכטן — דער בן־זקונים, זיידקעלע.

די מאַמע ווייסט שוין וואָס יעדער איינער האָט ליב. איינער וויל קליינע לאַטקעלעך נאָר פּוכקע, און זיי דאַרפן זיך באָדן אין פעטס; אַ צווייטער וויל גאָר דינע לאַטקעס, נאָר קרוכלע; און איין טאָכטער האָט גאָר ליב לאַטקעס מיט מאַנדל־יויך און אַ צווייטע וויל גלאַט נאָשן די גריוון אָן לאַטקעס. און אין מיטן־דרינען דערמאָנט זיך די באָבע וואָס די אייניקלעך דאַרפן עסן, און פאַרגעסט דערביי אויך ניט צוצוגרייטן אַ פלעשעלע מיט מילך פאַר די אור־אייניקלעך.

די מאַמע גיט אַכטונג, אַז דער פּאָלומיסעק זאָל ניט בלייבן ליידיג. זי רוקט אונטער יעדן איינעם לויט זיין געשמאַק. זי גיט אַ וויש די שפּיץ־פינגער אָן איר פאַרטעכל און פּילט דערביי, אַז אויך די לאַטקעס פרעגלען זיך פון איר נחת...

און אַז די קינדער צעזעצן זיך ביי די טישן, ווער מיט „קוויטלעך" און ווער מיט אַ שאַך, שטייט די מאַמע, וואַשט די טעפּלעך, פענדלעך און טעלער, אָבער אירע אויגן זיינען אָנגעשפּיצט אויף די קינדער, און זי צערטלט זיי מיט אירע בליקן.

ווען זי ווערט מיד פון דער אַרבעט, זעצט זי זיך אויך צו ביים טיש און פּרובירט שפּילן דריידל מיט די אור־אייניקלעך, פאַרפירט זי אַ שמועס מיט די קינדער און וויל דערגיין צי זיי געדענקען נאָך דעם טייטש פון חנוכּה.

זי קוועלט מיט מאַמעשער פרייד ווען איינער פון די קינדער פּרובירט פאַר די אַנדערע דערציילן די מעשה פון חנוכּה און גיט אַביישפּיל, אַז ס׳איז געשען פּונקט ווי אין דער היינטיגער צייט פון מלחמה, ווען מענטשן האָבן געדענקט, אַז ביי די באַפאַלענע פעלקער לאָזן זיך אויס די כּוחות, ניטאָ מער

קיין אויל, ניטאָ מער קיין ליכט, נאָר מיטאַמאָל האָט די וועלט דערזען פאַר זיך אַ „נס חנוכה״. דאָס ליכט פון די העלדן האָט העל געשטראַלט און גע־ברענט, ביז די רויטע אַרמייער, די מאָדערנע מאַקאַבייער האָבן פאַרברענט די היינטיגע שונאים, די נאַציס...

אַזוי ווערט יעדן אָוונט געפּראַוועט אַן אַנדער יום־טוב מיט אַנדערע מעשה׳לעך, מיט פרישע לאַטקעס, אַלטע שפּילן, מיט פרישע גריוון... די מאַמע רחל לויפט אַ גאַנצן טאָג איינקויפן אין די קראָמען, עס זאָל חלילה קיין זאַך ניט פעלן פאַר די קינדער, פאַר די אייניקלעך און אור־אייניקלעך.

צו די לעצטע חנוכה־ליכטלעך, אַז די מאַמע רחל דערפילט אַ מידקייט אין די אַלטע ביינער, זאָגט זי אין שפּאַס צו די קינדער, און דער שמייכל צע־שפּרייט די קאַרבן נאָך טיפער אויפן מאַמעשן פּנים:

— איר הערט, קינדערלעך? דער אמת׳ער נס חנוכה איז, וואָס עס איז ניטאָ מער ווי אַכט ליכטלעך און איך האָב ניט געהאַט מער ווי אַכט קינדער... פונדעסטוועגן, דערלעבט איבעראַיאָר און קומט ווידער צו דער מאַמען אויף לאַטקעס.

„קרעפּלעך זאָלסטו עסן“

(אַ מאָנאָלאָג)

— ניט אַנדערש, ווי עמיצער האָט געוואונטשן מיין מאַמען, ווען זי האָט מיך געטראָגן, אַז „קרעפּלעך זאָל ער עסן“, און ווי עס ווייזט אויס, איז דער וואונטש טאַקע מקוים געוואָרן. — מיט די ווערטער האָט מיך מיין לאַנדסמאַן אַ כאַפּ געטאָן, לויפנדיג שבועות אין אַ מילכיגן רעסטאָראַן.

איך האָב ליב אַלע יום־טובים, איבערהויפּט יענע יום־טובים, וועלכע קריצן זיך איין טיף אין מוח און אין מאָגן, ווי צום ביישפּיל: פּסח'דיגע קניידלעך, פּורים'דיגע המן־טאַשן, סוכות'דיגן צימעס, חנוכה־לאַטקעס. אָבער קיין יום־טוב קאָן זיך ניט פאַרגלייכן צו שבועות, דער יום־טוב פון קרעפּלעך און בלינצעס.

איך זאָג אייך: שבועות איז עפּעס אַ יום־טוב, וואָס דערמאָנט מיר, אַז מיין גאַנץ לעבן איז ווי אַ קרעפּל, שפּיציג פון אַלע זייטן און אָנגעפּילט מיט צרות ווי אַ קרעפּל מיט קעז...

אַזוי פון קינדוויז אָן האָב איך אַ שוואַכקייט צו עסן קרעפּלעך. מיין מאַמע האָט מיר טאַקע דערפאַר געגעבן אַ צו־נאָמען, דער קרעפּל־פרעסער. אַזוי אַלע קינדער אין חדר, שפּעטער אַלע לאַנדסלייט — האָבן געוואוסט איין נאָמען: דער קרעפּל־פרעסער.

איינמאָל האָט מיין מאַמע מיך איבערגעלאָזן אַליין אין הויז מיט אַ טאָפּ קרעפּלעך אויפן אויוון. זי אַליין איז אַוועק ערגעץ אין אַ קראָם, עפּעס קויפן. מיטאַמאָל האָב איך דערשמעקט קרעפּלעך. דעם אמת געזאָגט, האָב איך נאָך ניט געקאָנט ציילן צופיל אין יענע יאָרן. האָב איך מיר אַזוי אָנגעהויבן צו עסן און שלינגען די קרעפּלעך אָן אַ צאָל . . . ביז איך האָב אויסגעליידיגט דעם טאָפּ.

ווען די מאַמע איז אַריינגעקומען פון גאַס און אַ מיש געטאָן דעם טאָפּ, איז איר אויג גלייך געפאַלן אויף מיר, אויף איר זונעלע, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ הונדערט־פונטיגער אָנגעפּילטער גרויסער קרעפּל.

— וואָס האָסטו געטאָן? — האָט זי גענומען זיך ברעכן די הענט און מיר די מילכיגע ביינער. — ווי אַזוי האָסטו דאָס געקאָנט אַריינרוקן אין זיך אַזאַ טאָפּ מיט קרעפּלעך?

איך האָב גלייך פּרובירט מיט אַ שפּאַס זי באַרואיגן:

— ערשטנס, — זאָג איך, — שטייט דער טאָפּ אַ גאַנצער ווי געווען, און צווייטנס, — זאָג איך, — זאָרג זיך ניט, עס וועט מיר ניט שאַדן.

איך האָב איר דערביי גלייך גענומען דערקלערן וואָס ס'איז דאָ געשען:

— גענומען האָב איך פריער איין קרעפּל, — דערקלער איך איר, — איז ער געווען כמעט ליידיג, אָן קעז, האָב איך פּרובירט אַ צווייטן, איז דער צווייטער געווען גאָר אַ פּוסטער, אַ דריטער האָט אויסגעזען גאָר ווי אַ פּאַרע־ווער. אָט אַזוי, — זאָג איך, — האָב איך געמוזט גיין ביז צום דעק, צו געפינען דעם אמת'דיגן קרעפּל מיט קעז...

אָט טאַקע פון דאַן אָן איז מיר דאָס געבליבן דער צונאָמען — קרעפּל־פרעסער...

ווען איך בין אַוועק לערנען אין אַ ישיבה, אין דער גרויסער שטאָט, האָט מען מיר באַזאָרגט מיט „טעג" עסן. אויף מיין גוטן מזל, האָט די באַלע־באָסטע דעם ערשטן מאָנטאָג געמאַכט קרעפּלעך, און אַז זי האָט מיר אַ פרעג געטאָן: „אינגעלע, האָסט ליב קרעפּלעך?" — האָט מיין שעמעוודיגער פּנים איר גלייך אויסגעזאָגט, וואו זי האַלט מיט מיר... אַזוי איז פאַרשפּרייט געוואָרן די נייעס צו מיינע אַנדערע „טעג", אַז איך האָב ליב קרעפּלעך, איך עס קרעפּלעך מיט די אויגן... וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איך וועל יענע טעג שטענדיג האָבן צו געדענקען. איך האָב געהאַט דינסטאָג קרעפּלעך, מיטוואָך קרעפּלעך, דאָנערשטאָג בלינצעס אָדער קרעפּלעך, און פרייטאָג — פליישיגע קרעפּלעך. דערפאַר, אַז איך פלעג קומען אַהיים אויף יום־טוב, האָט מיר די מאַמע געמאַכט יום־טוב'דיגע קרעפּלעך...

אָט אַזוי זיינען געפלויגן יאָרן מיט קרעפּלעך, ביז — איך האָב ענדלעך חתונה געהאַט פאַר אַ לייטישער, פיינער אידישער טאָכטער.

די שוויגער האָט גלייך גענומען לערנען דער טאָכטער ווי אַזוי אויפן בעסטן אופן צו געווינען די ליבע פון אַ מאַן, און זי האָט איר אויפגעקלערט, אַז אַ מאַנ'ס האַרץ ליגט אין טעפּל, און אין טעפּל מוז שטענדיג זיין אַ קרעפּל...

ווען איר זעט מיין ווייבל, וואָלט איר גלייך פאַרשטאַנען, אַז זי איז ניט קיין נאַר. זי האָט פון דעם ערשטן טאָג גענומען זוכן און טאַפּן מיין שוואַכן פּונקט, ביז — זי האָט זיך דערגרונטעוועט — קרעפּלעך... איצט, אַ לויב צו אים, האָבן מיר שוין קינדער און אייניקלעך, די רומס זיינען געביטן, די פּוירניטשור געביטן, די כּלים געביטן, אָבער ביי מיין ווייב לויפט נאָך אַלץ ווי אַ סוקסעס־פּיעסע — קרעפּלעך...

אַי, אַ לעבן אויף איר! האָט זי זיך אויסגעלערנט מאַכן קרעפּלעך! איך

זאָג אייך, ווען מענטשן וואָלטן מאַכן אַן אויסשטעלונג פון קרעפּלעך, וואָלט מיינע צוגעגנומען דעם „קעיק" פאַר איר פיינעם מאַכן, באַקן און בראָטן.

אַנטקעגן וואָס איך דערציייל אייך דאָס אַלץ? אָט טאָקע דאָס וויל איך איר זאָלט הערן. אַנומלטן באַשליסט די לעידיס יאָנג־פרענדס סאָסייעטי, וואו מיין ווייב איז אַ מיטגליד, צו מאַכן איר אַ סורפּרייז־פּאַרטי. זיי פּאַרטרויען מיר דעם סוד און בעטן מיר, ניט אַנדערש ווי צו קומען און פאַרברענגען מיט זיי.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? אויף די טישן איז געווען פון כל־האַגוטס — שמאַלץ־הערינג, פּעטשאַ, זויער־קרויט, און כל׳ערליי זיסקייטן. דערצו האָט מען דערלאַנגט פערטלעך עוף, וואָס האָט געוואויגן אפשר דריי פונט אַ שטיק. אָבער פאַר אייך וועל איך זיך מודה זיין: ס׳איז מיר ניט איינגעגאַנגען. נאָר אינמיטן פון מיין טראַכטן פון יענער צייט, ווען איך האָב געגעסן „טעג", קומט צו מיין ווייב מיט אַ פּאַלומיסעק, ווי אַ וואַנע די גרויס, אין האַנט און זאָגט אַזוי: „מיין טייערער קרעפּל־פּרעסער! זיי, די ווייבער, האָבן מיר היינט געמאַכט אַ סורפּרייז־פּאַרטי מיט אַ פליישיגער וועטשערע, האָב איך אָבער געמאַכט אַ סורפּרייז היינט פאַר דיר..."

איך האָב מיר אַ נעם געטאָן דעם פּאַלומיסעק און — דערשרעקט אייך ניט — איך האָב דערזען אַ בריוועלע, וואו ס׳איז געווען אָנגעשריבן: „צו אונזער זילבערנער חתונה, דער 25טער יובילײ, ווי מיר עסן קרעפּלעך." אונטער דעם בריוועלע זיינען געלעגן פינף און צוואַנציג ברוינע, באַפּוטערטע און מיט צימערינג באַשאָטענע, אָבער ניין, ניט קיין קרעפּלעך, — אַ סורפּרייז האָט מיין ווייב מיר היינט געמאַכט — 25 בלינצעס, שבועות׳דיגע בלינצעס.

איר הערט, ביז היינטיגן טאָג קלינגט מיר נאָך מיין זיידנס קללה, וואָס ער פלעגט מיר שילטן, ווען ער פלעגט ווערן אין כעס: „יונגאַטש איינער, קרעפּלעך זאָלסטו עסן!"

איז וואָס זאָגט איר? איר זיינט טאָקע הונגעריג? אויב אַזוי, לאָמיר זיך טאָקע אַריינכאַפּן אָט־אַ־דאָ. זייער אַ פיינער פּלאַץ. זייערער אַ קרעפּל איז גרויס ווי דער באַרג סיני און מלא־טעם — ס׳איז טעם גן־עדן.

גלויבט מיר, אַז שבועות מעג זיך זיין אַ יום־טוב פון גרינס, אָבער דער וואָס עסט בלינצעס מיט קרעפּלעך, דער זעט שוין גאַרניט אויס ווי קיין גרינער...

איר שטימט איין מיט מיר? אויב אַזוי, זאָלט איר טאָקע קרעפּלעך עסן, און מיט אַ גוטן אַפּעטיט.

היימי כאַפּ־לאַפּ

געוויס האָט היימי שלינגער שוין געהערט נישט איין מאָל זאָגן, אַז „פּאַר כאַפּן קריגט מען איבער די הענט״.

„פון כאַפּן קומט קיין גוטס ניט אַרויס״, אָדער „אַז מ׳כאַפּט, בריט מען זיך אָפּ״.

ער האָט אָבער געהאַלטן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן פּסוק: „וואָס מען כאַפּט ניט, האָט מען ניט.״

דערפאַר איז היימי שלינגער געוואָרן באַקאַנט צווישן זיינע מיטאַרבעטער אין שאָפּ ווי „היימי כאַפּ־לאַפּ״. וואָרים איר וואָלט געדאַרפט זען ווי אַזוי היימי כאַפּט אין שאָפּ אַ גוטן, „באַנדל״ אַרבעט.

ווי אַ כיטרע קאַץ, וועלכע צילעוועט זיך אויף אַ פייגעלע, אַריינצוכאַפּן עס צווישן אירע ציינער, אַזוי שטעלט אַן היימי זיין אויג אויפן „באַנדל״. ער אַרבעט, נאָר זיין זייטיגער בליק איז געצילט צום טיש פון די צושניידערס, די „קאַטערס״, און איידער ווער ביי די מאַשינען האָט אַפילו אַ טראַכט געטאָן, האָט שוין היימי דעם „באַנדל״ אין זיין קערבל ביי דער מאַשין.

היימי איז אָבער אַ כאַפּער ניט נאָר אין שאָפּ, וואו עס האַנדלט זיך וועגן מער פאַרדינען. ער כאַפּט פון טויטע און לעבעדיגע. ביי אים איז רעכט אַפילו אַריינצוכאַפּן — אַ קדיש.

שלינגער איז ניט פון די, וועלכע היטן אָפּ רעליגיעזע צערעמאָניעס. ער האַלט, זאָגט ער, בלויז פון צוויי זאַכן — פון יום־טוב׳דיגער אכילה און פון קדיש־זאָגן. כאַפּט ער זיך אַריין אין אַ שול, ניט זאָגנדיג אַ וואָרט צום שמש, נאָר בשעת איינער וואָס האָט יאָרצייט דאַווענט, גיט היימי אַ כאַפּ אַריין אַ קדיש, אַ שלונג אַראָפּ דעם אָמן און — ער זיצט שוין אין שאָפּ און שלינגט „באַנדלס״.

איר וואָלט געדאַרפט אַריין מיטאָג־צייט אין רעסטאָראַן און זען, ווי אַזוי היימי כאַפּט אָפּ אַ מאָלצייט. ער גיט אַ שפּאַן דורך די טישלעך, צו טרעפן אַ באַקאַנטן, — און ער טרעפט, ווייל ער קען שוין אַלעמען און אַלע קענען אים. ער שטעלט זיך אַוועק צוקאַפּנס און הויבט אָן רעדן איבער יענעמס שפּייז, מעג דאָס זיין זופּ, אַ סאַלאַד, צי סמעטענע מיט יאַגעדעס.

דער באַקאַנטער נעמט שרייען: „היימי, נעם־מיט אַ רעגן־שירעם, ווען דו ווילסט רעדן צו מיר״, אָבער היימי נעמט ניט קיין שירעם — ער נעמט שוין

די שפּייז, וואָס יענער האָט געמוזט איבערלאָזן און אַנטלויפן צו אַ צווייטן טיש...

אָט אַזוי טוט היימי מיט אַ צווייטנ'ס קוכן און אַ דריטנ'ס קאַווע. און אויב איינער באַשטעלט לאַטקעס, בלינצעס, צי קרעפּלעך, באַנוצט ער שוין ניט די גאַנצע צערעמאָניע, שטעקט גלייך אַריין די האַנט מיטן גראָבן פינגער צו יענעם אין טעלער אַריין. אַלע לאַכן: „גיב נאָר אַ קוק אויף היימי כאַפּ־לאַפּ!" נאָר היימי שלינגט שוין.

גלייך נאָך דער אַרבעט כאַפּט זיך היימי אַרויס פון שאַפּ, ווי אַן אָפּגעבריטער, און לויפט כאַפּן די באַן. נאָר ביי היימי כאַפּ־לאַפּ צו כאַפּן די באַן מיינט נאָך ניט אַלץ. היימי כאַפּט אויך אַן אָרט צום זיצן, מעג דאָס זיין אַפילו אין די מאָמענטן ווען מ'פּאַקט די באַנען מיט מענטשן ווי סאַרדינען אין אַ שאַכטל. אַלע זיינען סאַרדינען, נאָר היימי שווימט ווי אַ פיש אין וואַסער. ער טוט אין קליניקייט. ער הויבט אָן צו קלאַפּן מיט אַ צייטונג איבער דער פענצטער, שרייענדיג דערביי: אַ שפּין, אַ בין, אָדער גאָר אַ שלאַנג! די פרויען גיבן אַ שפּרינג־אויף און אַנטלויפן, און היימי זעצט זיך אַוועק.

אַפילו ביי אַ מיטינג, וואו היימי האָט ניט געפונען קיין שטול זיך אַוועקצוזעצן, האָט ער געפונען אַ פּאַרמ'ל ווי צו קריגן אַן אָרט פאַר זיך. ער האָט דערלאַנגט אַ צעטל דעם קאַפּעלמייסטער פון אָרקעסטער, וועלכער האָט זיך געגרייט צום פּראָגראַם, אַז ער זאָל גלייך אויסשפּילן די „התקוה". דער קאַפּעלמייסטער האָט געמיינט, אַז דאָס איז דער פאַרלאַנג פונעם פאָרזיצער, האָט ער גלייך אַ פיר געטאָן מיטן שטעקל. אַלע אין זאַל זיך האָבן אויפגעשטעלט, און היימי האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך אויסצוקלייבן דעם בעסטן בענקל.

אָבער איינמאָל איז פּאַרט מקוים געוואָרן אויף היימי שלינגער דאָס ווערטל: „פון כאַפּן קומט קיין גוטס ניט אַרויס"... און פּאַסירט האָט עס אָט אַזוי:

היימי, וועלכער איז געזעסן אַ מאַשין לעבן אַ מאַשין אין שכנות מיט הערשלען, האָט ליב געהאַט אָפּט אַ כאַפּ צו טאָן, ווי זיין נאַטור איז, ביי הערשלען עפּעס אין מויל אַריין, צי דאָס איז געווען פרוכט, נאַשעריי, אָדער אַביסל שנאַפּס. איין טאָג האָט היימי געזען, ווי עס סטאַרטשעט אַרויס פון הערשל'ס קעשענע אַ היפּש פלעשל, האָט ער געוואַרט אויף דער געלעגנהייט, און אַזוי גיך ווי הערשל האָט זיך אַ הויב געטאָן צו גיין אָפּנעמען די אונטערגעפּרעסטע אַרבעט פון פּרעס־טיש, האָט היימי אויף זיין שטייגער פלינק אַ כאַפּ געטאָן דאָס פלעשל און — קליק־קליק־קליק. ער האָט שוין מער ווי אַ האַלב אַריינגעגאָסן אין זיך. נאָר מיטאַמאָל האָט ער דאָס אַ וואָרף געטאָן

פון זיך און גענומען צוריקגעבן מיט שרעקלעכע געשרייען: „איך האָב זיך פאַר'סמ'ט!"

היימי כאַפּ־לאַפּ האָט זיך אָבער ניט פאַר'סמט, ער האָט זיך בלויז אָנגע־זופּט מיט אַ האַלב פלעשל בענזין, וואָס הערשל האָט געקויפט אויף אַרויס־צונעמען פלעקן...

היימי האָט זיך אָבער מיט דעם נאָך מער באַפלעקט, און פון דאַן אָן טאָקע איז ער געוואָרן „היימי כאַפּ־לאַפּ". איצט ווייסט ער שוין די באַדייטונג פון דעם ווערטל: „אַז מען כאַפּט, בריט מען זיך אָפּ."

אין שאַפּ־„שטיבל"

גאָט'ס־סטראַפּטשע — אַזוי האָט מען גערופן דעם שניידער־באָס מעקסעלע זאַק. אין שאַפּ פלעגט ער אַריינעמען צו דער אַרבעט נאָר לאַנדסלייט, און אַז עמיצער האָט פון אים פאַרלאַנגט אַ העכערונג אין שכירות, אַ שעה ווייניגער אַרבעט אָדער אַן הלואה, האָט ער געהאַט איין ענטפער: בעט ביי גאָט... און אויב גאָט וועט דיר ניט געבן — וועל איך דיר אויך ניט געבן, ווייל איך קאָנקוריר ניט מיט גאָט...

דערפאַר האָט דער גאָט'ס־סטראַפּטשע אָפּגעגעבן אַ ווינקל אין זיין שאַפּ, וואו מ'האָט געמאַכט דערפון אַ צימער, דאָס האָט געהייסן אַ „שטיבל" צום דאַוונען, און דער לאַנדסמאַן ניסעלע איז אויסגעקליבן געוואָרן פרעזידענט פון „שטיבל".

דעם אַלטן ניסעלע האָבן אַלע אין שאַפּ געקענט און אַלע האָבן אים ליב געהאַט פאַר זיין גוטמוטיגקייט און שטיפערישקייט.

חדשים־לאַנג פאַר יום־טובים האָבן אַלע געוואוסט וואָס פאַר אַ יום־טוב עס קומט אָן: פאַר פסח פלעגט ניסעלע זינגען חד־גדיא, פאַר שבועות — אקדמות, און אַז עס פלעגן אונטערקומען די ימים־נוראים, דאָ האָט ער שוין געזונגען אויף אַלע כלים... פרייע און גלוביגע האָט ער אַריינגעצויגן אין געזאַנג און איז מיט זיי דורכגעגאַנגען דעם מפני חטאינו, ונתנה תוקף, כל נדרי, און ער האָט אַפילו אויך ניט פאַרפעלט צו אַריינכאַפּן די טרובע פון אַ ליידיגן שפול און מאַכן פראַבע אויף בלאָזן שופר.

אין שאַפּ־„שטיבל" האָבן די רעליגיעזע אידן געהאַט יעדן טאָג אַ מנין. עס פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן אַ צען, צוועלף אידן, ווער צוליב אַ קדיש,

ווער צוליב אַ יאָרצייט און ווער גלאַט אַ טובה צו טאָן דעם אַלטן ניסעלע. ער דאַרף אַ צענטן — גייט מען.

פאַר ראש־השנה האָט ניסעלע געגומען אויסרעכענען, ווי אַזוי יעדער איינער פון זיין מנין דאַרף זיך קלאַפּן על חטא, אָדער קריגן מלקות.

יאַשקע דער פינישער דאַרף זיך האַקן קאָפּ אָן וואַנט, ווייל ער זינדיגט נאָר מיט די געדאַנקען... הערי׳ן דעם דעזיאַנער דאַרף מען אָנקלאַפּן אַ פּאָר בלויע אויגן, ווייל, ווי גיך עס קומט נאָר אַריין אַ שיינע פינישערין אין שאַפּ, וואַרפט ער שוין גלייך אָן אויג אויף איר.

פאַר דעיוו׳ן, דעם פאָרמאַן, דאַרף מען ברענגען אַ פּאַלק סאַלדאַטן און מיט פּראַלניקעס זאָלן זיי אים קלאַפּן אין האַרצן, ווייל אויף אַלע אַרבעטער האָט ער אַ בייז האַרץ... פאַר נעיטן דעם פּרעסער, זאָגט דער אַלטער ניסעלע, מוז מען האָבן עפּעס צו קלאַפּן אין די ציינער, ווייל פריער פּרעסט ער זיך אָן און דערנאָך דאַוונט ער. מישאַ דעם אָפּערעיטאָר דאַרף מען אָפּקלאַפּן אַ לונג, פאַרוואָס ער רויכערט אום שבת, און נאָך ביליגע ציגאַרן...

אָט אַזוי רעכנט אויס דער אַלטער ניסעלע אַלעמענס זינד. ער פאַרגעסט אַפילו ניט סערקע די פאַרלעידי. סערקע׳ן, זאָגט ער, דאַרף מען קלאַפּן אין די פּאָדעשוועס, וועט זי אויפהערן צו טאַנצן גייענדיק איבערן שאַפּ און זיך וואַרפן אַלעמען אין די אויגן מיט אירע צוויי הונדערט פונט.

ווען די חברה, וועלכע שטייען מיטאָג־שעה אַרום ניסעלע׳ן און הערן זיך צו צו זיינע חכמה׳לעך, האָבן אים אַ פרעג געטאָן:

— נו, און וואָס לאָזט איר עפּעס אויס פיליפּ׳ן דעם באָנדל־כאַפּער און יונה דעם טרעגער?

האָט דער אַלטער ניסעלע זיך צעלאַכט: „גערעכט, יעדער איינער דאַרף קריגן זיין חלק...״ און ער האָט גענומען אויסטיילן אַ חלק צו פיליפּ דעם באָנדל־כאַפּער:

— פאַר כאַפּן באָנדלעך, — זאָגט ניסעלע מיט אַ ניגון, — העלפט ניט קיין קלאַפּן זיך על חטא; פאַר כאַפּן באָנדלעך דאַרף מען כאַפּן איבער די הענט, און גוט כאַפּן...

— וואָס קאָן אָבער קומען יונה דעם טרעגער — קראַצט זיך ניסעלע אין זיין קמץ־בערדל — פאַר טראָגן מסירה׳לעך צום באָס, פאַר טראָגן פּאַטשטן צום פאָרמאַן, פאַר טראָגן ליגנס און רכילות פון איין אַרבעטער צום צווייטן?

ניסעלע האָט געשטשובעט און געשטשובעט זיין שפּיץ־בערדל, און צום סוף גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט:

— חברה, איך בלייב איך שולדיג אַ חוב...

ווען ערב יום־כיפור האָט זיך צוזאַמענגעקליבן דער מנין אין „שטיבל" פון שאָפּ, האָט ניסעלע אָפּגעמאַכט מיט אַ גרופּע פון די פּרעסער, אַז אַזוי גיך ווי יונה דער טרעגער וועט קומען קריגן זיין חלק מלקות, זאָלן די צוויי מענדי באָנדאַר און חיים פּלום, אים האַלטן פאַר די פיס און די אַנדערע פונעם מנין זאָלן גיין הקפות און קלאַפּן מיט די גומענע קישקעס פון די פּרעס־מאַשינען אין ריכטיגן פּלאַץ. דערביי זאָלן זיי זינגען: פאַר מסירות, פאַר רכילות, פאַר כזב, פאַר שקר!

ווען יונה דער טרעגער איז זיינס אָפּגעקומען, האָט ער פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, ווי נאָך אַ תענית.

דער אַלטער ניסעלע האָט מיט אַן ערנסטער מינע אַ זאָג געטאָן:

— חברה, ליגט אים צו אַ האַנטוך מיט וואַסער צום קאָפּ — וואָס צום קאָפּ איז צום קאָפּ...

אַ פאַרדונגענע סוכה

אַלע יאָר האָט דער אַלטער ר׳ עליע געהאַט שוועריגקייטן מיט זיין „רענדלאָרד״, ווי ער פלעגט אים רופן, ער זאָל אים דערלויבן אויפשטעלן אַ סוכה הינטערן הויז, טאַקע ביים פענצטער פונעם לענדלאָרד, מיסטער זוסמאַן.

ניט נאָר פלעגט ר׳ עליע דאַרפן קויפן ברעטער, טשוועקעס און סכך, נאָר עליע פלעגט אויך דאַרפן דעם לענדלאָרד באַצאָלן פּאָר גאַנצע צוויי וואָכן עקסטרע דירה־געלט. דערצו אויך „באַנעצן״ דעם דזשעניטאָר מיט אַ פלעשל גוטן בראָנפן, אַז ער זאָל אים ניט אונטעררוקן ביים טיר פון סוכה דאָס מיסט־פעסל און אַנדערע אָפּפאַלן פון הויז און גאַס.

לעצטן יאָר האָט דער לענדלאָרד, מיסטער זוסמאַן, אַרויסגעשטעלט גאָר אַנדערע באַדינגונגען צו עליע׳ן. גלייך נאָך יום־כיפור האָט ער אָפּגעוואַרט ר׳ עליע׳ן ביים הויז און זיך דורכגערעדט מיט אים:

— איר ווילט האָבן אַ סוכה?

— געוויס, וואָס דען? — האָט עליע זיך אַ גלעט געטאָן די באָרד.

— אויב אַזוי, — זאָגט דער לענדלאָרד, זיך גלעטנדיג איבער דער קעשענע, — וויל איך אייך זאָגן, וואָס איך פאַרלאַנג פון אייך.

— וואָס איר זאָלט ניט פאַרלאַנגען, — פּרובירט עליע אַ שפּאַס טאָן, — וועט איר דאָך ניט וועלן, אַז איך זאָל עסן סוכות אין אַ כינעזישן רעסטאָראַן. איר זיינט דאָך עפּעס אויך אַ איד, ווייסט איר דאָך — — —

— יאָ, איך ווייס, — זאָגט דער לענדלאָרד, — וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צום —

— וואָס וואָס צום „רענדלאָרד״ איז צום „רענדלאָרד״, — כאַפּט אונטער ר׳ עליע.

— פאַרשטייט זיך, — זאָגט דער לענדלאָרד מיסטער זוסמאַן, — אָבער דאָס מאָל וועט דאָס דאַרפן זיין אינגאַנצן אַנדערש.

— אַנדערש, ניט אַנדערש, — טענה׳ט עליע דאָס זייניגע, — אָבער אַ סוכה וועט זיין?

— עס וועט זיין, — שאָקלט צו מיטן קאָפּ מיסטער זוסמאַן, — אָבער מיט אַנדערע באַדינגונגען. דאָס יאָר וועט די סוכה מוזן זיין פון נייע ברעטער, און טאַקע שטאַרקע. עס מוז זיין אַ פענצטער, וואָס זאָל מיר ניט פאַרשטעלן

די ליכט אין מיין וואַש־צימער. דערצו וועט איר דאַרפן מאַכן מיט אַזאַ דאַך, וואָס אַז מ'וויל עפנט מען און אַז מ'וויל פאַרמאַכט מען.

ר' עליע איז געשטאַנען מיט די פינגער פאַרקלעמט אין דער באָרד און מיסטער זוסמאַן האָט געהאַלטן אין איין דיקטירן די באַדינגונגען:

— איר וועט אויך דאַסמאָל דאַרפן מאַכן אַ שטיקל פונדאַמענט, דאָס וואַסער זאָל ניט פאַרהאַלטן ווערן אַרום הויז, און טאַקע זען צו באַפעסטיגן די ווענט, אַז די סוכה זאָל בלייבן שטיין איינמאָל פאַר אַלעמאָל. איך וויל ניט לאָזן אַלע יאָר קלאַפּן טשוועקעס אין מיינע ווענט... דערפאַר זעט איר, — קלינגט־אונטער מיסטער זוסמאַן מיטן קליינגעלט אין קעשענע, — וועל איך אייך פון איצט און ווייטער, אַז מיר'ן דערלעבן איבעראַיאָר סוכות, ניט רעכענען מער ווי פאַר איין וואָך עקסטרע דירה־געלט און איך וועל שוין אַ גאַנץ יאָר אַכטונג געבן, אַז די סוכה זאָל ניט איינפאַלן...

ר' עליע האָט זיך געלאָזט קאָסטן דאָס געלט. געטראַכט האָט ער, אַז עס איז טאַקע בעסער ער זאָל זיך פאַרזיכערן פאַר דער צוקונפט, ווייל ווי אַ זאַך מאַכט זיך און עס קויפט אָפּ די הויז איינער וואָס איז גאָר אַן אַנטי־סעמיט? איז טאַקע בעסער, אַז מ'שטעלט אַוועק פיר ווינקלען און מ'איז זיכער פאַרן מאָרגנדיגן טאָג. ווייל, ווי זאָגט מען, זיי אַ מענטש וועסטו עסן אין סוכה...

עליע האָט אויסגעבויט אַ סוכה, וואָס אַלע אידן פון דעם געגנט זיינען געקומען באַוואונדערן. אין די אַכט טעג, וואָס ר' עליע איז געזעסן אין דער סוכה, האָט ער אַלע טאָג געהאַט געסט, וואָס פלעגן קומען אָנקוקן דעם „פּאַלאַץ", וואָס ר' עליע האָט זיך געלאָזט אויפבויען פאַר סוכות...

אומרואיג איז עליע געוואָרן, ווען דעם לעצטן טאָג סוכות האָט ער באַ־מערקט ווי זיין לענדלאָרד, מיסטער זוסמאַן, האָט אויפגעהאַנגען אַ שילדל אויף דער טיר פון הויז: „שיינער צימער צו פאַרדינגען, באַזונדער אַריינגאַנג, ביליג רענט."

גלייך נאָך יום־טוב האָט דער לענדלאָרד אַריינגעשטעלט אין סוכה אַ בעט, אַ טישל און אַנדערע נויטיגע שטוב־זאַכן, און פאַרדונגען די סוכה צו אַ יונג פּאָרל.

ערב דעם היינטיגן סוכות, האָט ר' עליע גע'טענה'ט, אַז ער דאַרף די סוכה פאַר זיך. דאָס יונגע פּאָרל וויל אָבער פון גאָרניט וויסן. זיי האָבן באַ־צאָלט דירה־געלט און זיי טענה'ן, אַז זיי האַלטן פון סוכות אַ גאַנץ יאָר. דער לענדלאָרד, מיסטער זוסמאַן, ווידער, האָט אָנגעהויבן מוסר'ן ר' עליע'ן: ס'איז

ניט שיין פון אַ פרומען אידן צו וועלן אַרויסשטעלן אַ יונג פּאָרל אין גאַס, צוליב אַזאַ קליינקייט, ווי וועלן עסן אין סוכה...

ר׳ עליע איז געלאָפן, געקלאַפּט אין די טירן פון שכנים, פון באַקאַנטע, און ענדלעך האָט דער לענדלאָרד מיסטער זוסמאַן צוגעשטימט צו פאַרלאָזן זיך אויף דעם פּאָליטישן פון דער געגנט: וואָס ער וועט באַשטימען, וועט ער דורכפירן.

דער פּאָליטישן האָט אויסגעהערט די אַלע טענות פון דעם לענדלאָרד און דעם אַלטן אידן, ר׳ עליע. פאַרשטייט זיך, אַז דער פּאָליטישן האָט זיך גערעכנט מיט דעם וואָס עס איז ערב די וואַלן, און ער האָט געפּרובירט זיין גוט צו אַלע צדדים. האָט ער אַרויסגעגעבן אַזאַ פּסק: ר׳ עליע איז גערעכט, עס קומט אים די סוכה, נאָר אַזוי ווי איצט גייט צו ווינטער און ס׳איז שווער צו קריגן אַן אַפּאַרטמענט, זאָל ר׳ עליע דערלויבן דאָס פּאָרל צו וואוינען ביז פסח, ווען עס ווערט וואַרעמער, און — אויף שבועות זאָל די סוכה זיין ליידיג פאַר ר׳ עליע׳ן...

ניטאָ קיין אַפּעטיט

די רובינס זיינען שוין ביידע עלטערע מענטשן; זעען שוין די קינדער, אַז זיי זאָלן זיין וואָס מער אין דער קאָונטרי, זומער אין די בערג, און ווינטער — אין לעיקוואוד. עס איז טאַקע געזינטער פאַרביידן — סיי פאַר די קינדער, סיי פאַר די עלטערן.

ווי גיך די רובינס קומען אין קאָונטרי, ווילן זיי זיך אונטערגאַרטלען. זיי האָפן נאָך צו דערלעבן אַ נומער פון הונדערט און צוואַנציק, ווילן זיי טאַקע זיך פאַרגרייטן מיט אַביסל כוח, ווי עס זאָגט דער אַלטער רובין: „אַ מאַשין אָן גענאָלין קאָן ווייט ניט פאָרן...“

זעצן זיי זיך צום טיש, פּרובירן זיי זיך צוזען איינע די אַנדערע. ס'הייסט, ביידע באַקלאָגן זיך די גאַנצע צייט, אַז זיי האָבן ניט קיין אַפּעטיט.

— נעם אַ שטיקעלע לאָקס, — רוקט ער איר אונטער, — דאָס איז זייער גוט פאַרן אַפּעטיט.

— נעם דאָס שטיקעלע הערינג, — גיט זי אים אַ לייג אויפן טעלער אַ האַלבן הערינג מיט אַ צוויי רייפּטלעך ציבעלע.

— אָט דעם אַליין מוזטו אויפעסן.

— זעסט, אַז דו וועסט אויפעסן אָט דאָס טעצעלע קאַוויאַר, וועסטו זיכער קריגן אַ בעסערן אַפּעטיט.

— אַי, אַי, אַי, אָט דאָס האַלב־זויערע אוגערקע איז פאַר דיר אַ רפואה־שלמה!

— טו אַרויף אויף דעם אַ ביסעלע כריין, וועסטו געזונט ווערן.

אָט אַזוי פּרובירן זיי איינע די אַנדערע „אונטערשמירן“...

און ער, דער אַלטער רובין, שמירט איר טאַקע אָן צוויי שטיקלעך ברויט מיט פּוטער און לייגט עס אַוועק לעבן איר.

— וואָס שמירסטו מיר ברויט, אַז דו ווייסט אַז איך האָב בעסער ליב חלה!

— נו, נו, — באַרואיגט ער איר, — עס שוין אויף די צוויי שטיקלעך ברויט; דאָס דריטע וועט שוין זיין חלה...

די אַלטיטשקע רובין כאַפּט אויף גיך און שמירט אים אָן דריי פּלעצלעך מיט פּוטער.

— אַי, אַ געזונט אויף דיר! — צעשרייט ער זיך. — וואַ־וואַ־וואַ־ס האָסטו געטאָן? זעסטו ניט, אַז דאָ ליגט אַ גוט שטיקעלע פּאַמפּערניק?

— מילא נו, עס וועט דיר ניט פאַרשאַדן ביידע זאַכן. טו אַריין אין די פלעצלעך אַ שטיקעלע קרים־טשיז, אַט אַזוי, — —ווייזט זי אים אָן, — איצט לייג אַרויף אַ רומעניש פעפערל; דאָס איז דאָך מלא־טעם און ס׳מאַכט אויך אָן אַפּעטיט.

דער אַלטיטשקער גיט אַזוי אַ קוק אויפן טעלער און רופט אויס צום וועיטער:

— אינגעלע, אַ געזונט אויף דיר! דו ווילסט דאָך ניט, אַז אין אַ פּראָסטן מיטוואָך זאָל מען פאַסטן? מיין אַלטיטשקע, זאָלסטו וויסן, האָט ליב חלה, ברויט איז פאַר איר צו שווער...

דער וועיטער קוקט אויפן טיש און זוכט אַ שטיקל ברויט מיט די אויגן.

דער אַלטיטשקער רובין פאַרענטפערט דעם וועיטערס קוקעלע:

— פאַר נויט האָט זי, נעבעך, געמוזט עסן דאָס ברויט.

ווען דער וועיטער האָט צוגעבראַכט נאָך אַ קערבל מיט ברויט, חלה און פלעצלעך, האָט די אַלטיטשקע רובין אים בארואיגט:

— אַ דאַנק, זונעלע! עס וועט שוין איצט זיין גענוג...

ווען מ׳ברענגט צו דעם זופּ, גיבן זיך ביידע אַ פאַרקרים:

— אַי, שלעכט, — באַקלאָגן זיי זיך צו די אַנדערע געסט אַרום טיש, — ווען ס׳איז ניטאָ קיין אַפּעטיט...

זיי גיבן אַ זופּ אַראָפּ דאָס שיטערע און רופן צו דעם וועיטער:

— זונעלע, וואָס איז דאָס — זופּ, צי קאַשע? אויב זופּ, טאָ זיי אַ גוטינקער און גיס צו אַ ביסעלע פונעם שיטערן.

דער וועיטער ברענגט שוין צו פריש־אָנגעגאָסענע טעלער זופּ, וואָס גיסט זיך איבער די ברעגן.

איצט רעדן זיך איין די אַלטיטשקע איינע די אַנדערע צו פאַרזוכן פון דער געדיכטער קאַשע אינעם זופּ; זיי עסן און פאַסמאַקעווען זיך.

מיט אַמאָל גיט דער אַלטיטשקער רובין אַ מאַך מיטן פינגער צום וועיטער:

— זונעלע! דו מיינסט, מיר זיינען געקומען דאָ כאַפּן פיש, וואָס דו האָסט אונז געגעבן אַ „לעיק" מיט וואַסער. זאָלסט מיר געזונט זיין, זונעלע, גיב אַביסל פון דעם געדיכטן...

נאָכן זופּ נעמען ביידע זיך באַקלאָגן פאַר די אַרומיגע אויף דעם, וואָס זיי האָבן ניט קיין אַפּעטיט.

— ניטאָ די יונגע יאָרן, — זאָגט די אַלטיטשקע, — ווען מ׳האָט געקאָנט עסן וואָס עס האָט זיך געמאַכט. איצט איז מען איבערקלייבער, און קיין אַפּעטיט איז אַלץ ניטאָ...

— שייך ניטאָ? — שאָקלט ער צו מיטן קאָפּ. — אַז יעדן ביסן דאַרף מען שטופּן מיט געוואַלד.

— נעם, שרה׳לע, פון אַט־דעם־אָ! די זיס־און־זויער פּיקעלעך צעגייען זיך אין מויל, און מיט פליייש איז דאָס ווי פון איין שטעטל געקומען...

— און דו, חיים, — לייגט זי אים אַוועק אַ האַלב־זויערן טאָמאַט אויפן טעלער, — עס דאָס מיטן פליייש; דאָס מאַכט זייער אַ גוטן אַפּעטיט...

— ניין, ניין, ניין! — שאָקלט דער אַלטער רובין מיטן קאָפּ אויף ניין. — ביי מיר אַ ביסעלע כריין מיטן פליייש איז ווי אַ ביסעלע שנאַפּס צום פיש...

— דו אַלטער נאַר! — ווערט שרה׳לע כלומרשט אין כעס. — פאַרוואָס האָסטו טאַקע ניט אַרונטערגענומען אַ טראָפּן שנאַפּס פאַר אַן אַפּעטיט?

— דו מיינסט, שרה׳לע, אַז אַלע מאָל העלפט אַ שנאַפּס? — ענטפערט ער מיט באַדויערן. — איך דאַרף אַ סך מאָל מאַכן אַ שנאַפּס צו האָבן אַפילו פאַרן שנאַפּס אַן אַפּעטיט...

— ווייזט אויס, אַז אַזוי וועלן מיר זיך שוין מוזן מוטשען אַלע אונזערע יאָרן... — שאָקלט די אַלטע רובין מיט איר גרויען קאָפּ.

— אָבער צו מוטשען זיך דאַרף מען אויך האָבן כח, — נעמט ער איר שטופּן אַ שטיקל שטרודל אין מויל אַריין.

— חיים, אַ לעבן אויף דיר! — שטופּט זי אָפּ זיין האַנט. — דו ווייסט דאָך, אַז איך בין אין שטרודל ניט פאַרליבט. ווען זיי האָבן אַ שטיקל ספּאָנדזש־קעיק, מילא, וואָלט איך דאָס שוין גענומען אין מויל אַריין, אָבער שטרודל?
— גאָט באַהיט!

ווען דער ווייטער האָט צוגעבראַכט דעם ספּאָנדזש־קעיק, האָט זי פאַרזוכט דעם שטרודל און צוגעגעבן:

— חיים, דאָס מאָל ביזטו גערעכט. אַזאַ שטרודל מוז מען עסן אַפילו אָן אַן אַפּעטיט...

וועןביידע אַלטיטשקע האָבן זיך נאָכן עסן אַוועקגעזעצט אויפן פאָרטש אין די וויג־שטולן, האָבן זיי קוים געהאַט כח צו אָטעמען.

ווען די אינגערע אויפן פאָרטש האָבן אַ פרעג געטאָן די אַלטע רובינס צי זיי ווילן גיין פאַר אַ שפּאַציר, האָט שוין שרה׳לע געענטפערט פאַר ביידן:

— אייך, יונגוואַרג, איז גוט צו רעדן. איר דאַרפט ניט אונטערבעטן דאָס עסן, און ניט אונטערבעטן די שיך צום גיין. אָבער ביי אונז, קינדערלעך, אַז מ׳שמירט ניט, פאָרט מען ניט... ניטאָ קיין אַפּעטיט צום עסן, טאָ ווי קאָן מען האָבן כח צום גיין?...

אַ קלאָג פון אַ שרייבער

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָלט אייער פרוי געגאַנגען אויפוועקן דעם בוטשער פינף פאַרטאָג און בעטן אים, ער זאָל איר געבן צוויי פונט פלייש?

אַזוי האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן דער שרייבער לאַכנער, אַרויסגייענדיג פון קאָרידאָר פון הויז, און מיט זיין רחמנות־פּנים גענומען זיך פאַר מיר באַקלאָגן:

— פינף פאַרטאָג קלאַפּט מען מיר אָן אין טיר. איך לויף אַראָפּ פון בעט צעשראָקן, מיט אַ שוך אין דער האַנט:

— וואָס איז? וואָס איז געשען?

ביי דער טיר שטייט איינער פון די שכנים, מיסטער פּעלץ, די אויגן טרערן ביי אים און ער שטאַמלט:

— איך וויל, איר זאָלט אָנשרייבן אַ קריטיק אויף מיין ווייב.

— אַ קריטיק אויף אייער ווייב? — קוק איך אָן דערשטוינט דעם אידן.

— ערשטנס, — זאָג איך אים, — בין איך ניט קיין קריטיקער; צווייטנס, ווייס איך ניט, אַז אייער ווייב שפּילט טעאַטער; דריטנס, האָב איך פון אייך אַפילו ניט געקראָגן קיין איינלאַדונג מיט אַ פרייען „פּעס". טאָ וואָס פאַלט אייך איין פינף פאַרטאָג איך זאָל זיך זעצן און שרייבן קריטיקן?

מיסטער פּעלץ האָט אויסגעווישט אַ פּאָר טרערן פון זיינע אויגן און גענומען פּרובירן מיר צו דערקלערן:

— מיין ווייב, — זאָגט ער, — שפּילט ניט קיין טעאַטער. זי איז געשטאָרבן אויף אָן אמת'ן, היינט פאַרטאָג. וויל איך, איר זאָלט עפּעס אָנשרייבן וועגן איר.

— איר מיינט געוויס אַ נעקראָלאָג, — פּרוביר איך אים אַרויסהעלפן.

— איר קאָנט דאָס רופן ווי איר ווילט, אָבער שרייבט! מיין ווייב האָט עס כשר פאַרדינט.

דערקלער איך דעם אידן, אַז איך בין גאָרניט קיין נעקראָלאָג־שרייבער, פונקט ווי איך בין ניט קיין קריטיקער. איך בין אַ הומאָריסט, אַ מענטש וואָס לאַכט פון אַלץ. איר פאַרשטייט?

— אַלע חלומות צו אייער קאָפּ! — ווערט דער איד שוין בייז. — מיר גיסט זיך בלוט פון האַרצן, און אייך לאַכט זיך פון אַלץ. אַ שרייבער זיינט איר? אָן אַפּלאַכער זיינט איר!...

איז מילא, מאַכט זיך אַזאַ קאָמישע געשיכטע, קאָן מען לאַכן... — דער־ציילט ווייטער דער שרייבער מר. לאַכנער. אָבער וואָס וואָלט איר זאָגן אויף דעם ?

שטעלט מיך אָפּ אַ איד אינמיטן גאַס : — מיסטער לאַכנער, איר מוזט מיר טאָן אַ טובה. ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך שוין ניט קיין יונגערמאַן. אַ מענטש לעבט אַזוי לאַנג ביז ער גייט שלאָפן. וויל איך אייך עפּעס בעטן : אַזוי ווי איר זיינט אַ שרייבער, ווייס איך, אַז איר קענט די מלאכה. נאַט אייך פּאַפּיר און אַ גוטע פאַונטען־פּען און שרייבט מיר אָן אַ צוואה.

איך גיב אַזוי אַ מעסט־אָפּ דעם אידן, זען ווי גרויס איז זיין דימענט־שפּילקע, וויפיל וועגט זיין גאָלדענע קייט, און די הויפּט־זאַך, ווי גרויס איז זיין „קאָרפּאָרעישאָן". דערזען האָב איך אַ איד אַ חלוש, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן.

— פרעג איך אים, — דערציילט מיר אַלץ מיסטער לאַכנער, דער שריי־בער, — אין וואָס אייגנטלעך באַשטייט אייער פאַרמעגן, וואָס איר ווילט זיך דווקא באַזאָרגן מיט אַ צוואה ?

— ווי איר קוקט מיך איצט אָן, — ענטפערט מיר דער איד פּראָסט־פּשוט, — האָב איך גאָרניט. נאָר די ערשטע מינוט ווי איך מאַך־צו די אויגן, עפנט זיך פאַר מיר אַ פּאָליסי מיט טויזנט דאָלער, וואָס איז אויף מיין ווייב׳ס נאָמען. איז מילא, זי דאַרף איך סופאָרטן, איר געבן עסן און פון כל־טוב, אָבער מיט מיינע טויזנט דאָלער זאָל איך סופּאָרטן איר צווייטן מאַן, דאָס בין איך ניט מחויב. וויל איך אָפּשרייבן דאָס געלט — — —

— אָבער, — מאַכט דער שרייבער מיט אַ זויערער מינע, — צוואות שרייבט אַ לאָיער, און ווען איך וועל אייך מאַכן אַ צוואה, וועט דאָס זיין אויף לייטיש געלעכטער און ניט מער...

דער איד האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט : „אַט אַזוי קאָן מען קריגן אַ טובה ביי אַ אידישן שרייבער !..."

— אָבער דאָס איז נאָך אַלץ גאָרניט, — דערציילט מיסטער לאַכנער. — אַנומלטן זיץ איך מיר אַזוי אין אַ קאַפּעטעריע, קומט צו מיר צו אַ פּרוי מיט אַ היטעלע אויף אַ זייט : „מיר דאַכט זיך, אַז איר זיינט דאָס דער שרייבער, וועמען איך האָב לעצטע וואָך געהערט פאַרלייענען שיינע זאַכן אויף אידיש. וואָלט איך אייך זייער וועלן בעטן, אַזוי ווי איך קען ניט לייענען קיין אידיש, איז ווי גיך איר ווערט פאַרטיג מיט אַ מעשה, וואָס איר שרייבט אָן, כאַפּט זיך אַריין צו מיר אין אַפּאַרטמענט, מיר דאַכט זיך אַז איר וואוינט אין זעלבן הויז, און לייענט דאָס איבער פאַר מיר. מיין מאַן וועט אייך אויך דאַנקען

פֿאַר דעם. ער גראָד קאָן לייענען, נאָר ער איז זייער קאַרג. אַ ניקל, זאָגט ער, קאָן ער האָבן פֿאַר קאַר־פֿעיר, אַנשטאָט קויפֿן אַ צייטונג.״

אַט אַזוי ווי איר זעט, דאַרף איך שוין פֿאַר מיינע שכנים שרייבן און לייענען. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ גאָרניט, זאָגט מיסטער לאַכנער. דאָס שענסטע מעגט איר הערן:

מיר האָבן לעבן הויז אַ צייטונג־פּאַרקויפֿער, בעט ער מיך איינמאָל אַ קליינע טובה: „אַזוי ווי איר גייט דאָך פֿון אייער צייטונג־אָפֿיס גלייך אַהיים, וויל איך אייך בעטן, זייט אַזוי גוט און ברענגט מיר אַלע טאָג אַ פּעקל מיט צייטונגען, וועט איר האָבן עפּעס אויפֿגעטאָן פֿאַר דער צייטונג, און איך וועל דערווייל זיין פֿון די ערשטע צו ברענגען די נייעס צו אונזערע שכנים.״ ווען איך האָב אים געענטפֿערט, אַז ווען איך זאָל טראָגן צייטונגען, וואָלט איך דאָך געמאַכט אַ לעבן און ניט געדאַרפֿט זיין קיין שרייבער, האָט ער מיר גע־ענטפֿערט קורץ און שאַרף: „אַ שיינער שרייבער זיינט איר, אַז איך אַרט גאָרניט פֿאַר די לייענער!...״

— און איצט מעגט איר הערן דאָס טרויעריגסטע, — האָט מיסטער לאַכנער פֿאַרריכט די אויגן־גלעזער אויף זיין נאָז און גענומען דערציילן:

מיט אַ פּאָר טעג צוריק רופֿט מיך אָפּ די מיסעס פּלושקע. זי האָט, זאָגט זי, מיר צו דערציילן אַ מעשה, און איך וועל דאָס קאָנען באַאַרבעטן. נו, אַ שרייבער איז דאָך אַ בעלן אויף אַ געשיכטע, קום איך צו דער מיסעס פּלושקע. זי דערציילט און איך שרייב. פֿאַרענדיגט גוט, וואויל און פֿיין, נאָר ווי איך נעם זיך געזעגענען מיט איר און באַדאַנקען פֿאַר דער שיינער געשיכטע, קומט אָן איר מאַן.

אַזוי ווי איר מאַן איז זייער קורצזיכטיג, איז ער צוגעקומען זייער נאָענט צו מיר: „דאָס זיינט איר דער „פֿייערמאַכער״, וואָס פֿאַרברענט אַלע טאָג מיינע וועטשערעס? שוין אַזוי די צווייטע וואָך״, צעלאָזט ער זיך, „ווי איך עס אַלץ ניט־געקאָכט און ניט־געבאַקן, נאָר — פֿאַרברענט. דאָס ברענט אַזוי מיין ווייב׳ס ליבע צו אייך?...״

אַזוי ווי דער מיסטער פּלושקע איז קורצזיכטיג און ער האָט געוואָלט זיין זיכער צו טרעפֿן, האָט ער געוואָרפֿן אויף מיר דריי זאַכן מיטאַמאָל. דאָס אַש־טעצל און דאָס גלאָז זיינען געווען אַריסגעוואָרפֿן, אָבער דער לאָמפּ האָט געבראַכט ליכט . . . איך האָב דערזען דעם זיבעטן הימל...

נו, פֿרעג איך אייך, וואָלט אייך געפֿעלן צו האָבן פֿון אַ מעשה אַזאַ שוואַרצן סוף, איך מיין, אַזאַ שוואַרץ אויג? כ׳לעבן, ס׳איז טרויעריג צו זיין אַ שרייבער, און נאָך אַ הומאָריסט דערצו...

הערינג מיט קאַרטאָפל

די טוער פון דער סאָסייעטי האָבן זיך געדונגען איינע מיט די אַנדערע. דער מיטינג איז געווען גאָר אַ וואָרעמער, און געהאַנדלט האָט זיך, צי זיי זאָלן אָננעמען דעם לעקטאָר־גאַסט, וואָס וועט דורכפאָרן דאָס שטעטל אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, אָדער ניט.

איינער האָט גע׳טענה׳ט: מ׳קאָן ניט מאַכן קיין יום־טוב אין אַ פּראָסטן מיטוואָך. ערשטנס, וועט קיינער ניט קומען, און צווייטנס — וועט ניט זיין קיין פּאָרזיצער, ווייל מיטוואָך האַלט דער פּאָרזיצער פון דער סאָסייעטי, הער גאָלדטאָל, אָפן זיין געשעפטל ביז 10 ביינאַכט.

— אָנגענומען, אַז קיין פּאָרזיצער וועט ניט פעלן, און אויב עס זאָלן קומען מענטשן, איז מילא, וואָלט איך שוין אָנגענומען צו זיין דער פּאָרזיצער... — האָט פּרובירט באַרואיגן הער פּישמאַן. — אָבער, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — ווער וועט קומען אין אַ פּראָסטן מיטוואָך צו אַ לעקציע?

איז אַריינגעפאַלן אַ דריטער אין די רייד:

— דער בעסטער אופן צו ברענגען דעם עולם, לאָמיר מאַכן אַ „לעקטשור" און אַ קאָרטן־פּאַרטי. איינס מיט איינס וועלן מיר האָבן צוויי...

דער אַלטער דזשייקאָבס האָט זיך אויפגעשטעלט מיט זיכערקייט, ווי ער וואָלט שוין געוואוסט אין פאָראויס, עס זאָל זיין אַ לעקציע מיט אַ צובייס. ער האָט דערביי אַ שמייכל געטאָן — ביי אַ צובייס, איז וואָס קלענער דער עולם אַלץ גרעסער די שמחה...

באַלד האָבן זיך געיאָוועט מנדבים. איינער האָט צוגעזאָגט ברענגען שנאַפּס און קיכל, אַ צווייטער — הערינג, אַ דריטער — קאַרטאָפל. אין פינף מינוט איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ גאַנצער באַנקעט.

דער ערשטער, פּריינט לעוו, האָט אַלץ גע׳טענה׳ט דאָס זייניגע: ווער וועט קומען צו אַ לעקציע אין אַ פּראָסטן מיטוואָך?

פונדעסטוועגן האָט הער לעוו, דער ליבהאָבער פון קאַרטאָפל מיט הערינג, אָנגענומען אין דער קאָמיטע. זיין אַרבעט איז באַשטימט געוואָרן אויסצושטעלן די טישן, צוגרייטן די שטולן און — אַ טאָפּ פאַר קאַרטאָפל.

דעם אמת געזאָגט, האָבן זיך אַלע געשראָקן פאַר אַ לעקציע אין אַ פּראָסטן מיטוואָך. און איידער וואָס־ווען, האָט זיך יעדערער באַוואָרנט מיט אַן אַרגו־מענט אויף שפּעטער: צו וואָס? אַז יענער האָט געמאַכט אַ פאָרשלאָג און

מ׳האָט אים גוט־געהייסן, זאָל איך זיך שפּאָרן? זיי ווילן אַ לעקציע — זאָל זיין אַ לעקציע! װעלן קומען צען מענטשן — וועט זיין צען.

מיטוואָך אויף דער נאַכט האָט פּריינט לעוו אויסגעשטעלט אַ פּאָר טישן מיט אַ צען־צוועלף בענקלעך — און געוואַרט. ער האָט שוין געהאַט צו־געגרייט אַפילו אַ וואָרט פון חוזק פאַר די, וועלכע מאַכן זיך נאַריש מיט אַזוינע זאַכן ווי לעקציעס...

האַלב נאָך אַכט איז אַריינגעקומען דער ערשטער אַטריאַד מיט מענטשן. הער לעוו האָט זיי איבערגעציילט און גלייך געלאָפן אַריינברענגען נאָך עטלעכע שטולן, און איידער ער האָט די שטולן צעשטעלט איז אַריינגעקומען אַ צווייטער אַטריאַד.

פּריינט לעוו איז געבליבן שטיין פאַרטשמעליעט. עפּעס האָט זיך אים גענומען דאַכטן, אַז אַלע טראַמווייען, וואָס וועלן זיך אָפּשטעלן ביים זאַל, וועלן אַרויסוואַרפן און אַרויסוואַרפן נייע מענטשן.

ער האָט גענומען יאָגן דעם פאַרזיצער, גיכער צו עפענען דעם אָוונט, אַראָפּ׳פטר׳ן, און אַ סוף זאָל עס נעמען...

דער פאַרזיצער האָט געעפנט דעם אָוונט און פאַרגעשטעלט דעם לעקטאָר, און דערביי פאַרזיכערט, אַז די וועלכע וועלן בלייבן ביזן סוף, וועלן קיין חרטה ניט האָבן, ווייל — עס איז פאַראַן געננוג הערינג מיט קאַרטאָפל און נאָך גוטע זאַכן...

דער לעקטאָר האָט גענומען רעדן, נאָר אין מיטן פון זיין צעוויקלען אַ געדאַנק, האָט זיך גענומען אַריינלאָזן אַ שטראָם מיט מענטשן.

דער פאַרזיצער האָט גענומען קלאַפּן מיטן האַמער, אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן לעקטאָרס שולטער, ווי אים אָפּצושטעלן פון ווייטער רעדן, און ער — דער פאַרזיצער אַליין — האָט געגעבן אַן אָרדער פון דער פּלאַטפאָרמע: „שטעלט צו נאָך אַ טיש, און שניידט אָן נאָך אַ דריי הערינג.״ ער האָט דערביי מיט אַ וואונק און אַ מאַך מיט דער האַנט געהייסן דעם לעקטאָר פאַרזעצן.

דער לעקטאָר האָט זיך צעוואָרעמט אין זיינע רייד, און וואָס מער פּריינט לעוו האָט געקלאַפּט, טראָגנדיג די טישן מיט די שטולן, אַלץ העכער האָט דער לעקטאָר פּרובירט רעדן...

אין דער מיט פון אַ פּאַוזע, וואָס דער לעקטאָר האָט געמאַכט און געזוכט דערביי צו כאַפּן אַביסל לופט, האָט זיך אויפגעפּראַלט די טיר און — אַ נייע גרופּע מענטשן איז אַריינגעקומען.

דער פאַרזיצער האָט ווידער אַרויפגעלייגט די האַנט דעם לעקטאָר אויפן שולטער און געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דער לעקטאָר האָט פאַרכאַפּט און

האָט אויסגערופן: „נעמט אַריין נאָך אַ טיש און שטעלט צו נאָך אַ טאָפּ קאַרטאָפל...“

ווען דער לעקטאָר האָט געענדיגט רעדן און דער עולם איז געבליבן זיצן מיט אָפענע מיילער — האָט די גאַנצע קאָמיטע זיך איבערגעקוקט אַביסל פאַרשעמט.

— נו, וואָס זאָגט איר איצט? — האָט דער סעקרעטאַר פריינט קלינגל זיי אַ פרעג געטאָן מיט אַ צופרידענעם טאָן.

— ס'הייסט! — האָט פריינט לעוו אַרויסגעשאָסן מיט חוזק. — דאָס האָבן זיי צעעפנט די מיילער פאַר די קאַרטאָפל מיט הערינג...

— אָבער זעט, קיין עין־הרע, אַן עולם! — האָט די קולטור־טוערין פריינדין ראָזען שטאָלצירט.

— מניע! — האָט פריינט לעוו אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. — דאָס זיינען נאָר מענטשן, וואָס זיינען געקומען זען: ווער וועט קומען צו אַ לעקציע און מאַכן אַ יום־טוב אין אַ פּראָסטן מיטוואָך...

„אַמעריטשקע גנב״

איך האָב זיך אַלע מאָל געוואונדערט, פונוואַנען נעמט זיך דאָס ווערטל „אַמעריטשקע גנב״? וואָס איז, מ׳האָט עפּעס געפּאַקט אַנקל סעמ׳ען קריכן צו אַ פּרעמדן שופלאַד? צו אַ ווייבערישער באַנק? אָדער אפשר גאָר אים געפּאַקט האַלטנדיק אַ גע׳גנב׳עטן פיש אונטער די פליגל פון זיין פּרינץ־אַלבערט?

ניין, פון די אַלע גנבות ווייס איך ניט, נאָר פונדעסטוועגן האָב איך זיך גענומען לעצטנס אָנשטויסן פונוואַנען עס נעמט זיך דאָס „אַמעריטשקע גנב״. איצט הויב איך אָן צו פאַרשטיין.

מ׳שמועסט איצט אַ סך, אַז דער יקרות נעמט זיך פון דעם, וואָס עס ווערט אַ מאַנגל אין זאַכן, און אַז ס׳איז אַ מאַנגל — ווילט זיך. און אַז ס׳הויבט זיך אָן וועלן, ווילט זיך אַלעמען, און אַז אַלע ווילן — איז שוין ניט צו קריגן, און אַז מ׳קריגט ניט, דאַן — איז מען גרייט צו צאָלן אַלע פּרייזן. . . .

אַט וועגן דעם טאַקע, זעט איר, האַנדלט זיך דאָס — פּרייזן, פּרייזן, און פּרייזן.

ווען מ׳מוז צאָלן פאַר זאַכן הויכע פּרייזן, קוקט מען שוין ניט אויף דער וואָג, מ׳קוקט ניט אויף דער מאָס און אויפן קאָליר, — אַבי מ׳קריגט דאָס, וואָס מ׳קאָן ניט קריגן. . . . דער פונט פליַיש איז האַלב מיט ביינער און עס גיט זיך אַ הוידע אויף דער וואַגשאָל און ווייט פון פונקט . . . דאָס קעסטל סטראָבעריס, טאָמייטאָס אָדער טשעריס ווערט אונטערגעבעט מיט אַ סך פּאַפּיר, שטרוי און „באַטרימט״ מיט אַ פּאָר גוטע געזונטע פון זיי, און אונטן — צע־קוועטשטע, צעפוילטע, אָדער ניט־צייטיגע. אַזוי איז מיט דעם קאָליר: איר קויפט אַ פלאַש מילך, איז דאָס בלוי און ניט ווייס. די סמעטענע, ווידער, איז מילך. אַזוי איז מיט דעם שטיקל פּוטער, ס׳איז גרין און ניט געל. מיט איין וואָרט — ס׳איז „אַמעריטשקע גנב״. . . .

אַ גרעסערער וואונדער ווערט אויך דאָס, ווי אַזוי עס פּאַסירט אַזאַ נס: ווי גיך דער פּרייז ווערט אַרויפגעשרויפט, דערזעט איר גלייך אין די שויפענצטער, אַז ס׳איז שוין פאַראַן גענוג, לרוב, וויפיל איר ווילט, וויפיל אייער האַרץ גלוסט.

סטייטש, — מאַטערט מיך די פראַגע, — פונוואַנען ווייסט די קו, אַז ווי גיך מ׳האָט געהעכערט די פּרייזן, זאָל זי אָנהויבן צו געבן דאָבל־פּאַרציעס

מילך, אָדער פליש? ס׳קומט אויס ניט אַנדערש, ווי זי שטייט און וואַרט אויפן הויכן פּרייז, און אַז זי דערפילט ערגעץ אַז מ׳צאָלט מערער פאַרן פליש און מילך, הויבט זי זיך אָן צו בלאָזן, זי ווערט ברייטער ווי לענגער, אין קורצן — זי בלאָזט זיך ווי אַ פּרימאַדאָנע. איז דאָס ניט „אַמעריטשקע גנב״?

ווי אַזוי, צום ביישפּיל, דערוויסן זיך די הינער, אַז די מאַמעס גייט אויס דאָס חיות פאַר אַן אייעלע און — אַז מען איז גרייט צו צאָלן אַלע פּרייזן, אַבי צו קריגן? איז ווי גיך זיי דערהערן, ס׳איז אַרויף דער פּרייז, דערלאָזן זיי זיך אונטערצודריקן און — קוואַ־קוואַ־קוואַ, עס ליגט שוין די סחורה.

אָט דאָס איז „אַמעריטשקע גנב״.

אַזוי דערלאַנגען די קי מער מילך, ווי גיך מ׳לאָזט זיי וויסן אַז עס קאָסט שוין אַזויפיל און אַזויפיל אַ קוואָרט, אַנשטאָט די פּאַר־מלחמה׳דיגע פּרייז פון 9 סענט. וואָס דאַרפט איר מער, אַפילו דער גאָרטן מיט זיין פאַרשטיינערטער האַרץ, די פּרוכט־ביימער, וועלכע ליגן טיף אין דר׳ערד, זיי דערפילן זיך שטאָלץ מיט די הויכע פּרייזן און זיי צעבלייען זיך און צעוואַקסן זיך אין דער לענג און אין דער ברייט ווי גיך זיי דערזעען לייטישע פּרייזן. ווי איר זעט, אַבי געזונט און גאָלד, דערלאַנגט די ערד פון כל־טוב. אָט דאָס הייסט, ווי איר זעט נאָכאַמאָל, „אַמעריטשקע גנב״.

איצט אַז איר נעמט אָפּ אַ גרויסע „פּעי״ און אַז דער באָס צאָלט אייך נאָך דאָס אויס אין איינציגע דאָלער־בילס, קריגט איר, הייסט עס, אַ באַרג מיט געלט. איז די מעשה אַזוי: אויב איר קאָנט דאָס גלייך אַריינטראָגן אין דער באַנק און ניט רירן פון אָרט, איז דער דאָלער אַ דאָלער, דאָס הייסט הונדערט סענט, נאָך מיט אַ גראַשן פּראָצענט. אויב איר קאָנט קריגן אַ רעקאָמענדאַציע, אַ „טיפּ״ פון אַ „קלוגן״ קאָנגרעסמאַן, וואָס ווייסט וואו אַ טיר עפנט זיך — דאַן, זעט איר, איז שוין אייער דאָלער ווערט — גאָר ניט אָפּצושאַצן . . . נאָר — אויב, חלילה, איר דאַרפט אייער דאָלער צעבייטן אויף קליינגעלט, אַריינגיין אין גראָסערי, אין בוטשער־שאָפּ, אין מילך־סטאָר, אין פּרוכט־סטאָר? דאַן — דאַן בין איך אייך שוין ניט מקנא; דאַן, זאָלט איר מיר מוחל זיין, האָט שוין אייער דאָלער די ווערט — חי־סערעבראָם אין „טשייני״־געלט. נו, פרעג איך אייך, איז דאָס ניט „אַמעריטשקע גנב״?

איך בין אַנומלטן געשטאַנען דערביי, ווי אַ פרוי איז אַריינגעקומען אין קראָם מיט אַ פינפערל אין האַנט און אויסגערופן איר אָרדער, נאָר ווען דער קרעמער האָט צונויפגערעכנט, האָט דער אָרדער באַטראָפן זעקס דאָלער. די פרוי האָט געלאָזט שטיין דעם אָרדער און אַרויסגעלאָפן צום מאַן נעמען נאָך אַ דאָלער. נאָר, ווי גיך זי איז אַריינגעקומען צוריק — זאָגט איר דער

קרעמער, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות; ס׳איז איצט געווען דער סעילסמאַן און אים געזאָגט, אַז די פּרייזן וועלן זיך הייבן. דערווייל איז נאָך אַ סענט דאָ און אַ ניקל דאָ און — צוזאַמען איז שוין געוואָרן זיבן דאָלער מיט אַ קוואָדער.

— סטייטש! — צעקאָכט זיך די פרוי. — ווי איז דאָס מעגלעך, אין איין מינוט זאָל דער ביל אַזוי אויסוואַקסן?

דער קרעמער פאַרקנייטשט דעם שטערן און רעכנט און רעכנט, אָבער איר זעט דאָך, אַזוי איז דאָס, ס׳איז „אַמעריטשקע גנב״, עס וואַקסן די פּרייזן אונטער די הענט . . .

אין לעיקוואוד ביים לעיק

— פאלן זאל ער נאר ווי דער שניי! — קאכט זיך איינע א פרוי. — ברעכן זאל ער זיך ווי דער אייז; מיינע הינער־אויגן אים אויף דער נאז! אזא ליגנער, אזא שווינדלער, אזא זשוליק, אזא . . .

רופט זיך אן א מאן, וועלכער זיצט דערביי מיטן פנים צו דער פראסטיגער זון:

— ווי קאן מען דאס אזוי זיין אין כעס און שעלטן, ווען מ׳קומט אויף וואקאציע אין לעיקוואוד און מ׳צאלט אזעלכע שווערע געלטער פאר יעדער מינוט רו און פארגעניגן? איר זיינט געקומען זיך אפרוען, לאזט רוען אביסל אויך אייער טעמפעראמענט.

— איך שעלט דען? — גיט די פרוי א פאכע מיטן ברייטן ארבל פון איר מינק־קאוט. — מען מוז דאך ערגעץ זיך אביסל אראפרעדן פונעם הארצן... ווען איר האט מיינע צרות, בין איך גאר ניט זיכער, צי איר וואלט שוין איצט ניט געווען טאקע דא אין לעיק אונטערן אייז.

די אידענע לאזט שוין צורו איר שכנה און נעמט זיך צו דעם מאן:

— איך פרעג אייך, דארף ער ניט געבראטן ווערן ווי א סטעיק אויף ביידע זייטן? דארף ער ניט געהאקט ווערן ווי א לעבער? דארף ער ניט ווערן אפגעפליקט ווי א גאנז? אזא שווינדלער, אזא . . .

— אבער, ליבע פרוי, — פרובירט דער מאן פארשטעלן מיט זיין פוטער־נעם קאלנער די אויערן, — וועמען שעלט איר דאס אזוי, אייער אייגענעם מאן?

— מיין מאן? וואס קאן איך האבן צו אים? זאל ער ליגן אין זיין רו... ווען איך האב איצט א מאן, וועמען צו שעלטן, וואלט איך דאך ניט געדארפט ליגן אין לעיקוואוד, אין דעם מאנסטער האטעל, און פארפירט ווערן פון מיין באלעבאס, פון דעם גראבן מיסטער געגנשאר.

— אבער ווער זאגט דאס אייך, אז איך שעלט? — ווערט די אידענע אביסל ווייכער. — ווען ביי אייך איז אזוי אנגעדראליעט אונטערן פאר־קאוט ווי ביי מיר, וואלט איר אים מסתמא געוואונטשן, אז אלע ציינער זאלן אים ארויספאלן, נאר איינער זאל בלייבן פאר א צאן־ווייטאג.

— ווי איר קוקט מיך צו, בין איך אלע מיינע יארן, ווען מיין מאן, אלע־שאלעם, האט נאך געלעבט, יעדן ווינטער געווארן קיין פלארידע. און

ניט גלאַט געפאָרן. דער דאָלער, אַ לויב צו מיין מאַן, האָט מיר ניט געפעלט. פלעגט ער מיר שיקן בריוו אויף בריוו און טשעק אויף טשעק. בלייב אין פלאָרידע וואָס לענגער, פלעגט ער מיר האַלטן אין איין שרייבן. וואָס דאַרפסט איר מער? אויב עס האָט אַפילו ניט געשנייט אין ניו־יאָרק, פלעגט ער מיר מאַכן אין די בריוו אַזאַ שניי און אַ זאַווערוכע, עס פלעגט מיר אַזש קלאַפּן אַ צאָן אין אַ צאָן, אַזוי פלעגט ער מיר אָנשרעקן, אַבי איך זאָל וואָס לענגער פאַרברענגען אין פלאָרידע...

איך האָב שוין אין פלאָרידע, ווי איר קוקט מיך אָן, געוואוסט דעם נאָמען פון יעדן פערד און פון יעדן הונט ביי די „רעיסעס". איין הונט האָט מיך שוין, ווייזט אויס, אַזוי געקענט פּערזענלעך, ווען איך האָב אויף אים געוועט, אַז ער איז געשטאַנען און געקוקט און געקוקט אויף מיר מיט זיינע אויגן, און דערווייל זיינען די אַנדערע אַריין און ער — ניט...

אַז דער מאַן מיינער איז געשטאָרבן און איך האָב אָפּגענומען, אַ דאַנק גאָט, די פּאָליסי, האָב איך די ערשטע זאַך זיך געקויפט אַ מינק־קאָוט. פרעג איך אייך, וואָלט איר מיר געראָטן צו פאָרן אין פלאָרידע מיט אַ מינק־קאָוט? די זון ברענט דאָך דאָרט, ווי גאַנץ פלאָרידע זאָל זיין אַ בייגל־בעקעריי, און גאַנצענע טעג דאַרף מען גאָר טראָגן אַ בעידינג־סוט, ניט קיין מינק־קאָוט.

ווען איך האָב זיך צוזאַמענגערעדט מיט מיין שכנה, זאָגט זי, אַז צו מיין פיגור פּאַסט בעסער אַ מינק־קאָוט ווי אַ בעידינג־סוט, און ווען זי, זאָגט זי, איז איך, ס'הייסט אַן אלמנה מיט אַ פּאָר טולער, מיט אַ מינק־קאָוט, וואָלט זי גיכער געפאָרן אין לעיקוואוד ווי אין פלאָרידע.

אין דער מיט קומט אַריין מיין צווייטע שכנה און דערציילט אַזאַ גע־שיכטע: אירע אַ פריינדין איז געפאָרן קיין לעיקוואוד אויף וואַקאַציע, איז אין דעם האָטעל, וואו זי אזי איינגעשטאַנען, האָט זי זיך באַקאַנט מיט דעם „העד־וועיטער" און איינס און צוויי איז געוואָרן אַ שידוך, אַ פּאָרל פון גאָט. ער „טריט" זי איצט ווי דעם בעסטן „קאַסטימער", וואָס גיט אַ פינפערל אַ „טיפּ". ער האָט גלייך איר געלט אינוועסטעט אין אַ האָטעל, און — אויף אַלע ליבע געזאָגט געוואָרן! זי עסט דריי מאָל אַ טאָג.

טראַכט איך ביי זיך: פאַרוואָס זי יאָ און איך ניט? באַשליס איך — הייי־יאָר מוז איך פאָרן אין לעיקוואוד. כאַפּ איך אַ קוק אין די צייטונגען וועגן אַ פּלאַץ, און עס געפעלט מיר דער מאָנסטער האָטעל. לויט דעם אויסזען פון האָטעל, די צאָל פענצטער, דעם גרויסן פאָרטש, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אין פּלאַץ מוז זיין איינמאָל אַ „העד־וועיטער", און, פאַרשטייט זיך, די „וועיטערס" זיינען שוין אויך ניט אַבי ווער. דאָך זיינען פאַראַן מוזיקאַנטן,

אַקטיאָרן, און די געסט אין אַזאַ פּלאַץ זיינען שוין אויך גאָר פון אַן אַנדער סאָרט...

שרייב איך אַוועק אַ בריוול, פרעג אַן און קריג גלייך אַן ענטפער: אַלץ איז גוט. מיט איין וואָרט, די בעסטע עסנס, די בעסטע „רומס״, די בעסטע „וועיטערס״ און די בעסטע „ענטערטעינמענטס״. איך האָב מיר איינגעפּאַקט אַ פּאָר טשעמאָדאַנעס מיט זאַכן, מיר אַנגעטאָן מיין מינק־קאָוט און געקומען קיין לעיקוואוד.

איך באַטראַכט דעם האָטעל. יאָ, אַלץ ריכטיג, ווי איך האָב געזען אין דער צייטונג, און ווי ער, דער מיסטער געגשאַר, האָט מיר געשריבן. צאָל איך איין פּאָר צוויי וואָכן און פּאַק מיר אויס די זאַכן. מאַך זיך היימיש, פּוץ זיך צו, און אַז איך האָב דערהערט דעם גלאָק רופן צו וועטשערע, האָב איך געפילט, ווי איך וואָלט געהערט אַ גוטע אָפּערעטע.

איך גיי אַריין אין „דאַינינג־רום״ — גאָטעניו! הערט נאָר אַן אומגליק! אַלע „וועיטערס״ זיינען מיידלעך, און דוקא פון די סאַמע שענסטע. דער „העד־וועיטער״ איז גאָר אַ „העד־וועיטערין״, די „טשעמבער־מעיד״ — אַ פרוי, און אַפילו די מוזיקער — פיר מיידלעך מיט אַ דרייצן־יאָריגן אינגל — אַ באָראָ־באָנשטשיק...

נאָך וועטשערע גיי איך צו צו אים ווי אַ לעידי און זאָג אים, דעם מיסטער געגשאַר, אַז איך וויל זיך „אויסטשעקן. איך האָב פיינט, זאָג איך אים, אַז מ׳נאַרט מיך אָפּ, מ׳פּאַרפירט מיך.

קוקט ער מיך אָן, ווי איך וואָלט געוווען עפּעס אַ טשיקאַווע זאַך, און זאָגט מיר אַזוי: לעידי, מיר האָבן אַנאָנסירט, דאָ איז אַ האָטעל און ניט קיין שדכנים־ביוראָ... נו, פרעג איך אייך!

דער מאַן אויף דער באַנק האָט אַ שמייכל געטאָן צו זיך:

— היינט גיי ווייס צו וואָס אַ „העד־וועיטער״ קאָן זיך אַלץ אַרויספּאַרבעטן! אָט בין איך אַמאָל אויך געוווען אַ „העד־וועיטער״, נו . . .

— איר זייט געוווען אַ „העד־וועיטער״? — האָט די אידענע זיך ברייטער צעזעצט אויף דער באַנק. — איז וואָס־זשע שווייגט איר? איך פרעג אייך, דאַרף ער ניט ברענען ווי אַ סיגאַרעט? וואָס, איר האַלט מיט אים? איז אַ פייער אויף אייך אויך!

אַן אלמנה מיט דערפאַרונג

(פרויען־מאָנאָלאָג)

די מענער האָבן זיך איינגערעדט, אַז אַ יתומה און אַן אַלמנה איז אַ מצוה צו קנייפּן, איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן, אין די באַקן. איך בין שוין אָבער אַן אלמנה מיט דערפאַרונג, שוין אַ געוואַשענע און אַ געצוואָגענע, ביי מיר קאָן אַ מאַן ווינציג וואָס אויספירן, סיידן — מיר מאַכן נאָך אַמאָל פאַר אַן אַלמנה...

ווי איך הער, זיינט איר אויך אַ וויסטע אלמנה, אַזוי ווי איך. נאָר פאַר־קערט רעדנדיק, איז מיר גאָרניט אַזוי וויסט ווי איר קאָנט זיך דענקען. חוץ מיין שאָדן, אויף אייך געזאָגט! ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך שוין באַגראָבן דריי מענער, און צו קיינעם ניט דערלייגט... ווי זאָגט מיין שוועסטער: מיר לעבן איצט אין אַזאַ וועלט, אַז מיר קאָנען נאָר לעבן מיט יענעמס טויט...

איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: וואָלט איך אפשר ניט געווען אַזאַ איבער־קלייבערין, וואָלט איך שוין איצט געווען אַן אלמנה פון אַ פערטן מאַן... אָבער דענקט ניט, חלילה, אַז איך בין דאָס אַזאַ מלאך־המות, אַ באַגראָבערין. עס איז אַזאַ לאַגע, אַז מ׳אַקערט מיטן נאָז די ערד, גראָבט מען אויס אַ רעטעך...

ווי איר ווייסט, ברענגען אום די מלחמות די אינגסטע מענטשן; די ביקס, ווי די קאָץ, נעמט זיך אַראָפּ די סמעטענע. איז וואָס בלייבט דער וועלט? — אַ ביסל אַלטוואַרג... נו, קאָנט איר זיך שוין פאַרשטעלן, וואָס עס פאַלט אויס אויף מיין מזל — אַן אַלטער איד, צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי איך. איז ווייסט איר דאָך, גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה. האָט אַזאַ אַלטער מאַן אַ פּעקל יאָרן און אַ פּעקל אין באַנק...

דאָ, פאַרשטייט איר מיך, דאַרף מען שוין האָבן אַ ביסל דערפאַרונג; אַז ניט, קאָן אַרויסקומען, ווי מ׳זאָגט, עסן געפילטע פיש און האָבן אַ ביין אין האַלז...

אַנומלטן האָב איך זיך באַקאָנט מיט אַ מאַן, וואָס אויף זיין פאַרמעט־פּנים האָט מען שוין געדאַרפט שרייבן מזוזות, צו קאָנען אים אַ קוש טאָן... דערצו נאָך אַ ביסעלע אַ לאָמע פוס, אָבער דער שכל איז נאָך גראָד גלייך ביי אים. אַ סימן, אַז צווישן די אַלע ווייבער האָט ער געוואָרפן אַן אויג אויף מיר. ווייזט אויס, אַז דער איד האָט געאַרבעט אין אַ שניט־קראָם — ער פאַרשטייט זיך אויף סחורה...

אַ וואָרט צו אַ וואָרט, זאָגט ער מיר, אַז ער איז אַ רייכער מאַן, „רע־טאַיערד“ פון אַ גרויסן פּאַר־שאַפּ, און איצט לעבט ער פונעם גרייטן. פאַראַן ביי אים געלט ווי בלאָטע. ער האָט זיך, אַ דאַנק גאָט, פאַרגרייט ביז הונדערט און צוואַנציג יאָר. און מיר, זאָגט ער, וועט אויך ניט פעלן פון פויגל־מילך...

דערקלער איך אים גלייך פּראָסט און פּשוט, אַז איך בין ניט קיין פויגל, וואָס לעבט אויף פויגל־מילך... אויב, זאָג איך, ס'איז אמת ווי איר זאָגט, אַז געלט איז בלאָטע, טאָ לאָמיר טאַקע זען, איר זאָלט מיר געבן אַ „דעפּאָזיט“, אַ חתונה־מתנה, עפּעס אַ גוטן מינק־קאָוט אָדער אַ לייטישן שטיינדל!

דער איד גיט זיך אַזוי אַ קרומען שטעל אויפן גלייכן פוס און צעשרייט זיך:

— מיסעס לעבן, וואָס מיינט איר, איך בין דאָ אויף אַ יאַריד? איך בין ניט קיין פערד־הענדלער, בין איך ניט. און ווייסט איר, אַז די היינטיקע פּאַר־קאָוטס איז קיין פּאַר ניט, ווייל די חיות זיינען קיין חיות ניט, אַלץ איז מאַשינאָווע. און צווייטנס, — האָט ער שוין צוגעוואונקען מיט אַן אויגל פון הינטער די ברילן, — אויב אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג, וועלן מיר פאַרן פאַרענדיגן די יאָרן אין קאַליפאָרניע, און דאָרטן, אַ לויב גאָט, דאַרף מען ניט קיין פּאַר־קאָוט, דאָרטן איז גענוג אַ בעידינג־סוט...

איך דאַרף אייך שוין געוויס מער ניט דערציילן, אַז איך האָב אים געשיקט אויפן אייז... איך האָב גלייך געזען, אַז דאָס איז פון די מענטשעלעך, וואָס האָבן ליב צו זען די פּרוי נאַקעט, אָבער ניט קויפן איר אַ פּאַר־קאָוט, עפּעס אָנצוטאָן. און וועגן אַ קייטל, אַ שטיינדל, אויך דאָס אייגענע — ביים לעבן וועט ער געבן קייטלעך דער ווייב, איר צו פּענטען, און אַ שטיין — קאָן מען ביי אים קריגן נאָכן טויט — אַ מצבה...

איך בין גראָד לעצטע וואָך געוועזן צו זיין לויה, און אַלע האָבן גערעדט, אַז ער איז שטיין־רייך — געשטאָרבן פון גאַל־שטיינער... און דעם פאַרמעגנס האָט ער מיטגענומען אין דר'ערד אַריין. זאָל ער זיך ליגן אין זיין רו, און זאָל אויף אים וואַקסן פּראָצענט...

איר פאַרשטייט, היינטיגע צייטן אַן אלמנה מוז זיין ניט נאָר שיין, נאָר אויך פּראַקטיש. מ'דאַרף וויסן מיט וועמען יאָ צו רעדן און מיט וועמען ניט. אָט זיץ איך מיך אַזוי ביים לעיק, און עס שאַרט זיך צו צו מיר אַ מאַן מיט אַ וועדנטקע אין האַנט, און פאַרפירט גלייך אַ שמועס:

— איר כאַפּט אַמאָל פיש? — פרעגט ער.

— ניין, — ענטפער איך, — איך קויף שוין־געכאַפּטע.

— און איך, — זאָגט ער, אַז איך כאַפּ אַליין, ווייס איך אַז דאָס איז פריש און גוט.

— אייך איז גוט, — זאָג איך, אַז איר קאָנט כאַפּן פיש, אָבער איך בין ניט קיין כאַפּערקע.

ווערט ער גלייך היימיש און זאָגט אַזוי:

— אַ גרויסער קונץ צו כאַפּן! אָט אַזוי נעמט מען, און מ׳גיט אַ כאַפּ.

ער רעדט ניט קיין סך, און כאַפּט מיך אַרום און גיט מיר אַ קוש.

— מיסטער, — זאָג איך אים, — איר זיינט ניט קיין פיש־כאַפּער, איר זיינט אַ שאַרק, און איר וועט באַלד ביי מיר זיין צוריק אין וואַסער...

אַ צווייטער מאַן, וואָס איז געזעסן דערביי, האָט מיר גלייך געמאַכט אַ קאָמפּלימענט:

— איר האָט דעם נאָכאַל זייער פיין געענטפערט.

מיט אָט דעם מאַן האָב איך שוין אַרומגעשפּאַצירט איבערן בריקל, אַריין פאַר אַן אייז־קרים סאָדע. איך זאָג אייך, ער וואָלט שוין זיין ביים וועג... נאָר אויף מיין שלים־מזל איז ער ניט קיין רייכער און ניט קיין אלמן — האָט אַ ווייב מיט זיבן קינדער... און פאַר דעם אייז־קרים האָב איך געמוזט אַליין באַצאָלן, ווייל ער האָט געלאָזן זיין טייסטערל אין דער היים...

אָט, ווען איך בין איר, וואָלט איך קיינמאָל ניט אַרויס פאַר אַ שפּאַציר אין „סלעקס״. מענער האָבן פיינט, אַז פרויען טראָגן די הויזן. איך, זעט איר, בין שוין פּראַקטישער. איך לאָז די מענער טראָגן די הויזן, נאָר איך וויל אַ צוטריט צו די קעשענעס.. ווי אַ זאַך מאַכט זיך, זאָל איך ניט בלייבן אויף גאָט׳ס באַראָט...

איך זאָג אייך, אויב איר וועט ניט זיין פּראַקטיש, וועט איר חתונה האָבן, נאָר אַנשטאָט איר זאָלט בלייבן אַ לייטישע אלמנה, וועט ער בלייבן אַ לייטישער אלמן.

איר פאַרשטייט, אַ קלוגע באַלעבאָסטע דאַרף וויסן ניט נאָר ווי צו קאָכן, נאָר אויך ווי צו סערווירן...

פרעגט ניט קיין עצות ביי אַ נאַר...

געוויס האָט שימעלע ניט איינמאָל געהערט זיין באָבען און מאַמען זאָגן: אַ מיאוס מיידל זאָל מען ניט אַ קוש טאָן ביי אַן אָרעמאַן זאָל מען קיין געלט ניט לייען און ביי אַ נאַר ניט פרעגן קיין עצות...

נאָר ווי גיך שימעלע האָט זיך באַקאַנט מיט טעמע׳ן, וועלכע איז ווי פון גאָט געשטראָפט געוואָרן צו זיין ניט קיין שיינע, אָדער טאַקע גאָר־גאָר אַ מיאוסע, האָט ער ביים געזעגענען זיך מיט איר אָריינגע׳גנב׳עט אַ קוש.

איז, דאַכט זיך, קיין נייעס ניט, אַז אַ בחור זאָל אין גוטער שטימונג ביים געזעגענען זיך מיט אַ מיידל איר געבן אַ קוש. ביי טעמע׳ן איז דאָס אָבער אַ נייעס. און אויף מאָרגן איז די נייעס צעטראָגן געוואָרן איבערן שטעטל. אַלע שכנים האָבן אָנגעוויזן מיטן פינגער: איר זעט אָט דעם שימעלע׳ן? ער האָט אַ קוש געגעבן טעמעלע׳ן, און ניט נאָר אַ קוש, ער האָט איר אויך צוגעזאָגט חתונה צו האָבן מיט איר און פאַרגרעסערן די משפּחה.

דער קלאַנג איבערן שטעטל, אַז ער האָט איר אַ קוש געטאָן, האָט אים אַזוי ניט געאַרט ווי דאָס, וואָס מ׳זאָגט שוין אויך אַז ער וועט חתונה האָבן מיט איר, מיט טעמע׳ן. דאָס האָט אים שטאַרק וויי געטאָן, ווייל געטראַכט האָט ער, און נאָכמער ווי געטראַכט, נאָר טאַקע ליב געהאַט האָט ער גאָר די שיינע שרה׳לע דעם בעקער׳ס. און שרה׳לע, ווען זי האָט געהערט די נייעס, האָט שוין מער ניט געוואָלט קוקן אין שימעלע׳ס ווינקל.

אַ פאַרצווייפלטער, איז שימעלע אַוועקגעלאָפן צו זיין חדר־חבר סרוליק און זיך פאַר אים פאַרטרויט פון זיין גרויסן אומגליק, פון דעם בראָך וואָס האָט אים געטראָפן, און אַז דער איינציגער וועג ווי ער קאָן זיך ראַטעווען איצט, איז נאָר קומען מיט אַ בוקעט בלומען צו שרה׳לען, פאַלן פאַר איר אויף די קני און קושן דעם זוים פון איר קלייד דריי מאָל, וועט זי אים אפשר פאַרגעבן.

סרוליק האָט פאַרשטאַנען און דערפילט די טרויעריגע לאַגע פון זיין חבר שימעלע, און ער האָט באַשלאָסן צו באָרגן אים דעם לעצטן דאָלער וואָס ער האָט געהאַט אין קעשענע, צו קויפן בלומען און זיך ראַטעווען.

אַ גליקלעכער איז שימעלע געלאָפן אין בלומען־קראָם צו קויפן די בלומען, און אַ פריידיגער איז סרוליק געלאָפן אָנזאָגן זיינע פריינט און באַקאַנטע

ווי אַזוי ער האָט איצט מיט זיין לעצטן דאָלער געראַטעוועט אַ מענטשן פון טויט, צי דאָס וואָלט געווען דורך הענגען, טרינקען אָדער שיסן זיך.

ווען שימעלע האָט געטראָגן די בלומען, האָבן אַלע אין גאַס שוין געטייטלט מיט די פינגער. אַלע האָבן שוין געוואוסט, אַז דאָס גייט ער זיך איבערבעטן מיט שרה׳לע דעם בעקער׳ס. אַלע האָבן געוואוסט, אַז סרוליק האָט אים געגעבן דעם לעצטן דאָלער פאַר דעם צוועק. און ניט שייך אַלע, אויך שרה׳לע האָט שוין געהערט פון די קונדן אין קראָם דאָס איבעררעדן צווישן זיך, און מיט אַ טאָן פון חוזק.

ווען שימעלע איז ווי אַ פאַרשולדיגטער אַריינגעקומען צו איר מיט די בלומען אין האַנט, האָט זי אים באַגעגנט מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל און געהייסן טראָגן די בלומען צו טעמע׳ן: „בלומען גיט מען דער מיידל, וועלכער מ׳גיט די קושן...“ און אַ לאַכנדיגע איז זי אַריינגעלאָפן צוריק אין קראָם אַריין.

אַ פאַרזאָרגטער איז ער אַוועקגעלאָפן צו זיין פעטער כייקלען, פרעגן אַן עצה וואָס צו טאָן. ער ווייס, אַז זיין פעטער כייקל איז טאַקע באַקאַנט צו אַלעמען ווי דער שטאָט־נאַר, אָבער אַ פעטער איז אַ פעטער, און דערצו נאָך אַן עלטערער מענטש, קאָן מיט זיין דערפאַרונג געבן אַ עצה.

שימעלע האָט פאַרן פעטער אויסגעגאָסן זיין גאַנץ האַרץ מיט צרות און ווייטאָגן. ער האָט אים איבערגעגעבן ווי אַזוי ער האָט ליב שרה׳לען און פאַרוואָס ער האָט אַ קוש געטאָן טעמע׳לען. און ווי אַזוי ער האָט זיך געוואָלט מיט שרה׳לען איבערבעטן און זי האָט אים אַרויסגעטריבן.

— איצט, פעטער לעבן, — האָט ער כמעט ווי געוויינט, — רעדט דאָס גאַנצע שטעטל פון מיר. אַלע לאַכן פון מיר פאַר קושן אַ מיאוס מיידל, אַלע לאַכן פון מיר פאַר נעמען דעם לעצטן דאָלער פון מיין חבר סרוליקן צו קויפן בלומען פאַר שרה׳לען. וואָס טוט מען, פעטער, אַז די מענטשן זאָלן אויפהערן צו רעדן וועגן מיר?

דער פעטער כייקל האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן, געטראַכט און געטראַכט אַזוי קוקנדיג אויף שימעלע׳ן. ענדלעך רופט ער זיך אָן אַזוי:

— ווילסט מיר פאָלגן? גיי גלייך און האָב חתונה מיט טעמעלע׳ן. וואָרים אַז דו וועסט חתונה האָבן מיט שרה׳לען, וועלן אַלע זאָגן: זעט נאָר וואָס פאַר אַ פאַרזעעניש שרה׳לע האָט גענומען פאַר אַ מאַן... אָבער אַז דו וועסט חתונה האָבן מיט טעמעלע׳ן, וועט מען זאָגן: זעט נאָר וואָס פאַר אַ פיינעם שידוך טעמע האָט געטאָן! זי האָט דאָך שימעלען פאַר אַ מאַן... איז אויב שוין רעדן וועגן דיר איבערן שטאָט, זאָל מען רעדן גוטס...

נאָכדעם ווי שימעלע האָט געפאָלגט זיין פעטער און חתונה געהאַט מיט

טעמעלע׳ן, האָט מען איבערן שטעטל אַזויפיל גערעדט, געלאַכט און זיך אָנ־דערציילט מעשיות, אַז שימעלע האָט באַשלאָסן אַוועקצופאָרן אין אַ צווייטער שטאָט אַריין.

שוין זיצנדיק אין דער באַן, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ווי די גאַנצע שטעטל, גרויסע מענטשן און דאָס קליינוואַרג, לויפן נאָך די באַן און שרייען:

— שימעלע, געדענק וואָס די מאַמע און באָבע האָבן דיר אָנגעזאָגט: „אַ מיאוס מיידל זאָלסטו ניט אַ קוש טאָן, ביי אַן אָרעמאַן זאָלסטו קיין געלט ניט באָרגן, און ביי אַ נאַר זאָלסטו ניט פרעגן קיין עצות...“

זי האָט „פאַרקויפט“ דעם מאַן

ביי די ריווקינס אין הויז איז שטענדיק אָנגעגאַנגען אַ „קאַלטע מלחמה“. שטענדיק האָט ער זיך באַקלאָגט אויף דער קאַלטער אויפנאַמע, וואָס ער קריגט ווען ער קומט פון דער אַרבעט. די וועטשערע, וואָס זי דערלאַנגט צום טיש, איז שטענדיק קאַלט ווי אייז. רעדט זי צו אים עפּעס, איז דאָס נאָר וועגן פאָרן ווינטער אין לעיקוואוד, וואו זי האָט זייער ליב צו זען ווי יונגוואַרג גליטשט זיך אויפן אייז. און אויב זי האָט שוין אַמאָל געוואָלט אים ווייזן און געבן צו פילן אַ וואַרעם וואָרט פלעגט זי אים פרעגן: „דו ווילסט אייז־קאַווע, צי סעלצער מיט אייז־קרים?“

דערפאַר אָבער אַז דער מיסעס ריווקין איז אויסגעקומען אין גאַס צו רעדן אַ וואָרט וועגן איר מאַן, איז דאָס געווען צוקער־זיס, פול מיט ליבשאַפט און וואַרעמקייט. זי האָט געהאַלטן פון דער פּאָליסי, אַז שמוציקע וועש דאַרף מען ניט אַרויסטראָגן אין גאַס... ספּעציעל ווען זי האָט זיך באַגעגנט מיט דער מיסעס בראַנד.

די מיסעס ריווקין האָט מיט איר פּרוואַישן נעזל עפּעס דערשמעקט, אַז איר מאַן האָט אַ שוואַכקייט צו דער מיסעס בראַנד. ספּעציעל האָט ער אַלע מאָל צו זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן אירע לאָקעס און הייסן באָרשט, וואָס ער האָט אַמאָל געגעסן ביי איר, ווען זי, די מיסעס ריווקין, איז געווען אין קאַנטרי.

די מיסעס בראַנד איז אָבער גאָרניט אַזוי שטאַרק געווען באַגייסטערט פאַר דעם מיסטער ריווקין. זי האָט אים, ווייזט אויס, שוין גוט „אויסגעשטו־דירט“, אַזוי אַז זי האָט געוואוסט אַלע זיינע שוואַכקייטן, אַז ער איז קאַרג, און ניט נאָר אויף געלט, נאָר אויך אַפילו אויף אַ וואָרט אַרויסצוזאָגן. זי

האָט שוין אַפילו אויך געוואוסט זיין שוואַכקייט, אַז מיט יעדן קוש מוז ביי אים אויך קומען אַ קניפּ, וואָס דאָס האָט געוויזן, אַז ניט נאָר איז ער אַ קאַרגער, נאָר אויך ניט קיין פאַרגינער.

די מיסעס ריווקין האָט אָבער גענומען פאַרגלעטן איר מאַן פאַר דער מיסעס בראַנד, איר „פּאַרקויפן" די גרויסע מציאה, און איר מעטאָדע איז געווען ווי פון אַלע קלוגע געשעפטסלייט, פאַרלויבן די סחורה ביז אין הימל אַריין...

— ווען מיין מאַן קומט אַריין אין הויז פאַר'חלומ'ט, — שמועסט זיך די מיסעס ריווקין מיט אַ מינעלע פון אומשולד, — ווייס איך שוין, אַז ער פאַר־טראַכט עפּעס אַ נייע טעמע פאַר אַ דיכטונג. מיין מאַן האָט פיינט זיך צו באַרימען, אָבער איר וואָלט אים געדאַרפט הערן לייענען זיינע לידער. ער קאָן אַריינקומען אין הויז, אָפּזיצן רואיג אַזוי אַ שעה און צוויי, און דאַן וואָלט איר געדאַרפט הערן אַ שפּראַך, אַ געזאַנג! האָט איר שוין אַמאָל געהערט מיין מאַן זינגען? ווען ער זינגט אין הויז, שטעלן זיך אָן פייגעלעך אויפן פייער־עסקעיפּ אים צו הערן...

די מיסעס בראַנד קוועטשט מיט די פּלייצעס און הערט זיך ווייטער צו צו די שיינע רייד פון דער מיסעס ריווקין וועגן איר מאַן.

— איר מיינט, אַז אומזיסט האָב איך אים אַזוי ליב?... ניין, עס זיינען דאָ גוטע אורזאַכן. מ'דאַרף זיך דאָס קאָנען פאַרדינען. ווען אַנדערע מענער זעצן זיך אַוועק שפּילן קאַרטן, שענקען ניט קיין אויפמערקזאַמקייט צו זייערע פרויען, שפּילן און פאַרלירן זייערע אָרעמע פאַר דאָלער, איז מיין מאַן אויס־גערעכנט, ער פאַרגרייט זיך פאַר אַ רעגנדיגן טאָג... וואָס דאַרפט איר מער, ווען מיין מאַן גיט אַ קוש, איז דאָס מיט אַזוי פיל האַרץ און נשמה, אַז עס ווילט זיך עס זאָל בלייבן אַ נאָכקלאַנג ווי פון גוטער מוזיק... ווי אַן עכאָ פון אַ שיינער שטימע אין אַ וואַלד. איר זעט אָט דעם בלויען שיניאַק, — האָט די מיסעס ריווקין אָנגעוויזן, — דאָס איז אַן עכאָ, אַ נאָכקלאַנג פון אַ ליבן קוש...

די מיסעס בראַנד איז פאַר'כישופ'ט געוואָרן פון מיסעס ריווקינ'ס שיינע רייד, און נאָך וועגן אַן זשיגענעם מאַן. זי האָט ווי פאַר זיך גענומען זיך אַליין רופן נעמען און זידלען זיך, וואָס זי איז אַזוי פּראָסט און האָט ניט געוואוסט ווי אָפּצושאַצן אָט די איידעלע נשמה אין דעם מיסטער ריווקין.

זי האָט אָנגעהויבן צו פאַרטייטשן פאַר זיך, אַז אָט דאָס איז די אורזאַך, וואָס ער זיצט אָפּ לאַנגע שטונדן ביי איר, רעדט ניט קיין וואָרט, נאָר בעבעט עפּעס צו זיך אַליין. דאָס שאַפט ער, הייסט עס, אַזוי; דאָס דריקט ער אויס

אַזוי זיין ליבע צו איר דורך דיכטונג, נאָר זי, פּראָסטער קאָפּ, האָט דאָס ניט באַנומען.

יאָ, האָט זי זיך ווי געכאַפּט, זי האָט גראָד אַנומלטן אַליין געזען עטלעכע פייגעלעך ביים פענצטער, ווען ער איז געזעסן אויפן דיוואַן און זי געוואָלט אַ קוש טאָן...

די מיסעס בראַנד האָט זיך פּשוט געפילט ווי צו צערייסן זיך, פאַר איר ניט־שיינעם באַנעמען זיך צו ריווקינען, איר אָפּשטויסן אים פון זיך, ווען ער האָט זי געפּרוואוט אַ קוש טאָן...

נאָך עטלעכע אַזעלכע אינטימע, „פריינטלעכע" געשפּרעכן, וואָס די מיסעס ריווקין האָט געהאַט מיט דער מיסעס בראַנד, האָט מיסטער ריווקין גענומען באַמערקן אַלץ מער וואַרעמקייט צו אים פון דער מיסעס בראַנד, און אַלץ קאַלטער איז געוואָרן די מלחמה אין דער היים.

אין אַ שיינעם טאָג האָט מיסטער ריווקין פאַרלאָזן זיין היים און פרוי, און אַוועק וואוינען צו דער מיסעס בראַנד.

די מיסעס ריווקין האָט זיך געפילט גליקלעך און צופרידן וואָס די „קאַלטע מלחמה" האָט זיך ענדלעך פאַרענדיגט און זי איז פּטור געוואָרן פון דעם קאַלטן גזלן.

אין אַ צייט שפּעטער, ווען די מיסעס ריווקין האָט באַגעגנט די מיסעס בראַנד, פרעגט זי איר גאָר פריינטלעך, ווי קיין זאַך וואָלט ניט פּאַסירט:

— נו, ווי גייט עפּעס דאָס ניי לעבן? לייענט און שרייבט עפּעס מיסטער ריווקין נייע לידער? איך בין זיכער, — גיט זי אַזוי אַ זאָג מיט אַ ווינקעלע פון אויג פאַר זיך אַליין, — אַז אייער היים איז איצט פול מיט געזאַנג.

— יאָ, יאָ, — האָט מיסעס בראַנד פאַרשעמט אַ זאָג געטאָן, — ער אַליין זינגט דווקא ניט אַזוי פרייליך, נאָר איך האָב ביי אים יאָ צו זינגען און צו זאָגן...

אַ מיטל פּאַר שיינקייט...

ווען די לאַנדסלייט זיינען פאַרטיג געוואָרן ביים פּיקניק מיטן עסן, האָט מען זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז און, אַ וואָרט צו אַ וואָרט, האָט מאָריס קאַוקין, דערזעענדיק די פרויען מיט די נאַקעטע פּלייצעס ביז די טאַליעס, אָנגעהויבן רעדן אויף זיין באַליבטער טעמע — פרויען.

— גאָט זאָל אייך ניט שטראָפן מיט אַ פרוי אַ שיינקייט. ס'איז נאָך ערגער ווי מ'האָט די ערגסטע פּאַרזעניש.

— וואָס ווייסט איר וואָס אונזער לאַנדסמאַן מישאַ מושין מאַכט דורך מיט זיין שיינהייט! — הויבט אָן מאָריס קאַוקין דערציילן מיט אַן אָנשטעל פון מיטגעפיל צו מושינ'ען, נעבעך.

— זי איז אַמאָל, ס'הייסט טאַקע גאָר אַמאָל, געווען אַ שיינע אשה, די מאַשע, מישאַ'ס פרוי. מ'דערציילט אַפילו ווען איר ווי אַזוי מיט 62 יאָר צוריק האָט זיך אין איר פאַרליבט אַ גראַף צי אַ פרינץ און פון גרויס עגמת־נפש איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, דערפאַר וואָס זי איז אַוועק אין אַמעריקע און חתונה געהאַט טאַקע מיט מישאַ מושין. אַנדערע ווידער דערציילן, אַז דאָס האָט אים, דעם פּרינץ אָדער גראַף, זיין ווייב דער'הרג'עט. אַנדערע ווידער דערציילן, אַז ער איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, ווייל ער איז שוין געווען אַכט־און־זיבעציג יאָר אַלט.

נאָר ווי עס זאָל ניט זיין, איז די מאַשע מישאַ'ס געווען אַמאָל אַ שיינע און ביז היינטיגן טאָג קאָקעטירט זי נאָך מיט איר שיינקייט. וואו עס זאָל ניט זיין עפּעס אַ קאָנטעסט פון שיינהייטן, אַן אויסשטעלונג פון גראַציעזע פיגורן, איז מאַשע מישאַ'ס דאָ. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט זי עפּעס געוואונען אַ פּרייז אויף אַ פּורים־מאַסקאַראַד־באַל, וואו זי האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אסתר המלכה.

ווען זי איז אַרונטער אַ גליקלעכע פון דער פּלאַטפאָרמע, גיט זי אַ פרעג איר מישאַ'ן: „נו, וואָס זאָגסטו איצט?"

„וואָס זאָל איך זאָגן?" — ענטפערט ער. — „איך האָב דיר שוין לאַנג געזאָגט, אַז דו דאַרפסט אַרומגיין מיט אַ מאַסקע, וועסטו אויסזען אַזוי שיין ווי אסתר המלכה..."

— גאָר אַ שיינע זאַך האָט אָבער מיט איר פּאַסירט אַנומלטן, — צעלאַכט

זיך שטאַרק מאָריס קאָווקין. — ווען איר וועט הערן די מעשה וועט איר אויך לאַכן.

ניט לאַנג צוריק לייענט מאַשע מישאַ׳ס אין אַ באַרימטן זשורנאַל אַן אַרטיקל: „ווי אַזוי פּרויען קאָנען אויסזען שיין און יונג״. אין דעם אַרטיקל איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז כדי אויפצוהאַלטן די צאַרטקייט פון דער הויט אויפן פּנים און אויספרעסן די קנייטשן, זאָל מען טאָן דאָס פאָלגנדיקע: „וואַשט גוט אַרום דאָס פּנים, דאַן נעמט אַ פרישע איי, טיילט אָפּ דאָס ווייסל פון געלכל, רייבט איין דאָס פּנים פריער מיטן ווייסל, דערנאָך מיטן געלכל. איבער דעם פּאַרדעקט מיט אַ פעטן קרים. ליגט זיך אָוועק רואיג מיטן פּנים צו דער זון אויף אַ האַלבער שעה צייט, און ווען איר וועט אויפשטיין, וועט איר זיך פילן ווי ניי־געבאָרן.״

מאַשע מישע׳ס האָט דורכגעפירט דעם רעצעפּט פאַר שיינקייט גענוי, אַזוי ווי מ׳האָט דאָרט אָנגעזאָגט, אָבער נאָך מיט אַ סמיטשיק. וואָרים וואָס וועט זי ניט טאָן צו אויסזען שיין?

זי האָט צעקלאַפּט אָנשטאָט איין איי — אַ האַלבן טוץ, פריער זיך גוט אויסגעשמירט מיטן ווייסל, דערנאָך מיטן געלכל, טאַקע נאָר ווי אַ בעקער שמירט אַרום אַ שבת־חלה, און אַזוי ווי זי האָט ניט געהאַט גענוג קאָלד־קרים, האָט זי פאַרנוצט אַ האַלב פונט פעטס, זיך איינגעריבן ווי דער רעצעפּט האָט געבאָטן, און דאַן האָט זי אָנגעזאָגט איר מישאַ׳ן אַכטונג צו געבן אויפן זייגער, ווייל זי גייט זיך אָוועקלייגן אויפן דאַך מיטן פּנים צו דער זון.

מישאַ מושין איז געווען זייער צופרידן, וואָס זי גייט אים אָוועק פון די אויגן מיט דעם פאַרשמירטן פּנים. ער האָט איר צוגעזאָגט, צו לאָזן וויסן אין צייט, פּונקט צו די דרייסיק מינוט.

מישאַ האָט דערוויל פאַר זיך אַליין אָנגעשטעלט די ראַדיאָ, זיך צוצוהערן צו איינעם וואָס גיט לעקציעס וועגן מאָגן. מישאַ איז שוין אין דעם פּעריאָד, וואָס טאָג און נאַכט ליגט אים דער מאָגן אין קאָפּ.

ווען ער האָט ענדלעך אָפּגעריסן די אויערן פון דער ראַדיאָ און געוואָרפן אַ בליק אויפן זייגער, האָט ער ווי ניט מיט זיין קול אַ געשריי געטאָן: גוואַלד, זי מוז שוין זיין אַ פאַרברענטע! ס׳איז שוין מער ווי אַ שעה ווי זי באַקט זיך...

מיט אַלע כוחות איז ער אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך און גענומען זוכן אין די ווינקעלעך צווישן די אַנדערע פרויען, וואָס האָבן זיך גענומען אַ זון־באָד.

אין איין ווינקל איז ער שטיין געבליבן אַ פאַרגליווערטער און מיט אַ

פֿאַרכאַפּטן אָטעם געשריגן: „געוואַלד, מענטשן! פֿון מיין ווייב איך געוואָרן אַ פּיינקוכן...

פֿון אומעטום האָבן גענומען לויפֿן אָפּגעבראַטענע פּרויען, און אַז זיי האָבן דערזען מאַשע׳ן מיט אַ פּיינקוכן אויפֿן פּנים, איז ווידער געוואָרן אַ געלאַף. מ׳האָט גענומען טראָגן וואַסער, און אויל, און זאַלץ, און אַלקאָהאָל; איינע האָט געריבן, אַ צווייטע האָט געמאַכט קאָמפּרעסן, אַ דריטע האָט געשמירט. דער סוף איז געווען, אַז ווען מ׳האָט זי אַריינגעלייגט אין בעט, איז שוין איר פּנים, אַנשטאָט געל פֿון די אייער־געלכלעך — געוואָרן רויט ווי צונטער. זי האָט אויסגעזען ווי אַן אונטערגייענדיגע זון אין אַ שיינעם פֿאַרנאַכט... נאָר מיט פֿאַרברענטע אויגן, געבראָטענע ליפּן, און די באַקן פֿול מיט בלעזלעך, ווי אויף אַ מצה...

איצט רופֿט מען זי מאַשע פּיינקוכן, נאָר אַן איי טאָר זיך ניט ווייזן ביי איר אין הויז, טראָץ דעם וואָס עס גייט אויס צו מישאַ׳ס מאָגן.

„מיר פאַר דיר"

טעמע פלושקע איז אַ פאַרשטייערין פון דער שווערער אינדוסטריע... זי וועגט אַ קימאַ־לן (קאַימע־לאַן) פון אַרום צוויי הונדערט פונט. פאַרקערט ווידער, איז איר מאַן אָשר־נח אַ מענטש פון דער לייכטער אינדוסטריע... ער וועגט, שוין צוזאַמען מיט די לאַנגע אַרבל און דער נעכטיגער וועטשערע אויף די לאַצן, אַ הונדערט־מיט־צוואַנציק פונט.

פונדעסטוועגן זאָגט מען, אַז די פלושקעס זיינען אַ גלייכע פּאָר. זיי קומען־דורך זייער גרינג. אַפילו אויב עס דאַכט זיך עמיצן אויס, אַז ער האָט דאָס לעצטע וואָרט, דאָס הייסט, וואָס זי זאָל ניט זאָגן, האָט ער איין ענטפער: „יאָ, טעמעלע, ביסט גערעכט."

שכנים האָבן ליב צו דערציילן, אַז ווען קיינער זעט ניט, גיט זי אים אַ קניפּ און רייסט אים אויס אַ ביין, ווייל קיין פליש איז שוין ניטאָ. אָבער דער פאַקט איז, אַז ווען אַ שכן זאָל ניט אָן עפן טאָן די טיר ביי די פלושקעס, הערט מען איין וואָרט פון טעמע'ן: „מיר פאַר דיר, טייערער..."

און אַז זי מיינט וואָס זי זאָגט, באַווייזט זי דאָס אויף טריט און שריט. אָט, צום ביישפּיל, איז געשטאָרבן איר לאַנדסמאַנ'ס פרוי. איז געשטאַנען דער מאַן, זיך געריסן די באָרד, געריבן די אויגן און געבראָכן די פינגער. זאָגט טעמע פלושקע צו איר אָשר־נח'ן: „איך וואָלט ניט געוואָלט דיך זען אין זיין לאַגע. איך בין שטאַרקער פון דיר. איך וועל דאָס גיכער אַריבער־טראָגן. איך וואָלט שוין בעסער געוואָלט בלייבן אַן אלמנה, איידער דו זאָלסט בלייבן אַן אלמן. מיר פאַר דיר, אָשר־נח ליבענקער..."

קאָכט־אָפּ טעמע פלושקע אַ וועטשערע, גיט זי אַ שטורכע מיטן גאָפּל דעם סטעיק און מאַכט אַזוי: „אָשר־נח, מיר דאַכט זיך, דאָס פליש איז צו־האַרט פאַר דיר. מילא מיין מאָגן וועט דאָס אפשר צעמאָלן, אָבער פאַר דיר איז דאָס סם־המות. דו עס שוין בעסער די בולבע מיטן קרויט. דעם סטעיק וועל איך שוין מוזן עסן. מיר פאַר דיר, אָשר־נח סערדצעניו..."

און ווען די פאַמיליע זעצט זיך אַוועק אַרום דעם קאָרטן־טיש מיט אַ פּינאַקל אָדער ראַמי, און אָשר־נח נעמט אַ האַנט, איז באַלד טעמע דאָ ביים טיש מיט איר שמייכעלע:

— אָשר־נח, קאָרטן־שפּילן איז ניט פאַר דיר; דו ווייסט דאָך שוין: פאַרלירסטו, קאָסט דיר געזונט פונעם פאַרלירן; געווינסטו, קאָסט דיר גע־

זונט, וואָס דו האָסט ניט גענוג געוואונען. און חלילה פון נעמען ניט קיין ריכטיקע קאַרט, קאָנסטו נאָך קריגן די ריכטיגע אַטאַקע.

— יאָ, ביסט גערעכט, טעמעלע! — און ער גיט איר איבער די האַנט.

און טעמע גיט אַ שמייכל: „מיר פאַר דיר, אָשר־נח'קע!"

שפּילט מען אין געגנט אַ גוטע מואווי, גרייט זיך אָשר־נח גיין זען דאָס בילד. נאָר אַז ער שטייט שוין אין מאַנטל, גיט אים טעמע אַ פרעג:

— וואוהין קלייבסטו זיך שוין אין וועג אַריין? שוין, דו האָסט שוין לאַנג ניט געהוסט?

— וואָס מיר וועג, ווען מיר וועג? איך גיי דאָ אַריין אין דער מואווי. מען שפּילט דאָ אַ מואווי, זאָגט מען, איז דאָס אַזוינס נאָך ניט געזען געוואָרן.

— אויב אַזוי, מיין טייערער אָשר־נח, וועסטו שוין זיצן אין הויז. דו ווייסט, אַז ביי אַ גוטער מואווי איז געפּאַקט דאָס טעאַטער, און וואו עס איז געפּאַקט, איז ניט פאַר דיר. מער פעלט מיר ניט, עמיצער זאָל נאָך אַ שטורכע טאָן אין דיין הערצעלע. אָשר־נח, איך וועל שוין גיין אין דער מואווי, און איך וועל שפּעטער דיר דערציילן וואָס דאָרטן האָט זיך געטאָן. מיר פאַר דיר, שלים־מזל מיינער.

עפּעס אַ שטיקל צייט, זאָגט מען, האָט אָט־דער שלים־מזל, אָשר־נח, זיך באַקאַנט מיט אַ לאַנדספרוי, און ער פלעגט זיך טרעפן מיט איר אין אַ רעסטאָראַן ביי אַ גלעזל קאַווע.

טעמע פלושקע האָט זיך עפּעס אָנגעשטויסן, און זי פלעגט אַלע אָוונט שוין זען, אַז אָשר־נח זאָל בלייבן מיט די קינדער אינדערהיים, געמאַכט אים פאַר אַ „בעיבי־סיטער", און זי פלעגט „אויסגיין".

איינמאָל איז אָשר־נח אַרויס פון די כלים: ער האָט זיך אויסגעהוסט, אָרומגעווישט זיך דעם שוויס און אַרויסגעזאָגט מיט אַ הויכן טאָן:

— הער זיך נאָר איין, טעמע, הער זיך נאָר איין! פאַרוואָס מעגסטו עסן מיט פרעמדע מענער אייז־קרים, און איך טאָר אַפילו ניט טרינקען מיט מיין „טאַנטע" אַ קאַווע אין אַ רעסטאָראַן?

— נאַרעלע, — האָט טעמע פלושקע ווי שטענדיג אַ שמייכל געטאָן, — איך האָב עפּעס געזען? נאָר איך ווייס דאָך וואָס ווייבעלעך זיינען. אַ פרוי איז דען אויסן דיך צו טרעפן און פאַרברענגען ביי איין טיש? זי וויל דאָך נאָר דיין קאַווע, אָשר־נח גולמ'ל! און דערווייל וועט דאָס דיך קאָסטן געזונט, ווי איז מיר... אָבער איך, אויב איך גיי ערגעץ, איז דאָך דאָס אַלץ פון דיינעט־וועגן, ווייל איך שאַנעווע דיין געזונט. מיר פאַר דיר, קאָפּ־ווייטאָג מיינער!...

זיך איבערגעבעטן

דזשאָו איז געווען אַ סאָלדאַט און ראָוז אַ סאָלדאַטקע. האָבן זיי ביידע געהאָלפן באַגראָבן היטלער׳ן און באַשלאָסן חתונה צו האָבן און טאַנצן אויף זיין קבר.

אַזוי שנעל ווי זיי האָבן גענומען זיך באַפרייען פון די יוניפאָרמס, האָבן זיי אָנגעהויבן צו טראַכטן פון תכלית: חתונה האָבן און קריגן אַ דירה און אָנהויבן לעבן ווי מענטשן.

ווען ס׳איז אָבער געקומען די פראַגע פון אַ דירה, איז פאַר אַלעמען אין דער פאַמיליע קלאָר געוואָרן, אַז די פּראָבלעם קאָן אַפילו פּראָפעסאָר איינשטיין ניט לייזן.

ס׳איז אמת, אַז דזשאָו׳ס צוקונפטיגע שוויגער האָט געהאַט אַ גערעכטע טענה: ס׳הייסט, האָט זי געפרעגט, אין צייט פון מלחמה האָט די רעגירונג פאַרזאָרגט די סאָלדאַטן מיט אַלץ, און אַז מ׳האָט געדאַרפט קריג־שיפן איז געווען שטאָל און אייזן, און האָלץ, און טשוועקעס, און ס׳איז געוואָרן קריג־שיפן; אַזוי מיט עראָפּלאַנען און קאַנאָנען. פאַר דער מלחמה, הייסט דאָס, האָט זי גע׳טענה׳ט, האָט קיין זאַך ניט געפעלט, טאָ פאַרוואָס זאָל פעלן פאַרן שלום?...

אָבער דער שוויגער׳ס טענות האָבן גאָרניט געהאָלפן. אַלע טאָג איז דזשאָו געפאָרן פון בראָנזוויל זיך זען מיט זיין מיידל ראָוז אין די בראָנקס, אָדער פאַרקערט — ראָוז איז געפאָרן אין בראָנזוויל, זיך טרעפן מיט דזשאָו׳ן.

איין טאָג איז געקומען צו לויפן די צוקונפטיגע שוויגער פון די בראָנקס מיט אַ פריילעכער נייעס: ביי איר אין גאַס האָבן זיך מאַן און ווייב צעשלאָגן און ס׳האָלט ביי אַ גט. ביידע האָבן באַשטימט פאַרקויפן דאָס מעבל און זיך אַרויסקלייבן אין אַנדערע שטעט...

איז גלייך געוואָרן אַ געלאָף מיט אַ סוד׳ען זיך, מיט געבן האַנט־געלט, מיט קאָמישאַן דעם דזשעניטאָר, מיט אַ מתנה דער נעקסט־דאָריגער און — אין צוויי טעג האָט מען אין געאייל אָפּגעשטעלט אַ חופּה.

נאָך דער חופּה האָט דאָס יונגע פּאָרל גענומען גרייטן זייערע פּעקלעך זיך אַריינצוקלייבן אין די צימערן, איז אָנגעקומען אַ טעלעפאָן פון די בראָנקס צו דער מחותנת׳טע אין בראָנזוויל: „אַ קלאָג איז מיר, אַ בראָך איז מיר, ווינד־און־ווי איז צו מיר! אויס, אויס, אויס!“

דער „אויס" האָט געמיינט: „אויס צימערן.

און וואָס, מיינט איר, האָט פּאַסירט? צום אומגליק פון דעם יונגן פּאָרל, האָבן זיך מאַן און ווייב איבערגעבעטן...

ביידע שוויגערס האָבן גע׳טענה׳ט צו די צעקריגטע מאַן און ווייב:

— גזלנים, צוליב אייער קריגעריי, צוליב אייערע רומס האָבן די קינדער חתונה געהאַט, און איצט האָט אייער שלום געבראַכט אַ נייע מלחמה... אַן אומגליק! פּאָלג מיך אַ גאַנג, פון בראָנזוויל אין די בראָנקס!...

מאַן און ווייב, ווידער, האָבן גע׳טענה׳ט זייערס:

— וואָס ווילט איר, מיר זאָלן זיך גט׳ן צוליב דעם וואָס אייערע קינדער האָבן חתונה געהאַט און דאַרפן רומס? טאַקע איבער דעם האָבן מיר זיך דאָך געמוזט איבערבעטן... — האָבן ביידע, מאַן און ווייב, פּאַרטרויט צו די שוויגערס. — מיר האָבן גענומען זוכן רומס, וואו זיך אַרויסצוקלייבן, און וואו מיר האָבן געזוכט, איז געווען איין ענטפער — ניטאָ!

בקיצור, דאָס אַלטע פּאָרל האָט שלום געמאַכט צוליב די רומס, געבליבן וואוינען אין די צימערן, און דאָס יונגע פּאָרל איז געבליבן צעריסן, ער — אין בראָנזוויל און זי — אין די בראָנקס...

אַ בריוועלע דעם טאַטן

„טאַטעלע", „מאַמעלע" — אַזוי רופן זיך דאָס אַלטיטשקע פּאָרל. קיין צופיל כוחות האָבן זיי ניט, זיצן זיי די גאַנצענע אָוונטן אין הויז און האַלטן זיך אין איין טאַטעלען און מאַמעלען.

די קינדער זיינען אַלע אויסגעגעבענע, וואוינען ווייט אויסערן שטאָט. זעען טאַטע־מאַמע זעלטן־ווען די קינדער מיט די אייניקלעך.

קומט אָבער אַ יום־טוב, שיקט מען צו דעם טאַטן מיט דער מאַמען אַ באַגריסונג־קאַרטל, אַ וואַרעם בריוול, און אַלעמאָל געפינט זיך דערביי אויך אַ מתנה אָדער עטלעכע דאָלער אין דעם קאָנווערט.

אָבער גליקלעך פילן זיך דאָס טאַטעלע מיט דעם מאַמעלען ווען עס קומט פאָר אין דער פאַמיליע אַ חתונה צי אַ ברית. דאַן קומט שוין איינער פון די קינדער מיט דער מאַשין און מ׳ברענגט אַרונטער די אַלטע, און זיי קלייבן נחת.

באַזונדער שטאָלץ שפּאַנט אַרום דאָס טאַטעלע ווען ער הערט אויף דער ראַדיאָ ווי מ׳האַלט אין איין דערמאָנען „פאַדערס־דעי". „הערסט, מאַמעלע ?", רופט ער אויס, האַלטנדיק דעם גראָבן פינגער אין קאַמזעל, „דו ווייסט, מאַמעלע, וואָס דאָס מיינט „פאַדערס־דעי" ? דאָס מיינט כיבוד־אב, רעספּעקט פאַרן טאַטן." חוץ כבוד, ווייס ער, אַז עס וועלן קומען מתנות פון די קינדער. וואָרים שוין צו „מאַדערס־דעי" האָבן די קינדער געשריבן, אַז דער טאַטע וועט האָבן זיין טאָג.

אַזוי שוין אַ וואָך פאַר „פאַטער׳ס טאָג" הויבן אָן קומען פּעקלעך. דאָס מאַמעלע טראָגט דאָס אים מיט פרייד אַנטקעגן: „טאַטעלע, זע נאָר, וואָס היימעלע האָט דיר געשיקט! אַ פלעשל שנאַפּס." און ער ווידער: „מאַמעלע, זע נאָר, וואָס איך האָב געקראָגן! זיידענע שלייקעס, אַ ליולקע, אַ גאַלמעסער."

אַזוי גייען אַוועק טעג ווי מ׳האַלט אין איין אָנזאָגן און ווייזן איינע די אַנדערע:

— טאַטעלע, אַט האָסטו אַ העמד.

— מאַמעלע, זע נאָר, שיך!

— טאַטעלע, טראָג געזונט, זעקס שניפּסן.

— מאַמעלע, קוק נאָר אָן, אַ שאַכטל ציגאַרן!

אַזוי צעשטעלן זיי עס, דאָס טאַטעלע מיט דעם מאַמעלען, די אַלע דער־האַלטענע מתנות אויפֿן טיש און מאַכן אַ סך־הכּל.

זינט דאָס טאַטעלע איז אויפגעשטאַנען פון זיין קרענק, טאָר ער קיין שנאַפּס אין מויל ניט נעמען. גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט:

— מאַמעלע, וועסט אַרונטערטראָגן דעם דזשעניטאָר דאָס פלעשל שנאַפּס, ער וועט זיך מחיה זיין. און די שלייקעס, מאַמעלע, גיב צום לאַנדסמאַן זעליג־פּייוול; מיר שניידן די שלייקעס אין אַקסל, דאָס איז ניט פאַר מיר געדאַכט. און אים, ווידער, וועט דאָס העלפן, ווען ער שפּילט פּינאַקל, זאָל ער ניט פאַרלירן די תחתונים...

— טאַטעלע, — זאָגט דאָס מאַמעלע, — און וואָס וועסטו טאָן מיטן גאָל־מעסער?

— זאָרג זיך ניט, מאַמעלע, ס׳קומט צוניץ. מ׳דאַרף אָפּסקראָבן אַ פענצ־טער, אַ טיר. וואָס דען האָסטו געדענקט, מאַמעלע, איך וועל זיך אָנהויבן צו סקראָבען אויף די עלטערע יאָרן?

און אַז טאַטעלע מיט מאַמעלען האָבן שוין באַשטימט וועגן אַלץ וואָס און ווי אַזוי צו צעטיילן, האָט זיך צעגאָסן אַ פרייד אויף זייערע פּנים׳ער, וואָס אויך זיי קאָנען זיך באַטייליגן אין געבן מתנות צו עמיצנס אַ טאַטעלע...

אין „פאָטער׳ס טאָג״ האָבן זיך ביידע אָוועקגעזעצט אויף דער קושעטקע, געבלאָנדזשעט מיט די אויגן איבער די בילדער אויף דער וואַנט:

— ווייסט, מאַמעלע, די שענסטע מתנה וואָלט זיין, ווען די קינדערלעך אַליין קומען צו אונז אין אַזאַ יום־טוב.

— יאָ, טאַטעלע, ווען די קינדערלעך אַליין וועלן ווערן טאַטעלעך און מאַמעלעך, דאַן וועלן זיי וויסן און באַגרייפן וואָס עס איז די בעסטע מתנה פאַר טאַטע־מאַמען...

זאָל דאָס גײן מיטן רויך...

ווי גיך טשאַרלי האָט דערהערט אין קענדי־סטאָר, אַז מ׳גייט ווידער העכערן די פּרייזן אויף סיגאַרעטן, האָט ער זיך צעלאַכט:

— ניין, עס וועט קאָסטן ווייניגער. הײנט איז געקומען דער סוף. עס וועט זיין געשפּאָרט געלט, ווייניגער געהוסט און שטאַרקערע לונגען.

לויט טשאַרלי׳ס פאַרדינסטן איז קיין וואונדער ניט, וואָס יעדעס מאָל ווען עפּעס ווערט געהעכערט אין קראָם, פאַלט אים איין אַ שטיק געזונט. די הויכע פּרייזן, לאַכט טשאַרלי מיט יאַשטשערקעס, לייגן אים טיף אין דר׳ערד. אָבער דאָס מאָל קאָן מען זאָגן, אַז ער האָט באַגריסט די העכערונג אויף אַ פּעקל סיגאַרעטן.

אין די ערשטע צייטן, ווען די קאָמפּאַני פלעגט העכערן די פּרייזן אויף סיגאַרעטן און עמיצער פלעגט זיך באַקלאָגן, האָט טשאַרלי געשאַפּסט:

— וואָס ווילט איר, הוסטן פאַר אומזיסט? איר ווילט זיך שטיקן, ברענען, רויכערן, אַרויספּירכען די לונגען, טאָ באַצאָלט...

ער אַליין, טשאַרלי, האָט אָבער פון אַלע העכערונגען „געשלאָגן קאַפּי־טאַל״... צוערשט איז געווען זיין ענטפער אויף די געהעכערטע פּרייזן צו רויכערן אַ ביליגערן „ברענד״.

אויף דער צווייטער העכערונג האָט ער אָנגעהויבן זיך מערסטנס צו באַנוצן מיט „יענעמס ברענד״... אָבער ס׳איז שוין אונטערגעקומען אַ לאַגע, וואו אַלע, ביי וועמען טשאַרלי פלעגט באָרגן אַ סיגאַרעט, האָבן ווי זיך אָרגאַני־זירט, און אַז זיי פלעגן אים באַגעגענען, האָבן זיי לאַנג ניט געוואַרט און אַ זאָג געטאָן זיין אייגענע חכמה: „אַ שוועבעלע האָב איך, האָסט אפשר אַ סיגאַ־רעטל?״ — דאָ האָט שוין טשאַרלי באַשלאָסן צו שניידן, אָדער ריכטיגער געזאָגט, צו ברעכן דעם סיגאַרעט־טראָסט. ער פלעגט די סיגאַרעטס ברעכן אויף העלפט און רויכערן אַ האַלבן סיגאַרעטל אויף אַ מאָל...

ווען די פּרייזן זיינען ווידער געהעכערט געוואָרן, האָט טשאַרלי נאָך שטאַרקער פאַרשאַרפט זיין קאַמף געגן דעם טראָסט, וואו עס גייט אַוועק דאָס געלט מיטן רויך. ער איז דעם גרעסטן טייל פון זיין פרייער צייט אָפּגעזעסן אין ביבליאָטעק, אין אַ קאָורט־רום, אין אַ שול, — אַלץ פלעצער, וואו ס׳איז ניט דערלויבט צו רויכערן.

טשאַרלי האָט אַפילו מקריב געווען זיין שאַך־שפּיל, וואָס ער האָט זייער

ליב געהאַט צו שפּילן, אַפילו ווען דאָס האָט אים געקאָסט זיין פאַרגעניגן. אָבער דאָס האָט אים אַזוי ניט געאַרט ווי די זעקס סיגאַרעטן, וואָס יעדע „געים" האָט אין אים אַריינגערויכערט. אים האָט דאָס געברענט דאָס רויכערן...

ווען טשאַרלי האָט דערהערט די בייעס, אַז אומעטום ווערט איינגעפירט אַ הויכער טעקס אויף סיגאַרעטן, וואָס דאָס האָט געמיינט אַז מ'וועט שוין מער ניט קאָנען ברענגען קיין „קאָנטראַבאַנד" נאָר דאַרפן צאָלן די פולע פּרייזן, האָט טשאַרלי געשפּאָסט:

— איך בין אַ געגנער פון צאָלן הויכע טעקסעס. טעקסעס דאַרפן צאָלן די, וועלכע רויכערן די גראָבע ציגאַרן, האָבן גראָבע פּעמפּיקעס מיט גראָבע באַנק־ביכלעך. אָבער אויף סיגאַרעטן אַ טעקס איז אַ מצוה.

ער האָט גלייך געזען, אַז מ'זאָל אין שאַפּ אויפהענגען אויף אַלע ווענט דאָס באַרימטע שילדל: „רויכערן נישט דערלויבט", און אַזוי האָט ער ווידער איינגעשפּאַרט עטלעכע סיגאַרעטלעך אַ טאָג.

דאָס מאָל איז טשאַרלי געשטאַנען אין קענדי־סטאָר מיט אַ סיגאַרעטל צווישן זיינע פינגער און האָט מיט זיין פיינער שטימע צוגעזונגען: „זה חליפתי, זה תמורתי, זה כפרתי. זאָל זיך די סיגאַרעט־קאָמפּאַני אַליין ברענגען און רויכערן..."

דער סטאָר־קיפּער האָט זיך צעלאַכט:

— טשאַרלי, כ'האָב שוין געזען גרעסערע קנאַקערס, וועלכע האָבן אַרויס־געוואָרפן דורכן פענצטער דאָס פּעקל סיגאַרעטן און גלייך געלאָפן זוכן אין אַש־טעצל צו געפינען אַ ברעקל פון אַ פריער־געראויכערטן סיגאַרעטל.

— עס קאָן זיין, — האָט טשאַרלי געענטפערט, — נאָר אויב איך וועל ווידער אָנהויבן רויכערן, וועט דאָס זיין בלויז צו ווייזן, אַז איך קאָן נאָכאַמאָל אויפהערן... הם... איר האָט נאָך סיגאַרעטן? — האָט ער באַמערקט ווי זיין פריינט האָט אַרויסגענומען דאָס פּעקל פון קעשענע, — טאַ גיט אַהער אַ סיגאַרעט, וועל איך אייך העלפן אויסרויכערן, און פּטור! אַ סוף זאָל עס נעמען...

אַן אויסגערעכנטער מענטש...

געווען איז ער, נאָטע קנויט, פון די קאַרגע, וואָס האָט זיך געזשאַלעוועט דעם ביסן אין מויל. ערשטנס, טאָקע צו שפּאָרן דעם ביסן, און צווייטנס, זיך צו פּאַרהיטן די ציין. ער האָט, זאָגט ער, פיינט די דענטיסטן, וואָס רייסן ניט נאָר ציין, נאָר אויך פּאָסן פון דער קעשענע...

איינמאָל, ווען אָט דער נאָטע קנויט האָט זיך איינגעהאַנדלט אַ גאַרניטור, אַ מציאה ווי פון אַ גנב, האָט ער אויסגעפונען, אַז דער ראָק איז אויף אים צו ענג מיט אַ דריי־פיר „סאַיזעס״.

נאָטע קנויט וואַרפט אָבער ניט אַרויס קיין געלט. ער האָט זיך גלייך געשטעלט אויף אַ דיעטע, און אין צוויי וואָכן האָט ער פאַרלאָרן פערצן פונט. איצט איז שוין דער ראָק אַפילו אַביסל צו גרויס...

אַז דער נאָטע קנויט איז ניט פאַרהייראַט, פאַרשטייט איר דאָך שוין אַליין. ער האָט פיינט, זאָגט ער, אַז עמיצנס אַ טאָכטער זאָל אים גריזשען די גרינגע פּאַפּירלעך... דערצו הויבט זיך אָן אַ געשיבטע: טעפּלעך, פענדלעך, „פּויר־ניטשור״, קימפּעט, „קאָנטריס״, קליידער, און ווידער אַ קימפּעט, און ווידער שיך, און אַ נייע הוט און עטלעכע דאָלער פאַר דער שוויגער, און ווידער אַ קימפּעט. דאַן הויבט זיך אָן קליידלעך פאַר די מיידלעך און שיכלעך פאַר די אינגלעך, און דאָקטאָר און מעדיצין, און ווידער אַ קימפּעט.

אויב שוין יאָ אַזוי, האָט אים איינמאָל זיין לאַנדסמאַן פּרובירט איינרעדן, מאַכסטו איינגאַנצן אַ פאַלשן חשבון. אין דער אמת'ן איז דאָס פּונקט פאַרקערט: אַז דו האָסט חתונה, קריגסטו מתנות פאַר צען יאָר צייט פון אַלעם גוטן, וואָס דו דאַרפסט אין אַ הויז. גלייך נאָך דער חתונה שיקסטו דער ווייב אַרבעטן און זי ברענגט דיר וואָך־איין וואָך־אויס אַ קאָנווערטל מיט גרינע בומאַזשקעס. און פון קרענקען דאַרפסטו ניט טראַכטן — די היינטיגע פרויען זיינען געזינטער פאַרן מאַן; אויב קרענקען, וועסטו גאַר. און דאָ וועסטו ווידער שפּאָרן געלט: זי וועט פאַר דיר קאָכן און באַקן, דיר איינרייבן אַ פּלייצע און שטעלן באַנקעס. דו ווייסט וואָס עס מיינט היינט, ניט דאַרפן דינגען קיין „נורס״?

נו, און נאָך דיין חשבון טראַכסטו פון האָבן אַ פערצן קינדער, איז מיט אייגענע פערצן קינדער קאָן מען עפענען אַ שאָפּ, אַ פאַרם, אַ רעסטאָראַן, און וואָס ניט? אַפילו אַן אייגענעם כאָר און אַרומגיין מיט זיי און זינגען אין די „יאַרדס״, קאָן מען שוין מאַכן אַ לעבן...

שפּעטער, אַז די קינדער האָבן חתונה, זיינען די איידעמס מיט די שניר אויך ניט קראַנק צוצולייגן אַ פּלייצע. מיט איין וואָרט, דו זעסט גאָרניט וואָס פאַר אַ צוקונפט עס דערוואַרטעט דיר!...

הערט דאָס אויס נאַטע קנויט, גיט זיך אַ קראַץ אין פּאָטעלניציע.

— ניין, איך האָב פיינט צו מאַכן אינוועסטמענטס... וואָס טו איך, אַז איך האָב חתונה און דערנאָך זאָגט זי מיר, אַז אַרבעטן זאָלן פערד?... און אַז עס קומט צו האָבן קינדער, איז אַנשטאָט צו האָבן אַ פינפטלינג, וואָס מ׳קאָן מאַכן מיט זיי אַ טאָלער, מפּיל׳ט זי מיר איינמאָל און אַ צווייטן מאָל, און אינמיטנדערינען דאַרף מען פּראַווען אַ זילבערנע חתונה, פּאַנגט זיך ווידער אָן: איינלאַדן פרעמדע מענטשן, געבן זיי עסן, טרינקען, און שניידן פּאַסן פון דער אייגענער קעשענע...

— אַי, נאַטע, נאַטע! — רופט זיך שוין איינמאָל אָפּ דעם לאַנדסמאַנ׳ס פרוי. — דו וועסט שטאַרבן און דיין געלט וועט בלייבן.

— ניין, — זאָגט ער מיט שפּאַס, — מיין געלט וועט ליגן דאָרט וואו איך. איך האָב אינוועסטעט מיין יעדער סענט אין ריעל־עסטעיט, עס איז שוין אין דר׳ערד...

— —

לעצטנס האָבן זיך די לאַנדספרויען געגומען שושקען, אַז זיי זעען נאַטע קנויט׳ן אויסגיין מיט אַ פרוי.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער איז אַן אויסגערעכנטער מענטש ביז אַרונטער... יאָ, ער גייט אַרום מיט אַ פרוי, נאָר זי איז שוין אַ פאַרטיגע אלמנה, און וועגן קימפּעט־געלט דאַרף ער שוין אויך ניט זאָרגן. זי האָט שוין 9 קינדער, זאָלן געזונט זיין, און אַכט פון זיי ברענגען שוין אַריין דער מאַמען אַלץ אין הויז.

שייך צו זאָגן, ווען אַ מענטש לעבט מיט חשבון!...

צרות פון אַ שניפּס

אַלע מאָל ווען איך זע אַ שיינעם שניפּס אויף אַ מענטשן, דאַכט זיך מיר, אַז מיטן שניפּס האָט זיך אָנגעהויבן די מענטשלעכע געשיכטע, די ציוויליזאַציע. עפּעס זעט מיר אויס ווי דער שניפּס וואָלט אָנגעצייכנט ביים האַלז די גרענעץ, פונוואַנען עס הויבט זיך אָן דאָס פּנים, דער קאָפּ — דער מענטש... אָבער צו וואָס אַט־אַזאַ שניפּס קאָן דערפירן אַ מענטשן — דאָס, זעט איר, מוז איך אייך דערציילן:

גאָר אומשולדיג איז געווען מיסטער ראָזען, ווען זיין ווייבל האָט אים איבערראַשט מיט אַ ניי־יאָר מתנה — געקויפט אים אַ שניפּס. אַ שניפּס ווי אַלע שניפּסן, וואָס מ׳קריגט אין אַ דעפּאַרטמענט־סטאָר פּאַר צוויי דאָלער, אין אַ קלייִנער סטאָר — פּאַר אַ דאָלער מיט אַ קוואָדער, און ביי אַ אידן וואָס האַנדלט מיט שניפּסן, טראָגנדיג אַ שאַכטל אויפן האַנט — פּאַר 89 סענט.

מיסטער ראָזען האָט זיין ווייבל פיין באַדאַנקט און אַ קוש געטאָן איר אין פאַרדרויטלטן שטערן.

אויף צומאָרגנס, גייענדיג צו דער אַרבעט, האָט ער געטראַכט פון דער שיינער מתנה, און זיצנדיג ביי דער מאַשין האָט ער באַשלאָסן צו איבערראַשן זיין ווייבל. אין אָונט, גייענדיג פון דער אַרבעט ,איז ער אַריין אין אַ קליידער־געשעפט און זיך געקויפט אַ ברוינעם אָנצוג...

איר שטויסט זיך שוין אָן, אַז דער שניפּס איז אויך געווען ברוין, און מיסטער ראָזען האָט צוגעפּאַסט איינס צום צווייטן.

אין אָונט, ווען מיסטער ראָזען איז געקומען אַהיים און זיך באַוויזן אין דעם נייעם אָנצוג, האָט זיין ווייבל אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, צוגעוואונטשן, ער זאָל דאָס טראָגן געזונטערהייד, אָבער צו אַזאַ גאַרניטער, האָט זי זיך צע׳טענה׳ט, מיט אַזאַ שניפּס, פּאַסן זיך פּאַר קיין פאַל ניט די שוואַרצע שיך מיט די ברייטע נעזער. דאָס מאָל האָט זי אים שוין גענומען פּאַר דער האַנט, גלייך אַריינגעפירט אין אַ שוך־קראָם און אים אויסגעפּוצט אין אַ פּאָר נייע, ברוינע שיך.

גייענדיג פרייטאָג מיטן קאָנווערט שכירות אין קעשענע, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז זונטאָג איז דער מיטינג פון די לאַנדסלייט, און אָנטאָן דעם נייעם גאַרניטער מוז ער, ווייל זיין לאַנדסמיידל פריידעלע קומט דאָך צום מיטינג כמעט בלויז צוליב אים. איז ווי קאָן מען טאַקע אָנטאָן אַ ברוינעם גאַרניטער,

אַ ברוינעם שניפּס, ברוינע שיך, און טראָגן אַ גרינע העמד מיט ראָזעווע זאָקן?

מיסטער ראָזען האָט זיך אָראָפּגענומען די האַנט פון האַרצן, גלייך אַרייך אין אַ קראָם און זיך איינגעקויפט אַ זיידן העמד מיט אַ פּאָר זיידענע זאָקן — ווידער ברוינע, פאַרשטייט זיך, וואָס פּאַסן פּונקט צום שניפּס.

איך דאַרף אייך שוין ניט דערציילן, אַז ביים מיטינג האָט שוין פריידעלע ניט אַראָפּגענומען אירע אויגן פון אים, דעם פּראַנט. זי האָט אים געמאָסטן פון שניפּס ביז די זאָקן, און — פאַרקערט.

זיין ווייב, זעט איר, האָט איר אויגן ניט אַראָפּגענומען פון פריידעלען, און ווי זי וואָלט צו זיך גערעדט אַ גאַנצן אָוונט: וואָס זעט זי אויף אים מער ווי איך? אויב ער טראָגט אַ שיינעם שניפּס, איז דאָך עס מיין געשמאַק, און ווען ניט איך, האָט זי מיט זיך אַרגומענטירט, וואָלט ער דאָך געהאַט אַ פּנים ווי מיין שוועער נאָך אַ תּענית... נאָר וואָס טויגן דאָ קונצן? זי האָט גערעדט צו זיך און פריידעלע׳ס אויגן האָבן גערעדט צו אים, און דער טיק־טאַק פון זיין האַרץ האָט איר אָפּגעענטפערט...

קומענדיג אַהיים, האָט מיסטער ראָזען געכאַפּט אַ קוק אויף זיך אַליין אין שפּיגל, און ער האָט באַשלאָסן, אַז די ווייב זיינע, מיט די רויטע אויגן און בלויע ליפּן, איז ניט אַזאַ וואָזשנער פאַרגלייך מיט זיין ברוינעם פּאַסאָן... און עס האָט ניט גענומען לאַנג, ווי זיין שניפּס האָט אים אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז ער האָט שוין מער ניט געפונען וואו זיין קאָפּ שטייט...

אין אַ שיינעם אָוונט האָט ער געפונען דעם ברוינעם גאַרניטער אָן קנעפּלעך, די שיך אָן בענדלעך, און זיין אייגענעם מויל אָן ציינער... פּראָסט־פּשוט, דאָס ווייב האָט זיין פּאַלשן סעט ציינער פאַרשלאָסן אין שאַפּקע.

מיסטער ראָזען איז שוין אָבער געווען צופיל געפּענטעט פון זיין נייעם שניפּס... דערצו האָט ער באַשלאָסן אָנצולערנען זיין ווייב. וואָס הייסט, אַ ווייב וועט זאָגן וואו יאָ־גיין און וואו ניט־גיין?! ער האָט באַשלאָסן צו באַשטראָפן זי, מאַכן זי פאַר אַן אַלמנה, זאָל זי איינמאָל פאַר אַלע מאָל וויסן...

אין אַ פאַרטאָג האָט מען אים געפונען אויסגעפּוצט אין זיין נייער „גאַרדעראָבע״, אָן קנעפּלעך און אָן בענדלעך, הענגענדיג אויף דעם שניפּס, וואָס זיין ווייב האָט אים געקויפט.

אין אַ צעטעלע האָט ער געלאָזט וויסן: „דער שניפּס האָט מיר געבראַכט צרות, אָבער — דער זעלביגער שניפּס האָט מיר אויך פון די צרות באַפרייט...״

חי — פונדאָסניי

(רעציטאַציע)

פון די קעלערן אין שפּאַניע
ביז די אויוונס אין גערמאַניע,
מיטן צייכן „געלע לאַטע",
האָט דאָס לעצטע וואָרט געזאָגט
מיין טאַטע:
שמע ישראל!

אַזוי געגאַנגען איז דער מזל
מיט יעדן הענקער, יעדן גזלן.
אָן שום מיטלען זיך צו ווערן,
אָן דעם שכל צו דערקלערן,
בלויז געוויין, טרערן, קלאָגן,
און איין וואָרט געקאָנט נאָר זאָגן:
שמע ישראל!

יעדער כלב האָט געביסן,
יעדער דבר־אחר האָט געריסן
פון אידיש בלוט, פון אידיש פלייש
אַ חלק
און געשריען האָט מען: שיילאָק!
האָט דער איד געבויגן, שפל,
אויסגעשריען אין זיין צווייפל:
שמע ישראל!

אין איין לאַנד ניט אַריינגעלאָזט,
פון אַ צווייטן — ניט אַרויסגעלאָזט;
דעם איד געדאַרפט עס האָט דער המן
אויף פּאָגראָמען;
און ווען שטיינער זיינען אים
געפלויגן,
האָט ער געווערט זיך מיט די אויגן:
שמע ישראל!

געווען איז הפקר באָרד און נאָז,
און ווי ס'האָט דער ווינט געטאָן
אַ בלאָז,
האָט פון שונא'ס פּיסק גערונען
סלינע:
יודע, דזשו, שיני!
און ניט געוואָלט האָט מען אים
פאַרצייען,
ווען ער האָט גענומען שרייען:
שמע ישראל!

איצט ווען דאָס קאָן זען מיין טאַטע,
ווי דער איד מיט געלער לאַטע
האַלט דעם פויסט אין אַ געבייל,
מיט שטאָלץ, מוט און חיל!

דאָס האָט געלערנט אים די צייט
פון מזרח־זייט . . .
„דער וואָס אַרבעט, דער וואָס שאַפט,
טאָר ניט זיין מער פאַרשקלאַפט!"
ניט געבראָכן, ניט געבויגן,
נאָר צעעפנט קלאָר די אויגן,
און אָנשטאָט שרייען „שמע ישראל",
זאָגט ער: הער צו „קול־ישראל"!

איצטער זע נאָר, ווי אימשטאַנד,
איך קאָן בויען זיך מיין לאַנד.

דער שמידער מיטן האַמער, שטאָל,
דער שוסטער מיטן לעדער, אָל,
דער בויער הויבט אַרויף דעם טאָל.

פאַר קולטור, און פאַר פּראָגרעס,
צו דעם נייעם וועלט־פּראָצעס,
זאָל געהערט זיין אידיש קיל:
איך בין ווידער פריי!
באַגלייט פון האַרפע און פייפיאַל,
פאַר אַ אידיש פריי ישראל!
חי — פונדאַסניי!

עס קאָן זיין . . .

אין וואָלקנס קאָן זיין ליכטיג,
קליינינגקייטן — וויכטיג.

שוואַרץ קאָן זיין אַ פענצטער,
און פאַרמיאוסט אויך — דער
שענסטער.

אַ גוט האַרץ קאָן זיין קראַנק,
און טייער — אַ געשאַנק.

אַ בלינד אויג קאָן זען וועלט . . .
און אָרעם זיין — מיט געלט . . .

אין גוטס קאָן אויך זיין שלעכטס,
אין געזאַנג — אַ טיפער קרעכץ.

אַ גרויס־מויל זאָל גאָרנישט זאָגן,
און פוסטקייט זאָל מען טראָגן.

אַ גאָרנישט קאָן זיין גרויס,
און קעלט קאָן מאַכן הייס . . .

אַ מענטש גייט מיט זיין שאָטן,
און גאָרנישט גלייך געראָטן . . .

בייז קאָן זיין געשאַנק,
צעדרייט קאָן זיין געדאַנק.

ס'קאָן אַ גלייכע זאַך זיך קרימען,
און איינס מיט איינס — ניט
שטימען . . .

עס שטייגט!

(רעציטאַציע)

וואו איר גייט,
און וואו איר שטייט,
הערט איר אַלץ
די זעלבע רייד —
עס שטייגט!

מ׳רייסט די הויטן
ביזן ביין,
אַנשטאָט סחורה —
קריגט איר שטיין . . .
און איר טאָרט
זיך ניט באַקלאָגן,
ס׳איז ניט צו וויינען,
ניט צו זאָגן,
עס שטייגט? — —
שווייגט!

סחורות ליגן
גאַנצע בערגער,
נאָר מ׳זאָגט:
ס׳וועט זיין נאָך ערגער.
און זיי ווילן,
איר זאָלט גלויבן,
אַז פונעם רעדן —
נעמט זיך הויבן —
עס שטייגט!

איר זוכט אַ דירה,
קלאַפּט אין טירן,
לאָזט מען אייך
אין גאַס קראַפּירן.

ווילט איר שלאָפן
שוין אין דרויסן,
איז מען אייער
טובה אויסן . . .
און מ׳נעמט אייך —
אין חד־גדיא . . .
דער ריכטער מאַכט דאָס
גאָר ניט טייער,
הייסט באַצאָלן
שטראָף אַ דרייער . . .
ווילט איר אָבער
מאַכן קלערער . . .
זאָגט דער ריכטער:
ס׳קאָסט שוין מערער!
ס׳קאָסט אים אַליין טייער . . .
עס שטייגט!

אין די קראָמען,
אוי, די קראָמען,
פּרייזן האָבן ניט
קיין נאָמען . . .
פּוטער, מילך,
ברויט אַ שטיקל,
פון אַ דאָלער —
ווערט אַ ניקל . . .
פון אַ ניקל
ווערט אַ פּעני —
פּע, איר דינגט זיך, —
זאָגט ער, פּעני? —
עס שטייגט!

און די פּרייזן
אַנגעדראָלן,
ווערן נאָך און נאָך
געשוואָלן,
נאָר די באַקן
פאַלן איינעט . . .
שטייט אַ קאַסטימער
און טענה'ט:
זעט, די גרויס
פון דעם בייגל,
ווי דאָס לעכל
פון אַן אייגל . . .
און די חלה
ווי אַ קולקע,
און אַ פּערפּל —
הייסט שוין בולקע . . .
נאָר די פּרייזן,
אוי, די פּרייזן,
שעמען גאָר ניט
זיך צו ווייזן . . .
איר גייט אַרויס
און גייט אַריין, —
אַהאַ, עס הענגט
אַ נייע סאַין . . .
מיט אַ צייכן,
אַ באַווייז —
יאָ, יאָ, ס'איז
אַן אַנדער פּרייז —
עס שטייגט!

צעשפּילט זיך
אייער אַפּעטיט,
איז ניט גוט,
ניין, ניט גוט!

אין לאַנטשעאָנעט
איז אַן אַפּטייק,
מיט אַ פּרעסקריפּשאַן —
קריגט איר סטייק . . .
און פאַרן זעצן
זיך צום טיש —
פאַר אַ ביינדל
פון אַ פיש,
קריגט איר אַ ביל.
איר מעגט שרייען,
אוי, אַ בראָך! —
און זיך וואַרפן
אויפן דיל, —
נאָר פון חלש'ן
האַלט זיך איין,
ווייל דער ביל
וועט גרעסער זיין —
וואַסער איז אויך געלט . . .
עס שטייגט!

און ווילט איר פאָרן
אין אַ פּאַרק,
אָדער קויפן
וואָס אין מאַרק,
צי גאָר נעמען
ווייב און קינד,
לויפן זוכן
ים מיט ווינט,
דאַרפט איר וויסן —
נעמען עסן,
און דערביי
אויך ניט פאַרגעסן —
קאַר־פעיר.
יאָ, קאַר־פעיר,

און ניט קיין ניקל,
ניט קיין ניקל,
אַ נייער פּרייז —

אַ צען־סענט שטיקל . . .
יאָ, געשטיגן,
צוויי מאָל אַזויפיל,
יאָ, צוויי מאָל אַזויפיל,
און שאַ, שטיל —
עס שטייגט!
די חובות שטייגן
ביי אייך און מיר,
און דער באַנק־בוך —
ביים וואַמפּיר,
עס שטייגט,
עס שטייגט!
און דער עולם
צאָלט און שווייגט.
וואָס שווייגט איר?
איר זיינט דאָך עפּעס
ניט קיין יאַלד,
מיינט איר, שוויגן —
וועט זיין גאָלד?

יאָ, גאָלד, גאָלד, —
גאָלד פאַר פּאָרדן,
גאָלד פאַר מאָרגאַן,
און פאַר אונז —
עס שטייגן זאָרגן . . .
און עס שטייגט!
אוי, עס שטייגט!

און מיט די פּרייזן,
אינפלאַציע,
שטייגט אַרויף הויך
די רעאַקציע,
און רעאַקציע
ציט דעם שטריקל,
האַלט אין שאָקלען
אונזער בריקל . . .
האַלט אין סטראַשען
אונז מיט גרוילן,
און דערווײַלע
מאַכט זי קוילן,
און מיט קוילן,
פּראָפּאַגאַנדע, —
אַ מלחמה
וויל די באַנדע.
און עס שטייגן
וואָס מער העצעס,
פון די צאַצעס
און פאַצעצעס —
אין דעם קאָנגרעס,
און סענאַט, —
מ׳וויל דעם זון
פאַר אַ סאָלדאַט!...

נעמט מען פּויקן,
איבערצייגן,
נאָר אויסן איז מען
עס זאָל שטייגן,
דער געשעפט
און די פאַבריק,
און אַ דימענטל
אַ שטיק . . .
עס זאָל שטייגן,
עס זאָל שטייגן —
זיי די רינגען,

אונז — די פייגן . . .
און עס שטייגט!

נאָר ניט אייביג
האַלט אַ נאַכט אָן,
מענטשן נעמען שוין
אַ טראַכט טאָן:
וואָס וועט זיין?
מ׳וויל דאָך אונז
מיט אינפלאַציע
אונטעררוקן
פאַשי־נאַצי!
אָבער ניין!
די מאַסן שטייגן,
פול מיט צאָרן, —
אַ נייע וועלט
עס ווערט געבאָרן,
וואו איך און דו
און זי און ער,
וועלן וויסן —
ווער איז ווער?

איז יעדע האַנט
און יעדער מוח,
אויך די יוגנט
אין דעם כוח,
אויפגעהויבן
זאָל דאָס ווערן,
און דער גאַנצער
וועלט דערקלערן:
דער אמת ווערט
פאַר אייך געצייגט,
ווי עס שטייגט,
ווי עס שטייגט!
זון שיינט אויף,
און הימל העלט, —
פאַר אַ שיינער,
פרייער וועלט!

ווען וועל איך אַ גרויסער זיין?

אין דרויסן פאַלט אַ שניי,
אין הויז עס יאָגט אַ ווינט;
לאָזט מיך מאַמע ניט אַרויס, —
זי זאָגט: דו ביזט אַ קינד.

נעמט זי מיך אין בעטעלע,
לייגט מיך דאָרט אַריין;
דעקט מיך מיט אַ קאָלדרע צו,
גוט וואָרעם זאָל מיר זיין.

קוק איך דורך אַ שפּעלטל צו,
ווי מ׳שפּילט זיך מיטן שניי.
ווען וועל איך אַ גרויסער זיין,
צו שפּילן זיך ווי זיי?...

דו ביסט — אַ קאָמוניסט!

(רעציטאַציע)

ווי גיך געעפנט
האָסט די אויגן
און דיין שטימעלע
פאַרצויגן:
בלאַ־בלאַ־בלאַ,
וואָס געמיינט
האָט דאָס — זויגן,
עסן האָסט געוואָלט —
אַ־האַ, איז רעוואָלט!
רעוואָלוציע!
איצט דיינע ענטפערס
און דערקלערן
איז ניטאָ שוין
וואָס צו הערן,
דיין טענה׳ן
איז אומזיסט, —
דו ביסט —
אַ ק אָ מ ו נ י ס ט!

אזוי דיין קאַמף
נאָך אין די ווינדעלעך,
האָסט זיך געראַנגלט
און געריסן,
גאַנץ אָפט זיך
מיט ליפ געביסן,
אַראָפצואוואַרפן
אָט דעם יאָך
און אַ בריקע
טאָן דערנאָך.
אויך איז פאַרצייכנט,
אַז צום יאָר
האָסטו ניט געוואָלט
דעם וויקל־שנור...
און ניט געלאָזט
זיך פענטען,
איז פאַרזאָג זשע
דאָס אַ צענטן...
דאָס איז רעוואָלט,
ס אַ ב אָ ט אַ ז ש!
און ווי איז שוין
צו דיין קוראַזש,
ווי און וויסט, —
דו ביסט —
אַ ק אָ מ ו נ י ס ט!

אויך ווען אין חדר
דו ביסט געגאַנגען,
און דער רבי
פלעגט דערלאַנגען...
אוי, דערלאַנגען
אויפן הוילן,
און טאַקע אין
די ווייכע טיילן...
פלעגסטו זיך בריקען,
שרייען, וואַרפן,
און דעם קאַמף
נאָך מער פאַרשאַרפן.
ט׳ער געקניפט שוין,
און געריסן,
נאָך דערביי

געלאָזט דאָס וויסן:
איר זעט, איך שלאָג —
ס'איז ניט אומזיסט,
דער יונג, ער וואַקסט
אַ ציציליסט,
און אפשר גאָר —
אַ קאָ, יאָ־יאָ,
אַ קאָמוניסט!

און האָסטו געמאַכט
דעם ערשטן טראַט,
ניט פאַרלאָזט זיך
נאָר אויף גאָט,
נאָר אויפן אָרעם
מיט זיין כוח,
אויף דיין וויסן,
און דיין מוח, —
איז דאָס ווידער שלעכט,
שלעכט, און ניט גערעכט,
האָט צע'טענה'ט
זיך דיין באָס
מיט פאַרדראָס:
געט'ס אים געלט,
און אפשר גאָר —
די גאַנצע וועלט?
אַז ווי איז מיר
און וויסט,
און אין דייטש
ער גיט אַ טייטש:
דאָס איסט —
אַ קאָמוניסט!

נאָר האָסטו שוין
אַ ווייב, אַ קינד,
ווערן נאָך גרעסער
דיינע זינד,
ווען דו ווילסט
קיין שקלאַף ניט זיין
איבערהויפּט —
די טענה דיין:
עס פעלט דיר עסן,
קליידער, שיך,
און אַ דאַך אויך
איבער זיך,
אויך אַ דאָקטאָר,
מעדיצין,
און דו פרעגסט:
וואו איז דער זין?
איך אַרבעט טעג,
איך אַרבעט נעכט, —
וואָס מער אַרבעט,
אַלץ מער שלעכט?...
אַזעלכע פיילן
ווען דו שיסט,
איז ניט אומזיסט!
אַלבעטשי — ביסט —
אַ קאָמוניסט!

און אַז עס איז דיר
ליב דאָס לאַנד
און האָסט פיינט די
וואָס ברענגען שאַנד,
ווילסט ניט זיין
קיין „באַמקע־יעס",
נאָר שטימען טאַקע
פאַר פּראָגרעס,
דאָ האָסטו גאָר
פריי און אָפן

זיך אין האַרצן
פּונקט געטראָפן,
דו ביסט, אוי —
רויט, רויט, רויט,
טאָקע ווי
אין פּסוק שטייט.
איך וואָלט שווערן,
ביט אומזיסט,
ועט מען זאָגן
באַלד,
ג־ע־ור־אַ־ל־ד!
אַז דו ביסט
אַ גאַנצער סטאַלין —
קאָמוניסט!

איז אויב שוין יאָ
אין נאָמען הייסן,
טאָ פאַרוואָס־זשע
אויף צעפּלייסן?
איז לאָמיר טאַקע
איבעראַל
זאָגן, אַז דער
אידעאַל
געפעלט מיר!
ווי אָנגעמאָסטן,
אין קאַמף מיט יקרות,
הויכע קאָסטן,
אין קאַמף מיט שונא׳ס
אַלע בייזן,
זיך צו באַפרייען
און דערלייזן.
אויב דאַן ט׳מען זאָגן,
אַז דו ביסט —
איז ניט אומזיסט!
געגן באָס, רעאַקציע,
געגן וואָל־סט,
פּראָוואָקאַציע!
געגן קאַפּיטאַליסט!
געגן פאַשיסט!
יאָ, איך בין —
אַ ק אָ מ ו נ י ס ט!

דער זייגער

איך האָב ליב דעם זייגער,
די רעדעלעך — דאָס קלאַפּן,
ווי עס לויפט דער גרויסער ווייזער,
דעם קלייניגקן צו כאַפּן.

דער זייגער איז אַ יחסן,
ס׳קוקט יעדערער אים אָן;
אַ שיינעם פּלאַץ פאַרנעמט ער —
סאַמע אויבן־אָן.

ער אַרבעט שווערע שעהן,
פּינקטלעך, לויט דער צייט...
מ׳ציילט זיינע סעקונדן
פון נאָענט און פון ווייט...

שטענדיג איז ער אויף דער וואַך,
און דרייט די צייט מיט מי.
איין זאַך נאָר פאַרדריסט מיך:
ער וועקט מיך אויף צו פרי...

ווען איך קאָן זאָגן

(רעציטאַציע)

ווען הערן וואָלט איר
נאָר מיין עצה,
און ניט שטיין זיך
מיט דער פּלייצע,
נאָר העלפן זאָגן,
אַזוי אַ זאָג זיי,
אַז פאַרכאַפּן
זאָל אַ קלאָג זיי, —
יאָ, אַ קלאָג זיי! —
דאַן, וואָלט אַנדערש זיין!

נאָר מיין שטימע
איז אַ קליינע,
און דערצו נאָך —
טאַקע איינע...

און זיי — אַ באַנדע
פון פיר הונדערט...
ליגן זיך גאָר
אָפּגעזונדערט...

אָפּגעזונדערט,
פול מיט שנאה, —
ווער אויף וואָל־סטריט,
ווער אין רינאַ...
און איך, קבצן,
ניט זייערס גלייכן,
מוז דאָך וויכן.

ווייל ווי קום איך
צו אַ רייכן?...
טאַקע, נו?
ער זויפט און פרעסט,
און טאַנצט אויף בעלער,
און איך — פאַרהונגערט —
אין אַ קעלער...

זאָג איך: הערט!
איר זאָלט ניט לאַכן,
אַז מ׳קאָן דאָס
איבערמאַכן.

יאָ, איבערמאַכן,
איבערדרייען,
אויף לינקער זייט —
דאָס איבערנייען...

מאַכן מאַרקס׳ן
פאַר דעזאַינער,
דאַן וואָלט אַלעס —
פאַסן פיינער...

סיי קבצנים,
און סיי רייכע, —
אַלע וואָלטן
ווערן גלייכע.

ניט וויסן וואָלט מען
פון די „ביזיס“,
פון אַ „סלעק“ —
אַ „בום“, אַ „קריזיס“ . . .

אויב געדאַרפט וואָס
וואָלט מען שאַפן, —
איז באַשאַפן,
אָן שום שקלאַפן.

ניט איינעם ביין,
אַ צווייטן —ביילעק,
נאָר פאַר אַלע —
גלייכן חלק . . .

אָבער איצט, איז
הפקר אַלעס,
ווען עס בושעוועט
דער דלות.

אָפּגעאַרבעט
פערצן וואָכן,
און שוין ווידער
„סלעק“, געבראָכן.

שרייט מען: באָס,
געוואַלד, וואָס איז עס ?
בורטשעט פאַרמאַן:
שמיזעס, קריזעס !

ווידער נעמט מען
שניידן שכירות,
און מ׳האַרפט גלייך
פון די דירות,

אויף דער גאַס אַרויס
בפרהסיה !
הם — וואָס איז דאָס ?
אָט דאָס איז עס —
יאָ, דעפּרעסיע ! . . .

און אַז מ׳טרינקט זיך,
כאַפּט מען — שטרויען . . .
אויב ניטאָ איז
וואָס צו נייען,
אויב ניטאָ איז
וואָס צו קלאַפּן, —
נעמט מען כאַפּן !

כאַפּן, לאַפּן, —
ס׳איז פּוסט אין הויז,
פּוסט אין טעפּל, —
נעמט מען האַנדלען
גאָר מיט עפּל . . .
און פון עפּל,
דאַרט דאָס קעפּל,
ווייב און קינד —
זיי ווילן עסן !
נאָר מיין באָס
האָט גאָר פאַרגעסן.
אַוועקגעפאָרן
אויף וואַקאַציע,
און געלאָזן אונז —
אינפלאַציע . . .

אָבער ווען איר
וואָלט מיך הערן,
וואָלט איך געגעבן
צו דערקלערן.

איך וואָלט געגעבן
אַזוי אַ לעסאָן . . .
אַז דער וואָס אַרבעט,
דער זאָל עסן . . .
און באַטאָנט
וואָלט איך דאָס פעסט שוין, —
ניטאָ קיין אײדעמס
מער אויף קעסט שוין! . . .

איך וואָלט צעשטערט אויך
אַלע פּלענער,
וואָס מאַכן לענדער
גאָר ווי הענער . . .
זיך צו פּיקן,
זיך צו בײסן,
אײנס בײם צווייטן
שטיקער רײסן.
און מ'רײסט זיך —
אַזש אַ גרויל . . .
פאַר נאָך אַ גרוב
מיט קוילן, אויל . . .

כ'וואָלט אויסגעמעקט
דאָס וואָרט וואַליוטע,
וואָס ניט ווערט איז
מיר קיין פּרוטה . . .

איך וואָלט אויסגעסקראָבעט
דאָס וואָרט רעאַקציע,
וואָס גראַמט זיך גאָר
מיט עקספּלואַטאַציע . . .

איך וואָלט אָפּגעשאַפט
אַ יעדע גרענעץ,
אַפילו גרויס נאָר —
ווי אַ פענעץ . . .

און קעניגן
פון אַלע סאָרטן,
אַפילו די —
פון טעשל קאָרטן . . .
וואָלט איך אויסגעמעקט
פון אַלע שפּראַכן,
נאָר בלויז אַ מאָל זיי —
אַ „מלא" מאַכן . . .

אַי, ווען איך קאָן זאָגן,
און מ'וואָלט מיך הערן,
און געהאָלפן
טאַקע גערן, —

מאַך איך וואָל־סטריט
אַ מושב־זקנים,
און איך זעץ דאָרט
יעדן אײנעם —

געמבלער, רויבער,
רעקעטירער,
שווינדלער, פּעיקער,
און פאַרפירער.

און פון פאַרנט,
איך מאַך אַ טויער —
פאַרן אַרבעטער
און פּויער.

אויסגעבויט ווי
אַ ווײסטאַוועו,

פּאַר יונג און אַלט
אַזאַ זאַבאַווע . ..

איינטריט פריי!
אָן שום געלט, —
קומט און זעט
די אַלטע וועלט . . .

נאָר איך אַליין,
וואָס קאָן איך זאָגן,
אַז מיין וואָרט זאָל
ווייט זיך טראָגן?

אָבער, ווען מ'נעמט
דעם ענין . . .

און מ'ברענגט אים
פאַר אַ מנין . . .

פון מנינים —
ווערט מיליאָנען,
און זיי וועלן
טאַקע קאָנען

פון אַלע וועלטלעך
מאַכן איינע!
און טאַקע גאָר
אַ לייטיש־שיינע!

אָן מלחמות,
רויבער, שונאים, —
אַ וואוילע וועלט,
און — מיט אַ פּנים! . . .

טעג און יאָרן

אַ טאָג מיט אַ טאָג
און אַ יאָר איז געוואָרן,
און פּונקט צו דעם יאָר
ווערט אַ נייער געבאָרן.

איך פיר ניט קיין חשבון,
וואָס אַוועק איז פאַרלאָרן.

אַמאָל אַ יאָר איז אַ טאָג,
און אַמאָל טעג זיינען יאָרן.

נאָר האַלט מען זיך מונטער,
פאַרן אויג שיינע צילן, —
איז אַלט קאָן מען זיין,
און יונג קאָן מען פילן . . .

טעלעוויזשאַן

(רעציטאַציע)

ווילט איר זען וואָס,
ווילט איר הערן?
דאַרפט איר איצט
קיין סך ניט קלערן, —
בלויז אַ דריי נאָר
אַט דאָס קנעפּל,
און איר זעט —
אין יענעמס טעפּל...

איצט עס איז שוין
מער קיין נייעס,
שוואַרצע־קינצלער,
טאַנצן חיות, —
אַ נייער וואונדער
ווערט געוויזן,
גיט אַ קוק נאָר —
טעלעוויזשאַן!

עס דערציילט זיך
ווי חד־גדיא,
ביז געקומען
איז צו ראַדיאָ,
גראַמאַפאָנען,
טעלעפאָנען,
אַטאָם־באָמבעס,
פלי־קאַנאָנען,
און אַלץ נייע,
נייע ריזן,
ביז, אָט האָט איר —
טעלעוויזשאַן!

איר זעט דאָ מואוויס,
ליבעס, פייטן,
אַלץ וואָס טוט זיך
וואו ביי לייטן,
אַלעס, אַלעס,
ווערט געוויזן —
ס'איז דאָך עפּעס
טעלעוויזשאַן!

קלייבן איצט זיך
פריינט צוזאַמען,
אַלטע, יונגע,
מענער, דאַמען,
קלייבן אַלע
זיך אינאיינעם,
אַלע ווערן —
נאָענטע שכנים,
און עס גרויסט זיך
פיפערנאָטער,
וואָס אַ טעלע־
וויזשאַן האָט ער,
און זי בלאָזט זיך
ווי אַן אינדיק,
ביז צום פּלאַצן
פון אפּעגדיק...
זיצן ביידע,
מאַן און ווייבל,
קוקן אין דעם
טעלע־שייבל —
אויף אַ פרייז־פאַיט

אין דער אַרענאַ
צווישן פּעדי־מאַיק
און „היט־עם" בעני.
ער — פאַר מאַיק׳ן,
זי — פאַר בעני׳ן,
נאָר צעקאָכט שוין
ביידע זײַנען.
זי שרײַט: „בעני,
נעם אַ שטעקן!"
ער שרײַט: „מאַיק,
נו, נעם אים דעקן!"
און אַז דאָס גלעקל
הויבט אָן קלינגען,
הויבט זי גלײַך אָן
טופּען, שפּרינגען.
און וואָס שפּעטער,
און וואָס ווײַטער,
מאַן און ווײַב
עס ווערן פײַטער. —
אַ נײַער קאַמף
האָט זיך באַוויזן,
אַלץ אַ דאַנק —
דער טעלעווישאַן . . .

אַ צווייטער פאַל
עס האָט געמאַכט זיך,
וואו אַ מאַן ס׳האָט
פאַרטראַכט זיך . . .
פרוי און קינדער
אינדערהיים,
און ער — אַוועק איז
צו אַ „געים".
נאָר אַנשטאָט צו
גײן מיט הערי׳ן,
איז ער אַוועק גאָר —
מיט זײַן מערי׳ן . . .
נאָר הערי תּיכּף
רופט אָפּ גלײַך:
איז מײַן מערי
דאָ ביי אײַך?
נאָר פון הערי׳ן
און פון מערי׳ן
ניטאָ קיין צײַט איז
איצט צו הערן.
פרוי און קינדער
איצטער מוזן,
זען און הערן —
טעלעווישאַן.

זיצן אַלע
שטאַרק פאַרטאָן,
זעען די „געים" —
ווי עס גייט אָן.
נאָר אָט צעלאָזט זיך
אָן אַפּלאָוז,
וויזט מען גלײַך
דאָס פאָלק אין הויז.
פּלוצלונג שרײַט
דאָס אינגל טעדי:
מאַמע, זע נאָר,
אָט איז „דעדי"! . . .

קלאָר עס האָט זיך
איר באַוויזן
אין דעם שייבל
טעלעווישאַן, —
אַז איר מאַן

איז ניט ווי אַלע,
אַפּלאָדירט גאָר —
מערי׳ס טאַליע . . .
ער טוליעט, ליובעט
זיך מיט מערי׳ן —
אָך, וואו נעמט מען
איצט איר הערי׳ן?

ווערט זי בייז
און פול מיט צאָרן:
אַ בראָך וועט באַלד זיין
זיינע יאָרן . . .
און זי האָט דאָס
גלייך באַוויזן . . .
זי האָט צעבראָכן
די טעלעוויזשאָן!...

אָבער וואו אַ מאָדע,
אַ נייע פאַסאָן,
נעמען אַלע
גלייך דאָס טאָן.
זיץ איך איצטער
ווי אין פּריזאָן,
איך האָב אויך שוין —
טעלעוויזשאָן,

איז ביי מיר
איצט גאָר אַ קעסל:
חיה שרה,
פייגע, פעסל,
אַלע כאַפּן
שטולן גיך,
נאָר מיין ווייב —
זי ליגט אין קיך.
שטענדיג ביזי
מיטן קאָך,
און איך דערלאַנג זיי
נאָך און נאָך.
אַ קוק אין טעלע —
און אַ ביס;
אַ קוק אין טעלע —
און אַ ריס.
דעם גיב עפּל,
דעם באַנאַנעס,
גרייט זיי אָנעט —
מאַרצעפּאַנעס.
איך מוז אויסשטיין
די קאַפּריזן,
אַבי איך האָב שוין —
טעלעוויזשאָן.
נאָר פון זען וואָס
אָדער הערן,
איז ניטאָ גאָר
וואָס צו קלערן . . .

אין דאָלער־לאַנד

(רעציטאַציע)

אַמעריקע —
לאַנד פון הו־האַ,
לאַנד פון אוי־אוי,
לאַנד פון כאַ־כאַ,
קעסל־גרוב,
גרויסער מיש־מאַש,
באַנען, עראָפּלאַנען,
ראַש און קוראַזש.
אַ שטומער זינגט דאָ
אויס אַ ליד,
אויפן בוידעם
אַ יאַריד . . .
אַלץ פאַרכאַפּט דאָ
אַ בהלה,
פון הימל שריי(ב)ט מען:
טרינק „קול־קאָלאַ״ . . .
איינער גרויסט זיך:
זע, עמפּייער!
מיליאָנען גייען —
אַן אַ דרייער.
איינער סמ׳ט זיך,
אַ צווייטער גאַז׳ט זיך,
און אַ דריטער —
גאָר פאַרדזשעזט זיך.
הו־האַ,
אוי־אוי,
עס גראַמט זיך
פיין מיט פיין,
ווי און אַ־קעי
און האַלאָוו
מיט דזשים־קראָו . . .
עסן, איז פאַראַן לרוב
און עסערס זוכן —
אין מיסט דעם דרויב.
איינער טרינקט שאַמפּאַניער,
אַ צווייטער
בעט אַ סאָדע;
איינער גייט דאָ נאַקעט,
אַ צווייטער —
לויט דער מאָדע,
און מאָדעס ברעכן אויסעט
נאָר ווי אַ מגפה . . .
און פאַלשע נייעס
שפּרייט זיך,
ווי אין וואַלד אַ שרפה . . .
און די גאַזעטן,
אוי, די גאַז־עטן! —
זייט מיר מוחל —
ווי אַפּטרעטן . . .
זיי ווייסן אָפּט ניט
פון זייער חיות,
דאָך מ׳ליאַפּעט
אָנעט נייעס.
מ׳דינגט זיך אָן
אַ געבעלס־גערינג
און מ׳פּאַכעט
רויטן־הערינג . . .
טראַ־טאַ־טאַם,
דאָס איז דער טראָפּ,
פאַר דער צייטונג —
אַ גרויסער קאָפּ . . .
און די נייעס —

פויל און פוסט,
אַזוי ווי נאַר
אַן אַסטמע־הוסט . . .

אַ באַל־געים איז
די ערשטע נייעס,
פון אַ פּרייז־פּאַיט
קומט צו חיות . . .
פערד־געוועטן
שטענדיג ברויזן,
כאַטש דער שפּילער
פאַרלירט די — שלייקעס . . .

אַמעריטשקע,
דו גאָלדן לאַנד,
קיין זאַך איז
ביי דיר קיין שאַנד, —
אַבי געשעפט נאַר
קאָן מען טאָן,
זיצט מען דאָן
ביים אויבן־אָן.
און אין געשעפט
איז אַלץ צו קריגן —
אַ האַלבן אמת,
אַ גאַנצן ליגן.
ס'איז ביזנעס, יו־נאָו . . .
און כשר, ביי לאָו . . .
בהשגחת
די „פּעי" (ד'פּה) . . .
האָרי־אָפּ,
איינס און צוויי . . .

און רעקעט, גענג
און פּאָליטישן,
זיינען קאָך־לעפל
צו מישן . . .

און זיי מישן
און זיי קאָכן,
ווער צום לעבן
און ווער — געבראָכן . . .

אַמעריקע —
געלאַכט און געוויינט,
געזאָגט, ניט געמיינט;
אַ פּינטל די אויג,
אַן האַלאָו אַ צע־צי,
אַ זעץ אין זייט:
עקס־יוז־מי . . .

אַמעריקע —
לאַנד פון הונגער,
לאַנד פון עסן,
בעדרום־מעשיות,
גט־פּראָצעסן.
לאַנד פון קראַך,
לאַנד פון בום,
היפּאָקריט,
און סטראַפּטשע פרום.
לאַנד פון קיי
און לאַנד פון שפּיי,
טשו־טאָבעקאָ, נאַשערייי.
דאָ אַ פּאַון־שאַפּ, דאָ אַ באַר —
מיט געלט אַ חכם,
אָן דעם — אַ נאַר . . .
מיט „פּול" און „פּוש" —
אַבי נאַר יאָרן,
קאָן לאַ־יצלח —
ווייט דאָ פאָרן . . .
„בי אַקוועינטעד",
זייט באַקאַנט:
דאָס באַרימטע
דאָלער־לאַנד!

לעיבאָר־דעי

(רעציטאַציע)

אַרבעט! אַרבעט!
בוי גיגאַנטן,
בוי פאַבריקן
פאַר פאַבריקאַנטן.

גראָב די קוילן,
שמיד דעם אייזן,
און אַלץ וואָס
דו קאָנסט באַווייזן.

אַרבעט! אַרבעט!
דריק דעם טרעטער,
מאַך דעם באָס
אַלץ רייכער, פעטער.

און אויב עס איז דיר
אָך און וויי —
האָסטו יום־טוב . . .
לעיבאָר־דעי.

אַרבעט מאַכט
דאָס לעבן זיס,
אַ סימן האָסטו,
נו, געוויס —

דו אַרבעטסט שווער
אין שטויב און סם,
קילט דער באָס זיך
אָפּ ביים ים.

כאַפּט פון בוים
און בלום אַ שמעק,
און פון אייז־קרים
אויך אַ לעק . . .

נאָר אויב ס׳איז דיר
ניט גוט אַזוי, —
האָסטו דאָך —
אַ לעיבאָר־דעי.

ווי גיך דיין יוניאָן
האָט אַ זיג,
שאַפט גלייך שונא
ברודער־קריג.

און פאַרפאַסט
אַ ריי געזעצן,
צערייסן, ברעכן,
שענדן, העצן.

אויך די פרעסע
שוויגט ניט שטיל,
זי העלפט בילן —
פאַרן ביל . . .

ווילסטו יוניאָן,
ווילסטו פּעי —
גיט מען דרשות . . .
לעיבאָר־דעי.

———

דעמאָקראַטיע —
איז באַפּעל . . .
נאָר ניט ווייטער
פונעם שוועל . . .

און אין הויז,
אין שאָפּ און גאַס,
זיי פאַרשפּרייטן
ראַסן־האַס.

זיי שאַפן זיך
אַ היטלער־גערינג,
און עס קוויטשעט
רויטער הערינג.

שרייט און טומלט
איין געשריי,
זעט, זיי האָבן —
לעיבאָר־דעי!

———

נאָר לעיבאָר־דעי
עס קאָן אונז דינען,
ווען מען האָט נאָר
גוט אינזינען,

אַז איך און דו
און זי און ער,
צוזאַמען זיינען —
אַ געווער!

„ווען דיין שטאַרקער
אָרעם וויל,
שטייען אַלע
רעדער שטיל.“

אַזאַ יום־טוב
איך פאַרשטיי,
וואָס וועט מיינען —
לעיבאָר־דעי!

מיין טאַטע איז אַ מייסטער

מיין טאַטע איז אַ מייסטער,
ער מאַכט אַ גאַנצע וועלט;
ער בויט אויס בערג און טאָלן,
נאָר קאָן ניט — מאַכן געלט . . .

מיין טאַטע איז אַ מייסטער,
אומעטום באַוואוסט;
ער קנעט אויס טעפּ און שיסלען,
נאָר שטענדיג — איז דאָס פּוסט...

מיין טאַטע איז אַ מייסטער,
אין אַלץ איז ער געניט;
נאָר קומט אַ לעבן מאַכן,
זאָגט מאַמע, קאָן ער ניט...

פאַר פרידן!

(רעציטאַציע)

איבער אַלע שטעט און שטאָטן,
רופן רעדנער און פּלאַקאַטן:
לאָמיר היטן, ניט פאַרראַטן —
פרידן!

אויף די פעלדער, איבער יאַמען,
הערט מען רופן יעדער מאַמען:
לאָמיר אויסקעמפן צוזאַמען —
פרידן!

שרייט אַ מיינער, רופט אַ פאַרמער,
קלינגט די שער, קלאַפּט דער האַמער:
זייט פאַראייניגט קריסטן, אידן —
פאַר פרידן! פאַר פרידן!

רופט אַ שטימע פונעם קבר:
צעשאָסן איז מיין יעדער אבר,
קעמף און זיי דעם שונא גובר —
פרידן!

אויך די יוגנט האַלט אין מאָנען:
איך וויל לערנען — ניט קאַנאָנען,
פאַר פרייד און פרייהייט אַלע פאָנען—
פרידן!

שרייען קינדער אין די וויגן:
מיר ווילן שלום, ניט קיין קריגן,
פרייהייט, גלייכהייט פאַר אַ יעדן —
פרידן, פרייהייט, פרייהייט,
פרידן!

וויינען באַבעס, שרייען מאַמעס:
ראַסן־שנאה, מענטש פאַרדאַם עס,
געגן שקר, פאַרן אמת —
פרידן!

געגן בויטן, קרוע־בלוע,
פאַר אַ לעבן מיט הנאה,
געגן פאַשי־נאַצי וואָיע —
פרידן!

פויער, בויער, קינסטלער, קרעמער,
גיב אַ פּאַטש אין דעם באַלעמער,
אונזער שטימע זאָל אויפזידן —
עס מוז זיין פרידן!

געגן וואָל־סטריט אָקופּאַציע,
געגן קראַכן און אינפלאַציע,
געגן פינצטערע רעאַקציע —
פרידן!

געגן רויבער, געגן פּלינדער,
פאַר מער ברויט, מילך און רינדער,
פאַר דער צוקונפט פון די קינדער —
פרידן!

אויף די ראָגן פון די גאַסן,
זאָלן שטורעמען די מאַסן:
קריג מוז זיין פאַרמידן —
נאָר פרידן! נאָר פרידן!

מיר ווילן ניט קיין קו־קלוקס קיטלען,
וואָל־סטריט קעפּ, פון מעש די
היטלען,
פאַרן פאָלק אָלע מיטלען —
צו פרידן!

לאָז ניט שרעקן זיך מיט רויטן,
לאָז דעם גייסט אין זיך ניט טויטן,
דעם פאָלקס־פראָגנט מער אויס־
ברייטן —
פאַר פרידן!

געגן גיסן אויל אויף פייער,
פאַר פירער, טוער און באַפרייער,
שטאַרקע אייניגקייט צו שמידן —
פאַר לעבן, פרייהייט און פרידן!

יונג און אַלט

ווען קינד איז קליין — איז וועלט אים גרויס.
פאַר אַלט איז קאַלט, פאַר יונג איז הייס.

יונג איז שפּרונג און אַלט איז — קריך,
ס'איז ענג די וועלט און ענג די שיך...

אַלט איז אוי, און יונג — הו־האָ.
יונג — הוראָ, און אַלט איז — שאַ!

קליין וואַקסט גרויס, און גרויס דאַרט איין.
אַלט איז פּיין, און יוגנט — שיין.

שפּיגל מוסר'ט: זע נאָר — אַלט.
קראַמפּן ביינער, בלוטן קאַלט.

שפּיגל הנפּ'עט: זע נאָר — יונג!
אַלט איז זשאַווער, יונג איז קלונג.

ביי אַלט אויף לונג — ביי יונג אויף צונג.
יונג זוכט אַלט זיין, אַלט זוכט — יונג...

דער לערער

איר זעט אַט דעם מענטשן,
וואָס שפּאַנט אַזוי שנעל;
אונטערן אָרעם אַ צייטונג,
אין האַנט אַ פּאָרטפעל?

דאָס איז דאָך דער לערער,
וואָס לערנט אונז שוין
שרייבן און רעדן —
מיט אידישן חן.

די שול איז זיין פּאַלאַץ,
אַ טראָן יעדער שטול,
וואו די קינדערלעך זיצן,
אין יעטווידער שול.

ביי גרויס און ביי קליין,
איז ער געאַכט און געשעצט;
דאָס בוך איז זיין קרוין —
מיט לידער באַזעצט.

זיין מלוכה מוז וואַקסן,
פאַר וויסן, פאַרשטאַנד, —
די אידישע שולן
אין יעטווידער לאַנד!

אַזאַ גולם

פאַלט נאָר אַן אַ וויסער שניי,
באַדעקט די שוואַרצע גאַס,
לאָזט יונגוואַרג זיך אַרויס —
גרייט צו האָבן שפּאַס.

פון קוילן ווערן אויגן צוויי,
געצירט מיט העלן גלאָז;
פון שערבלעך ווערט אַ מויל
געמאַכט,
אַ בוריק — ווערט אַ נאָז...

איינער בויט פון שניי אַ הויז,
אַ צווייטער מאַכט אַ בער,
אַ דריטער ציט זיך אויס אין שניי—
און מאַכט אַ מענטש ווי ער.

עס ווערט אַ מענטש מיט מענטשן
גלייך,
כאַטש נעם אַ בילד אַראָפּ.
די צרה נאָר עס איז מיט אים —
ער הויבט ניט אויף דעם קאָפּ...

אויסצוגן פון אַרטיקלען, וואָס קריטיקער האָבן געשריבן וועגן סעם ליפּצינ׳ס ביכער:

מ. אָלגין (אין דער „מאָרגן־פרייהייט״).

„סעם ליפּצין (אַנקל סעם), שאַפּ-אַרבעטער. איינער פון די באַליבטסטע פאָלקס-דערציילער און פּאַרוויילער אויפן פּראָלעטאַרישן פראָנט. אַ פּראָלעטאַריער לויט זיין אָפּשטאַמונג, אַ רעוואָלוציאָנער לויט זיין וועלט-אָנשויאונג, אַ יוניאָן-טוער אין משך פון יאָרן, האָט זיך סעם ליפּצין גענומען אויספילן די פונקציע פון באַאיינפלוסן די מאַסן אינעם קלאַסן-גייסט דורך די מיטלען פון פעליעטאָנען, בילדלעך, שטיפּע-רייען, לייכטע לידלעך, מאָנאָלאָגן, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיט ערלעכן און גערעכטן האַס צו די אונטערדריקער און מיט נאַטירלעכער ליבשאַפט צו די אונטער-דריקטע. סעם ליפּצין האָט אַריינגעטראָגן זיין אייגענעם זשאַנר אין זיין שריבן. ער איז ניט קיין אימיטאַטאָר. ער איז עכט. די מאַסן האָבן זיך אָפּגערופן. עדות — די גרויסע פאַרשפּרייטונג פון העכער אַ צענדליג ביכער און ביכלעך פון סעם ליפּצין.״

פּ. נאָוויק (אין זיין באַגריסונג, מאַי דעם 2טן, 1942).

„. . . איר, אַן אמת׳ער פאָלקס-שרייבער, האָט דעם יום-טוב האַרציג פאַרדינט. די קאָמפּלימענטן, וואָס ווערן אייך געגעבן, זיינען כשר פאַרדינטע — צוזאַמען מיט דער קריטיק. דאָס פאָלק האָט שוין לאַנג געגעבן זיין אורטייל איבער אייער שרייבן דורך העלפן אייך אַרויסגעבן 14 ביכער, דורך ל י י ע נ ע ן די ביכער.

„. . . איך האָב אַלע מאָל געזען און געפילט אין אייך דעם געטרייען אַרבעטס-מענטשן, וואָס וויטאָגט כסדר איבער די עוולות וואָס ווערן באַגאַנגען געגן דעם אַרבעטער, וויטאָגט מיט אַ וויץ אויף די ליפּן, מיט אַ שמייכל, און וואָס האָט אין די שווערסטע מאָמענטן ניט פאַרלאָרן די זיכערקייט אין דעם זיג פונעם אַרבעטער-פאָלק.

„אייער איצטיגער בוך „קריג און זיג״ איז, חוץ אַנדערע זאַכן, אַ באַווייז, אַז ניט געקוקט אויף אייער שוואַכן געזונט, האָט איר ניט פאַרלאָרן דעם קאָנטאַקט מיט דער צייט, גייט אין די ערשטע רייען פון די קעמפער געגן דעם שונא פון אַמעריקע, געגן דעם שונא פון אידישן פאָלק — געגן דעם פאַשיזם. איר זייט אַ ל ע ב ע-ד י ג ע ר פאָלקס-שרייבער, אין וועמענס אַרבעטן עס קלאַפּט דער פּולס פון דער צייט. אַ שרייבער, וועגן וועמען מען קאָן ד אָ ס זאָגן, מעג זיך באמת איבערנעמען.״

ב. פענסטער (אין „סיגנאַל״):

„די פּאָפּולאַריטעט פון סעם ליפּצינ׳ס ביכלעך באַווייזט אונז — צי דאַרף מען דאָס נאָך באַווייזן? — אַז ניט קיין בעסער-געבונדענע ביכער נאָר זיין בעסער אויס-געבונדן מיט די מאַסן, מיט דער סביבה פאַר וועלכער מ׳שרייבט, איז דער וועג, דורך וועלכן פּראָלעטאַרישע שרייבער קאָנען דערגרייכן מיט זייער וואָרט די מאַסן.״

דר. א. מוקדוני (אין „מאָרגן־זשורנאַל״):

„סעם ליפּצין איז אָבער אַריין אין פּאַרטייאישן לעבן מיט אַלע זיינע חושים און האָט די פּאַרטיי-מלחמות פאַרפאָלקסטימלעכט. ער האָט פון זיי אַראָפּגענומען

די טיף-טעאַרעטישע הויט און האָט זיי געגעבן אַ לייכטע פאָלקסטימלעכע בייזקייט, וואָס איז אַ סך ליבער, נעענטער און טייער צום האַרצן. „ניט־געדאַיגעט" הייסט דאָס בוך, און איך האָב באמת ניט קיין ביסל דאגה אויף אַ רפואה אין דעם דאָזיקן בוך ניט געפונען. האַפערדיג, זיכער, גלויביג און צופרידן זיינען די מענטשן אין בוך, און דער מחבר, וואָס פירט זיי אַרויס. בין איך זיי מקנא די גרויסע זאָרגלאָזיגקייט."

משה כץ („מאָרגן־פרייהייט", מאַי דעם 2טן, 1942):

„מיט וואָס צייכנט זיך אויס סעמ׳ס שרייבן? קודם כל מיט זיין אויפגעלעבטקייט, מיט זיין אָפּטימיזם, מיט זיין קלאָרן ציל אַרויסצורופן אַ מוטיגן אָדער אַ טראָציגן שמייכל אויף אַ פאַרהאָרעוועטן פנים. . . . די גאַנצע ריי נעמען ביז דעם לעצטן: „קריג און זיג", דערציילט וועגן איין איינציגער גרונט-שטימונג, וועגן איין ליביע אין לעבן, וועגן אַ מענטש, וואָס בייגט ניט דעם קאָפּ און איז גרייט שטענדיג צו לאַכן. . . . אַזוי איז געווען מיט 20 יאָר צוריק, ווען עס איז אַרויס פון דרוק זיין ערשטער בוך „אויף לייטיש געלעכטער", — אַזוי איז עס אויך איצט, ווען ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך פול מיט ברען פון אונזער צייט אונטערן נאָמען „קריג און זיג". . . . מיר דאַכט זיך, אַז ליפּצינ׳ס געלונגענסטער זשאַנר זיינען די מאָנאָלאָגן. . . . אין זיינע מאָנאָלאָגן רעדט סעם ליפּצין מיט דער נאַטירלעכער שפראַך פון דעם פראָלעטאַריער-שרייבער.

„עטוואָס אַנדערש איז ער אין זיינע הומאָרעסקעס. מיר איז שוין נישט איינמאָל ביי אַנדערע געלעגנהייטן אויסגעקומען אָנצואווייזן, אַז ליפּצין האָט אַ שאַרף אויג און קאָן באַמערקן אמת-קאָמישע סיטואַציעס אין געוויינטלעכסטע אומשטענדן, וואו אַן אַנדערן וואָלט גאָרניט איינגעפאַלן זיי צו זוכן.

„. . . סעמ׳ס איינאַקטערס זיינען זייער אַ גוטער מאַטעריאַל פאַר קלובן: זיי זיינען לעבעדיג, פאַרשפּיצט, סאַטיריש און צייטמעסיג. . . . סעמ׳ס לידער אויף פּאָפּולערע מאָטיוון האָבן אַלע מעלות פון זיין שרייבן: זיי זיינען פשוט, לעבעדיג, זינגעוודיג, לאָזן זיך לייכט איבער׳חזר׳ן און זיינען צוגעפּאַסט פאַר אַ גרויסן עולם."

מ. ראַטושני („די פאָלקס־שטימע", אַרגענטינע, אַפּריל 18, 1943):

„סעם ליפּצין, וועמענס באַליבטער פּסעוודאָנים איז „קוועקזילבער", איז פאַר אונז ניט קיין פרעמדער נאָמען. עס האָט שוין לאַנג פון צפון-אַמעריקע קיין דרום-אַמעריקע אַריבערגעקלונגען זיין הילכיגער, לעבעדיגער און לוסטיגער געלעכטער, וואָס איז געווען „געקעמפט און געלאַכט".

„צלאַכעס די טרערן" איז דער נאָמען פון דעם 15טן ביכל מיט אָריגינעלן הומאָר, וואָס ליפּצין האָט אַרויסגעבראַכט צו דער ליכטיגער שיין. דער מחבר מאַכט אַ ווערטער שפּיל און רופט עס „צע-לאַכ-עס די טרערן", ווי ער וואָלט אונז געגעבן די פאָרמולע ווי אַזוי די טרערן צו צעלאַכן, פאַרוואַנדלען אין געלעכטער.

„ער איז אי שלום-עליכמ׳דיג, אי „טונקעלערדיג", אי אייגנאַרטיג „קוועקזילבערדיג", מיט אַזעלכע איינפאַלן ווי: „אַ דאַך אויפן קאָפּ איז שלעכט; אָבער אַ דאַך איבערן קאָפּ איז ניט שלעכט". ביי אַזעלכע שטעלן ווייזט ער אַרויס אַ שלל מיט פאָלקסטימלעכקייט אין דער שפּראַך און אַמכאָדיגקייט אינעם סאָציאַלן אויסטייטש פון די הומאָריסטישע איינפאַלן. ער איז איינער פון די פלינקסטע און שאַרפ-

זיניגסטע פעליעטאָניסטן אויף אידיש ביי אונז זינט שלום-עליכמ'ען. כ'וואָלט זאָגן, אַז ער איז באַלד אַזוי אוניווערסאַל אין די הומאָרעסקעס און פעליעטאָנען, אַז זיין מאָנאָלאָג „גוואַלד, מיינע קאָרטלעך", וואָלט מען געמעגט אָננעמען פאַר אַ בוענאָס-איירעסדיגן, לעבן דער בוראָ פון נאָפט-פּאַרטייל, אָדער די איבעריגע זאַכן, צווישן וועלכע עס רירן ממש ביז טיפסטער עמאָציע דער „לודמילאַ, דאַוואַי רוטשקו", „דער ערשטער מאַי וועט קומען", אָדער דאָס קינדער-מעשה'לע „דער וואָס לאַכט דער לעצטער". נעמט אַראָפּ די אַנגליציזמען און לאָקאַליזמען און איר בלייבט ביי אַ מין קלאַסישן הומאָריסט פון דער צאַפּלדיגער געגנוואַרט. דער איינאַקטער „טאַנקען" אָטעמט ניט נאָר מיט היינט, נאָך אויך מיט נאָענטן און וויטן ליכטיגן מאָרגן.

„דער עיקר, גיבן מיר צו, ער איז אַן עכטער פאָלקס-דיכטער, ווייל זיין הו-מאָריסטיש און סאַטיריש אויפנעמען דאָס פּראָלעטאַרישע און בכלל דאָס יידישע מאַסן-לעבן, גיט ער איבער אין די האַרציגסטע ניואַנסן פון פאָלקסטימלעכער וואָרט-געשליפנקייט, געזאַנג, עמאָציע און פרייד."

י. ב. ביילין („מאָרגן־פרייהייט", נאָוועמבער 5, 1946):

„. . . סעם ליפּצינ'ס אַ הומאָריסטישע סצענקע איז ווי אַ העלער אויפרייס אין אַ שווערן וואָלקן. יעדער פונק איז ווי אַ לאַמטערן. זיין טראַגישע דערציילונג וועט רירן דעם פאַרהאַרטעוועטן, פאַרמאַזאָליעטן אַרבעטער און אַרויסרופן אין אים אַ נייעם צאַפּל פון געפילן און געדאַנקען. זיין אַפאָריזם וועט אים אויפטשוכען, זיין וויץ וועט אים דורכדרינגען. ער איז פאָלקסטימלעך און פאַרדייעלעך.

„. . . ליפּצין האָט אונז אויך געגעבן אַ בוך, וואָס באַקענט אונזערע קינדער מיט די שאָטנהאַפטיגע, ווי אויך ליכטיגע, זייטן פונעם אידישן אַרבעטער-לעבן."

SAMUEL SILLEN (Daily Worker, Dec. 16, 1946)

. . . Liptzin is a folk writer. He deals with everyday themes in a warm, human way. Here are plain people seen with all their failings and all their virtues. Here the tales of laughter and sorrow are mixed as in life itself. Here is symphony for the exploited and struggle for a better life.

. . . Always we meet real people: the landlady and the tenant, the storekeeper and his customer, the worker and his boss. Here is the world of tenements and sweatshops. With unfailing vitality, Liptzin sees a world of interesting people, the humble, the silly, the stupid and the shrewd.

They are presented in vignettes of "humoresques." They flash briefly into our consciousness, but we recognize them and they stay with us.

* * *

M. LUB ("Aufbau," American-German weekly, Dec. 13, 1946)

The title of the book, "In Spite of Tears," appropriately reflects the character of his humor and Jewish humor generally. Underneath the comedy, one may feel the tragic motifs that lurk everywhere in the background. The short stories, humoresques, sketches, monologues and aphorisms are represented in a variety of themes—all ideal material for reading on long or short journeys.

It would seem that in his feuilletons, Sam Liptzin is always ready to express a personal attitude, that should also have a strong interest for the reader. He is always conscious of his mission as a Jew in America. Simultaneously, everything that he thinks, formulates and expresses, seems so fresh in the light tone of humor which he employs.